STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01588

DI REVOLUTSYE FUN DER MODERNER YUGNT

Ben B. Lindsey

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריכטער בען ב. לינדזיי

די רעוואָלוציע פון דער מאָדערנער יוגנט

יידיש: פועה ראַקאָווסקאַ

פאַרלאַג י. א. צוקער וואַרשע
1930

Druk. G. Piment, Sierakowska 4

אינהאַלט

1) אַלגעמיינס. די מרידה פון דער יוגנט אַקעגן דער קאָנ-ווענציאָנעלער מאָראַל.

2) די געשיכטע פון העלענע דזשאָנס. סעקסועלע עקספּערימענטן.

3) אַ גייסטלעכער, זיין טאָכטער און צוויי זעלנער.

4) עליזאַבעטס בריוו. אַ מערדערישע מאָראַליטעט.

5) אַ דעלעגאַציע פון דער יוגנט פון דענווער. די שווערע פאָלגן פון געשלעכטלעכע אינטימקייטן.

6) דער העכערער שילער. אומוויסנקייט פון די עלטערן. הלמאי די „זונה" איז פאַרלוירן.

7) די העכערע שילערין. עליזע, פראַנציסקאַ, עלען.

8) קולטור און מאָראַל. די ריכטיקע דערציונג אינדערהיים.

9) דער לעאָפּאָלד-לעב-פאַל און זיין לערע פאַר עלטערן.

10) „וועגן סעקסועלע ענינים רעדט מען נישט". געשלעכטס-מאָראַל פון דער פרוי פאַר דער פרוי.

11) דער געשמאַק. מערי און ביל.

12) פערזענלעכע פרייהייט אין געשלעכטלעכע ענינים. נייע חתונה-מאָראַל.

13) די אַלגעמיינע אומוויסנקייט אין פיזיאָלאָגיע און היגיענע.

14) אינערלעכע באַגרענעצונגען אין דער נייער פרייהייט. די יוגנט פון היינט.

15) אַמעריקאַנישע צענזור. פרייע ליבע. פּראָבע-הייראַט.

16) צוויי מינים חתונה. קינדער אָדער נישט קינדער.

17) דער צוואַנג פון דער פרייער חתונה. די געשיכטע פון אימאַגען.
18) געבורטן-קאָנטראָל, ליבע און חתונה.
19) גט. ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט פון דער פרוי.
20) דאָס רעכט פון אומגעבוירענעם קינד. מערי יעסופּ און איר בעבי.
21) דער משפט-שלמה. נאָראַ. „פריילין מוטער״?
22) איז עס „גאָטס ווילן״? הערינגס. סמיטס און קלערקס. דעגענעראַציע און געבורטן-קאָנטראָל.
23) דאָס אילעגיטימע קינד. די אומפאַרהייראַטע מוטער פון נעכטן און מאָרגן.
24) מאַמי פינק און דאָס קוידענהאַפּן-בעבי.
25) די קאַטוילישע קירך איבער געבורטן-קאָנטראָל.
26) סאָניע.
27) אָפּטרייבונג און געבורטן-קאָנטראָל. יעזוס אָדער פּוילוס.
28) דער מענטשלעכער גאָט. די פילאָזאָפיע פון די „שוואַרץ-און-ווייסע״.
29) יוגנטלעכע. זייער לעבנסאויפפאַסונג. מיקעי און דזשערריסאונדערס.
30) סקיני, דער ריכטער און די פּאָליציי. דער קינדער-ריכטער:
31) אַנטיסאָציאַלע קרימינאַל-יוסטיץ. ווונדערבאַרע מיטלען.
32) אמתע רעפאָרם. שטראָף אָדער רעטונג. דאָס ווערק פון מענטש.

ערשטער קאַפּיטל

די לעצטע צייט האַלט מען אין איין רעדן וועגן קונסטמאָלער פּריטשער, וואָס פאָרשט די טיפענישן פון ים־אָפּגרונט, שטודירט דאָס לעבן אונטערן וואַסער און מאָלט נאָכאַנאַנד בילדער פון דערדאָזיקער וואַסערדיקער וועלט.

אַלס שופט פון יוגנט־ און פאַמיליען־געריכט אין דענווער שפּיר איך זיך שטאַרק מקורב מיטן דאָזיקן קינסטלער. מיין אַרבעט איז ענלעך צו זיינער. זי איז צאַרט, איז אַ קונסט, וואָס האָט צו טאָן מיט אַן אומגעוויינלעך איידלען מאַטעריאַל און באַוועגט זיך אין זעלטזאַמע געגנטן פון מענטשלעכן גייסט, טיף אונטער דער אויבערפלאַך פון זעבאַרן לעבן. טאָג איין טאָג אויס וואַנדער איך אַרום אין אַן אונטערוועלט פון מענטשלעכן דענקן און האַנדלען, וואָס זיירע וועגן זענען פאַרבאָרגן און לגמרי אומפאַרשטענדלעך פאַר פשוטע באַטורן, פאַר אַזויגערופענע פּאָזיטיווע מענטשן, כאָטש זיי וואָלטן זיי גאַנץ לייכט געקאָנט געפינען אונטער דער אויבערפלאַך פון זייער אייגענער עקזיסטענץ, ווען זיי זאָלן זיי נאָר ערנסט אַ זוך טאָן. אַ דאַנק מיין לאַנגער דערפאַרונג האָב איך זיך אויסגעלערנט אין דערדאָזיקער אונטערוועלט צו אָטעמען און זיך פריי צו באַוועגן; מיטצוהעלפן און זיך צו באַטייליקן אין אַ לעבן, וואָס איז פונקט אַזוי שיין ווי שרעקלעך, וואָס איז אומענדלעך רייך, אָפט אָבער דאָך אַזוי ווילד פּרימיטיוו.

דער אורטייל ווערט אין דעמדאָזיקן טרוים־לאַנד פון

מיינע פאַרשונגען לגמרי אַן אַנדערער. איך האָב זיך אויס־געלערנט קיינעם און קיין זאַך נישט צו פּאַראורטיילן און קיין זאַך נישט אָנצורופן געמיין אָדער אומריין. און ס׳קומט מיר גאָר דערפאַר קיין דאַנק נישט. קוים דערוויסט מען זיך דעם אמת וועגן די מענטשן פון דער ערשטער האַנט איז נישטאָ מער קיין ברירה. דער מענטשלעכער גייסט שטייט איבערן מענטשלעכן געריכט.

דידאַזיקע לעקציע פון באַרמהאַרציקער ליבע איז אָבער נישט אַזאַ לייכטע. דאָס שלעכטע אין מענטשלעכן האַנדלען פאַר־מאָגט עפּעס איבערוועלטיקנדיקס, איבערצייגנדיקס. ס׳זענען פאַראַן צייטן ווען דידאַזיקע אומבאַזיגבאַרע און איבערוועגנ־דיקע מאַכט פון שלעכטן אין לעבן פון אַ סך מענטשן און אין צושטאַנד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט גופא וואַרפט ערשט אַריין אין יאוש, אין פאַרצווייפלונג. צום גליק איז דאָס אָבער בלויז איין זייט פון בילד און דוקא די קלענערע. ס׳רוב פירט מיך דער איינטריט אין לעבן פון די מענטשן, ווו די יוגנט איז בילדונגספעיק, שטראַלנדיק און פאַרדינט אונ־זער ליבע, נישט געקוקט אויף אַלע אירע חסרונות און פאַלשע טריט.

דערביי וואָלט איך ווי ווייט מעגלעך געוואָלט פאַרבלייבן, נישט פאַרקריפּלענדיק דאָס גאַנצע בילד. שוין פינף און צוואַנציק יאָר האָב איך דעם פאַרצוג און די גרויסע פרייד צו אַרבעטן אין צענטער פון דער אייביקער קינדהייט. איך מיין, אַז ווען די וועלט זאָל בעסער פאַרשטיין די געדאַנקען און מאָטיוון פון דער יוגנט, ווי נאַטירלעך און זאָרגלאָז, ווי נאַאיוו זי איז, ווי הייליק, אין איר אומגעקינסטלטער ערלעכקייט און פשטות, אַפילו בעת זי איז אויף דער העכסטער שטופע נישט קלוג — וואָלט די געזעלשאַפט דערגאַנגען צוריק צו איר גע־זונטן צושטאַנד. צו יענעם צושטאַנד, וועגן וועלכן קריסטוס האָט געקלערט, רעדנדיק וועגן גוטס און שלעכטס: „לאָזט די קינדערלעך קומען צו מיר און שטערט זיי נישט; ווייל זיי געהערט ס׳מלכות־שמים״.

קינדערלעך!" און די דערוואַקסענע? ס'זענען גאָרנישט קיין דערוואַקסענע. מיר זענען אַ דור פון קינדער. אונזער קינדהייט דויערט פון וויג ביזן קבר, און נישט איך האָב איך מיין געריכטס-הויז געשאַפן דאָס געזעץ, לויט וועלכן נאָר מענטשן אונטער איין און צוואַנציק יאָר ווערן באַטראַכט אַלס קינדער. איך האָב אָבער איין איינציקען טרייסט: כּל-זמן זיי זענען יונג זענען זיי בילדונגספעאיק, געטלעך בילדונגספעאיק. זיי בויגן זיך, ברעכן זיך אָבער נישט; זיי היילן זיך אויס מיט אַ וווּנדערבאַרער לעבנס-קראַפט; און אַרום זיי פליסן יענע לאַנג זיך ציענדיקע וואָלקנס פון שיינקייט, וואָס זענען די ירושה פון דער קינדהייט, צאַרטע, אָבער אומצעשטערבאַרע. לאָמיר צו-העלפן, אַז זיי זאָלן סוף כּל סוף ווערן אויך די ירושה פון גאַנצן מענטשלעכן געשלעכט.

דאָס, וואָס איך וועל זאָגן וועגן געוויסע סאָציאַלע איינ-ריכטונגען, וועט אָפט קלינגען שאַרף קריטיש, נעגאַטיוו און רעוואָלוציאָנער. איך האַלט באמת אַז ס'איז שווער, ממש אוממעגלעך זיך אין מיינע אויסדרוקן צו מעסיקן, בעת איך זע ווי קינ-דער, יונגעלייט און דערוואַקסענע ווערן טאָג-טעגלעך פאַר-קריפּלט און צעבראָכן דורך דער מאַשינעריע פון לעבן, אַזוי ווי מיר לעבן איצט. איך וויל אָבער מיט מיינע מסקנות מאַכן דווקא אַ דערלייזנדיקן איינדרוק. ווי שמערצלעך ס'זענען נישט די קראַנקהייטן, פון וועלכע ס'ליידט איצט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, האָב איך דאָך די פעסטע איבערצייגונג, אַז פּאַק-טיש זענען זיי נאָר די דעפעקטן פון אַ געוויסער במילאדיקער אומוואַנדלונג; און ביים אויפדעקן די פאַקטן, ווי זיי זענען באמת, האָב איך די האָפענונג, אַז די ווירקלעכע פאַרשטענדע-ניש פון דער אמתדיקער לאַגע וועט אומבאַדינגט פאַרשנעלערן אונזער סאָציאַלע אַנטוויקלונג, ס'וואָלט געווען געוווּנטשן, אַז דידאָזיקע שנוים זאָלן פאַרקומען נישט אין משך פון לאַנגע דורות, נאָר פון קורצע צענדליקער יאָרן!

איך וועל נישט פּרווון פּראָפּאָנירן קיין לייזונגען. איך האָב נישט קיין רפואות צו אַלץ. אָבער איך גלויב, אַז אונזער

פֿאָלקס-גייסט — אָדער ווי מ'וויל דאָרט אָנרופֿן דעם גייסטיקן סך-הכּל — וועט דעם ענין אַליין באַאַרבעטן און דערפֿירן צו אַ לייזונג, אויך די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט קאָן בכלל דערגיין צו דעם, אַז זי זאָל אין איר אייגענעם ענין שטעלן דעם דיאַגנאָז און באַגרייפֿן קלאָר לפּחות עפּעס פֿון דעם, וואָס איר פֿעלט.

אַלס נאַציע דאַרפֿן מיר, אַמעריקאַנער, ווערן פּסיכיש אַנאַליזירט. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט פֿאַרן לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט כּסדר אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַן עקזאַקטער*) וויסנשאַפֿט און איז געוואָרן פּראַקטיש אַזוי אָנווענדבאַר, אַז זי האָט אָנגעהויבן פֿאַמעלעך אויסצולערנען דעם אַמעריקאַנישן פֿאָלק די קונסט פֿון זעלבסטדערקענטעניש. איך קאָן נישט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי זאָל אַזאַ דערקענטעניש נישט ברענגען קיין נוצן, אָדער למשל, ווי דער אמת, וואָס איז ענדלעך אָנערקענט, זאָל אונז קאָנען מאַכן אַנדערש ווי פֿריי.

צום באַדויערן ווייס איך זייער גוט, אַז כ'האָב צו דערציילן אַ געשיכטע, וואָס וועט פֿאַר זייער פֿיל מענטשן זיין אַ „שאָקינג״, אַ באַליידיקונג. פֿון דעמדאָזיקן עולם וועלן עטלעכע פֿאַרמאַכן די אויגן פֿאַר די פֿאַקטן. אַנדערע וועלן זיי אָפּלייקענען מיט צאָרן. אָבער אַ קליינער טייל וועט זיי אָן שום מורא באַטראַכטן און געפֿינען דערין גוטס. פֿאַר דערדאָזיקער מינדערהייט שרייב איך.

„Shocks”, ס'הייסט האַרטע שטויסן, זענען אונז פֿון צייט צו צייט נויטווענדיק, כּדי אויפֿצוטרייסלען אונזער גלייכגילטיקייט און פֿוילקייט. דער קאָנסערוואַטיווער און קאָנווענציאָנעלער עולם האָט זיי אַזוי ליב, פּונקט ווי די ערשטע שרעק ביי אַ קאַלטער באָד. זיי האָבן ליב די באַקוועמלעכקייט, און אויב שוויגן און צביעות פֿאַרשאַפֿן זיי באַקוועמלעכקייט, זענען זיי פֿאַר שוויגן און צביעות.

אָבער אויב דער אמת איז אַזוי שווער פּוגע דעם רוב

---

*) עקזאַקט — פּינקטלעך, גענוי.

פון אונז, אַז מיר ווילן גאָר וועגן אים נישט הערן, קרענקט ער אָבער נאָך שטאַרקער די אַלע, וואָס וואַגן אים אַרויסצוזאָגן. דער אמת איז אַ צוויישניידיקער שווערד און דערפירט אָפט דעם, וואָס באַנוצט זיך דערמיט, צו סכנות־נפשות. איך האָב עס מיט העכער צען יאָר צוריק אַליין איבערגעלעבט, בעת כ׳האָב אין מיין בוך „די חיה און דער אורוואַלד" אַרויסגעזאָגט דעם אמת וועגן דער שטאָטישער פּאָליטיק אין דענווער און מיט דערפאָלג אויפגעפאָדערט גאַנץ אַמעריקע זיך מודה צו זיין, צי גילט נישט דערדאָזיקער אמת פאַר אַלע שטעט. נאָך עד היום בין איך דורך דער ביטערער שנאה, וואָס איך האָב מיר דערוואָרבן מיט יענעם בוך, געשטערט אין מיין אַרבעט. פון די לעזער פון מיין בוך, „די רעוואָלוציע פון דער מאָדערנער יוגנט" פאַרלאַנג איך לחלוטין נישט קיין פולשטענדיקן הסכם מיט מיינע אָנשויאונגען, נאָר כ׳בעט ביי זיי בלויז איין זאַך, אַז זיי זאָלן גלויבן אין מיין אויפריכטיקייט. איך קעמף דאָ פאַר דער גערעכטיקייט, וואָס איז פון די מענטשן אַזוי לאַנג צוגערויבט געוואָרן, באַזונדערס ביי די פרויען און קינדער. די אומגערעכטיקייטן, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען בעת מיין לאַנגער קאַריערע אַלס ריכטער, האָבן מיך אָנגעפילט מיט אַזאַ אַמפּערונג, אַז איך קאָן לענגער נישט שהדייגן.

איך וויל אָבער שוין דאָ שטאַרק באַטאָנען, אַז איך קריטיקיר לגמרי נישט אונזערע איצטיקע סאָציאַלע ריכטליניען און קאָנוויענצן צוליב דעם, ווייל איך נעגיר מנהגים און טראַדיציעס. איך בין פּונקט אַזוי ווי יעדער אייבער פאַר אונזערע קאָנווענצן און טראַדיציעס. איך שטעל אַזוי הויך פּונקט ווי יעדער אַנדערער אַלץ, וואָס איז באמת געמיינט אונטער התונה, זיטלעכקייט, ריינקייט א. אַ. וו. אין דעמדאָזיקן זין רעד איך וועגן זיי און אַרויסגייענדיק פון דערדאָזיקער הנחה וואַרף איך אָפּ אַ סך פון די ליידיקע שאָלן, וואָס ווערן אונז אונטערגעטראָגן אין זייער נאָמען.

און אויף דעם אופן קומען מיר לכתחילה צו דער נויטווענדיקייט ערלעד פעסטצושטעלן די נאַטור פון דער מענטש-

לעכער געזעלשאַפט, אַזוי ווי זי איז, און אָפּצוּוואַרפן יענעם פאַרבלענדנדיקן שיין, וועלכן מיר האַלטן, צוליב באַקוועמלעכקייט, אין אונזער גן-עדן פון טפשים פאַר ווירקלעכקייט. דערצו קומען נאָך די סימנים פון דער וואַקסנדיקער אַמפּערונג צווישן דער מאָדערנער יוגנט, אַן אַמפּערונג, וואָס איז אַן אומווילקערלעכע רעאַקציע פון דער יוגנט קעגן אונזער סיסטעם פון פאַרבאָטן, קעגן יעדן אַבערגלויבן, יעדער אומטאָלעראַנץ און צביעות.

האָבנדיק צוטרוי צו דעם, וואָס ס'וועט סוף כל סוף אַרויסקומען פון דידאָזיקע אַלע וואַנדלונגען, רעד איך פול מיט מיטגעפיל און ליבע וועגן די פאָרויסגייענדיקע סימנים. דערמיט איז נאָך אָבער נישט געזאָגט, אַז איך בין מסכים מיט אַלץ, וואָס געשעט איצט, אָדער אַז כ'וואָלט עס נישט וועלן ענדערן, ווען איך זאָל קאָנען. ס'איז קיין ספק נישט, אַז ס'גייט פאַרלאָרן פיל קראַפט ביי דידאָזיקע נאַטירלעכע וואַנדלונגס-פּראָצעסן, און געזונטער פאַרשטאַנד וואָלט אונז געקאָנט פאַרשפּאָרן אַ סך אומגליק און פאַרשפּעטיקונג. און טאַקע צוליב דעם דאָסדאָזיקע בוך. ס'איז די פאָדערונג פון פאַרשטאַנד לגבי זאַכן, אויף וועלכע מיר רעאַגירן ס'רוב נאָר בלינד און צוליב געווינהייט.

לאָמיר נעמען, למשל, די אינסטיטוציע פון חתונה, פון דערדאָזיקער גרונטלייגנדיקער אינסטיטוציע פון דער וועלט, וואָס איר קלוגע אָנהענדונג קאָן ראַטעווען און באַגייען די גאַנצע מענטשהייט. סאַראַ טרויערשפּיל ס'איז, וואָס מ'לאָזט אַזאַ אינסטיטוציע אומגעפּלעגט וויי טער וואַקסן, ווי ווילד קרויט אין אַ פאַריתומטן גאָרטן!

אַז מ'הייבט אויף אַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ גלייכגילטיקייט באַדייט עס זיכער נישט, אַז מען פאַראורטיילט די אינסטיטוציע גופא, נאָך להיפּך, אַז מ'האָט צו איר דעם פעסטן גלויבן.

די היינטיקע יוגנט פאַרנעמט זיך שטאַרק מיט דער אינסטיטוציע פון חתונה. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס זייער נישט קלוג. אָבער וואָס קאָן מען העלפן? און ווי אַזוי-

קאָן מען די יוגנט באַוועגן צו פאָרזיכטיקייט אין רעכטן ברען פון דידאַקטיקע סכנות? צו קאָן מען אויפטון דערמיט, וואָס מ'נעמט אָן בנוגע איר אַ האַלטונג פון פאַריזעישער פיינטזעליקייט און שטאַרקער אומטאָלעראַנץ. ניין, דאָס אַלץ רופט נאָר אַרויס ווידערשפעניקייט און נאָך אַ גרעסערע אומטאָלעראַנץ מצד דער יוגנט. צו דען איז נישט דאָס איינציקע היילמיטל אָפענע סימפּאַטיע, ראַט און אָנווייזונגען?

מען מעג עס האַלטן פאַר אַ שיינע טעאָריע. איך האָב אָבער דאָ דעם באַווייז פון אַ פינפאונצוואָנציקיאָריקער פּראַקטיק. אין דעם בוך איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס איז נישט אויסגעפּרוווט און דערוויזן געוואָרן.

צווייטער קאפיטל

אַן עלעגאַנט געקליידעטער יונגערמאַן מיט אַן אָנגעבלאָזן אויסזען איז מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אַרויסגעשטיגן פון אַ בלאַנק-בלויען גרויסאַרטיקן אויטאָ און אַריין אין קאָרידאָר פון איינער פון די ערשטע שולן אין דענווער. ער האָט זיך געפרעגט אויף דער דירעקטאָרין, וואָס מיר וועלן זי אָנרופן פריילין דזשעקסאָן און וועלכע האָט אים אויפגענומען אין איר ביוראָ.

פריילין דזשעקסאָן איז געווען אַלץ, וואָס מ'קאָן פאַרלאַנגען פון אַ היטערין און דערציערין פון אונזער יונגסטער גע-נעראַציע. זי האָט געשמט מיט איר אויסגעצייכנטער דיסציפלין און פאַרוואַלטונג מיט דער שולע, אַלס אויסערגעוויינלעך גוטע פעדאַגאָגין, וואָס וואַכט, אַלס פאָרשטייערין פון דעם גרויסן אַנשטאַלט, זייער פלייסיק איבער די מיידלעך און יונגלעך, וועלכע מ'האָט איר אָנגעטרויט. מיט אָדלער-אויגן האָט זי געקוקט אין דידאַקטיק טעג פון אומדערהערטער פרייהייט פון דער יוגנט אויף איר געביט און געגלויבט, אַז זי זעט אַלץ. דער בחור, וואָס איז איצט רעספּעקטפול און מיט אַ גוטער האַלטונג פאַר איר געשטאַנען, האָט געמאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק. זי האָט זיך דאָך באמת געדאַרפט קאָנען אָריענטירן אין דער יוגנט און איז געווען זיכער, אַז זי ווייס אַלץ. ער האָט גערעדט מיט אַן אָנגענעם מאָדולירטער שטים און מיט דער צוריקהאַלטונג פון אַ געבילדעטן מענטשן. ער איז כלומרשט

דער ברודער פון העלענע דזשאָנס פון צווייטן קלאַס. זיין מוטער איז זייער קראַנק, און ער דאַרף העלענען אָפּפירן אהיים, אויב פריילין דזשעקסאָן וועט זי באַפרייען.

— געוויס, האָט די דירעקטאָרין געזאָגט, איך וועל זי גלייך שיקן רופן.

זי האָט אָנגעקלונגען, געשיקט נאָך איר שילערין און זיך אויסגעפרעגט אַ פריינטלעך באַזאָרגטע — בעת מ׳האָט געוואַרט אויף העלענען, — וועגן פרוי דזשאָנסעס קראַנקהייט.

דער יונגער הער דזשאָנס האָט נישט געקאָנט געבן דערויף קיין גענויען ענטפער, האָט אָבער אומרואיק געקוקט אויפן זייגער, וואָס איז שוין געווען נאָנט צו צוויי.

העלענע איז אַריינגעקומען. אַ פּופּצניאָריקע, צאַרט, זייער שיין מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן און גאָלדענע לאָקן. זי האָט געהערט צו יענעם טיפּ, וואָס פריילין דזשעקסאָן איז געוווינט געווען צו באַצייכנען מיטן אויסדרוק „נעט". אַז די דירעקטאָרין האָט מיט צופרידענעם בליק אָנגעקוקט די ביידע יונגע מענטשן, האָט זי געקלערט, אַז די שוועסטער מיטן ברודער זענען אַ זייער גוט געראָטענע פּרוכט פון דער שטרענג קאָרעקטער פאַמיליע, פאַר וועלכע זי האָט געקענט די דזשאָנסעס.

— העלענע, האָט זי אָנגעהויבן, דיין ברודער זאָגט מיר, אַז דיין מוטער איז קראַנק. ער וויל דיך נעמען אַהיים. אָבער איידער דו פאָרסט, וויל איך טעלעפאָנירן און זיך דערוויסן, וואָס ס׳הערט זיך איצט אינדערהיים. איך האָף, אַז ס׳איז נישט קיין ערנסטע זאַך. פאָריקע וואָך האָב איך נאָך דיין מוטער געזען אין גאַס און געפונען, אַז זי זעט אויסערגעוויינלעך גוט אויס.

בעת זי האָט גענומען ס׳טרייבל, האָט העלענע אַ וואָרף געטאָן אַ שטאַרק צעשראָקענעם בליק אויפן יונגנמאַן, וואָס האָט נערוועז געדרייט זיין הוט.

— איך קען נישט דעמדאָזיקן הער, האָט העלענע אַרויס-

געפּלאַצט. איך דאַרפט נישט טעלעפאָנירן. די מוטער איז כּלל נישט קראַנק.

פריילײן דזשעקסאָן איז צו שטאַרק געווינט געווען צו זעלבסטבאַהערשונג, אַז זי זאָל גאָר מיטאַמאָל ווערן דער קרבן פון אַ נערוון־אָנפאַל. זי האָט זיך מאָמענטאַל באַהערשט און געפּרווט מיט אַלע מיטלען — נאַטירלעך אומזיסט — אַרויס־צוקריגן בײַם ייִנגל אָדער בײַם מײדל, וואָס באַטײַט דאָ אײגנט־לעך די גאַנצע מעשה. העלענע האָט נישט געוווסט פון גאָר־נישט און נאָר פון צײַט צו צײַט אײַז־קאַלט אַריבערגעקוקט צום אומגליקלעכן יונגנמאַן, וואָס האָט זיך ענדלעך מודה גע־ווען, אַז ער איז נישט דער ברודער, ווײַטער האָט ער אָבער אָנגענומען אַ מויל וואַסער.

— אויב אַזוי וועט דער ענין אַוועקגײן אין יוגנט־גע־ריכט, האָט פריילײן דזשעקסאָן ענדלעך באַשלאָסן און מיר גלײַך טעלעפאָנירט, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס געהערט זיכער צו דער מוראדיקער חברה פרויען־הענדלער, איז געקומען צו איר אין שולע מיטן צוועק אַרײַנצוקריגן אין זײַנע הענט העלענע דזשאָנס, די טאָכטער פון דער ערשטער פאַמיליע אין דענ־ווער און זי פאַרקויפן אַלס ווײַסע שקלאַפין.

דערנאָך האָבן זײ זיך אַלע אַוועקגעלאָזן צו מיר: דער יונגערמאַן, ס׳מײדל, אירע צוקאָכטע עלטערן און די נאָך צי־טערנדיקע פריילײן דזשעקסאָן. דער הער און די פרוי דזשאָנס, ווי אויך די שול־פאַרשטײערין האָבן געפאָדערט פאַרן אומגליק־לעכן יונג אַ שווערע און אויסערגעווײנלעכע שטראָף. אויב נישט, וועלן זײ בײַ די נאָענטע וואַלן פאַר מיר נישט שטימען.

איך האָב זײ געלאָזט רײדן — לויטן שטײגער פונם יוגנט־געריכט אין דענווער. ווי נאָר איך האָב דערשפּירט, אַז זײ האָבן זיך שוין אַלץ אַראָפּגערעדט פון הארצן, האָב איך מיך באַמיט פון זײ פּטור צו ווערן, און זיך גענומען צו העלענען און דעם יונגן פאַרברעכער גופא.

דער בחור איז נאָך די פריערדיקע סצענעס געווען האַלבטויט פון שרעק און האָט ערשט פרײַ אָפּגעאָטעמט, דער־

יענדיק, אַז איך פיל מענטשלעך און וועל נישט דערלאָזן צו פאַרברענען אים לעבעדיקערהייט. ער האָט דער פרייליין דזשעקסאָן נישט געענטפערט, ווייל ער האט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אויסלאָזן איר גאַנצן כעס צו העלענען, וועלכע ער האָט פריער קיינמאָל נישט געזען, פונקט ווי זי אים נישט.

בעת העלענע האָט דערנאָך דערציילט איר געשיכטע, האָט זיך אַלץ אויפגעקלערט.

העלענען האָט מען אינדערהיים געהאַלטן זייער שטרענג. אירע עלטערן זענען געווען אַלטמאָדישע, האָבן נישט דער־לויבט קיין שום פאַרקער מיט יונגלעך, קיין שום אויספלוגן, געזעלשאַפטן, טענץ, בעיקר נישט די נייע טענץ, בקיצור קיין שום זאַך נישט דערפון, וואָס די יוגנט ליבט און פאַרלאַנגט. העלענע האָט געזאָלט אָפגעהיט ווערן פון לעבן, ביז זי וועט אין אַ געוויסער מאָס באַקומען שכל אָדער גאָר חתונה האָבן. איר האַרץ זאָל בלייבן בתולהדיק ווי אַ ווייס בלאַט פאַפיר, אומבאַפלעקט דורך וויסן און דערפאַרונג. אומשולדיק אָדער אומוויסנדיק האָבן זיי געוואָלט האַלטן זייער טאָכטער. זיי האָבן זיך באמת געשראָקן, אפשר האָט שוין די טאָכטער חס־וחלילה געהערט, פון וואַנען ס׳נעמען זיך קינדער, זענען אָבער נישט געווען זיכער, צי — —

בקיצור, זיי זענען געווען די דזשאָנס. צי קענסטו זיי, ליבער לעזער. איך שפּיר זיך גאַנץ זיכער, אַז איך מעג וועגן זיי אַזוי ריידן, מחמת דו הייסט אָן שום ספק ברוין.

העלענע האָט זיך אָבער אין שולע געטראָפן מיט יינגלעך. איינעם פון זיי האָט זי פאַרטרויט ווי פוסט און לאַנגווייליק זי געפינט איר לעבן. זי האָט געוואָלט „דערפאַרונג" און האָט געקלערט, אַז אַן אויטאָ־נסיעה וועט זי אַרויסרייסן פון דער דריקנדיקער וואָכעדיקייט פון אירע טעג.

— דאָס וועל איך דיר זיכער קאָנען איינאָרדנען, האָט איר געזאָגט דער שילער, מיט וועלכן זי האָט געהאַט דעם־דאָזיקן שמועס. אין בין באַקאַנט מיט האַראָלד סימפסאָן. ער האָט אַ פראַכטפולן נייעם אויטאָ. ער לויפט ווי אַ בליץ און

פלירטעוועט ווי אַ טייוול. איך וועל מיט אים ריידן און ער וועט דיך געוויס מיטנעמען אויף אַ טור.

— אָבער ער זאָל נישט פלירטעווען, האָט זי אַביסל פאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן.

— אה! פאַרוואָס נישט? איז געווען דער ענטפער. ער איז אַ נעטער יאַט, און ער וועט מאַכן אַלץ, אַזוי ווי דו וועסט וועלן. ווען זאָל ער קומען?

העלענעס חשק האָט זיך ווידער אָנגעצונדן און זי האָט באַוויזן, אַז זי אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין דער סיטואַציע.

— זאָל ער זיך מאָרגן אַרום צוויי אַזייגער פרעגן אויף מיר ביי פריילין דזשעקסאָן אין ביוראָ, האָט זי געזאָגט. ער קאָן זאָגן, אַז ער איז מיין ברודער און אַז מיין מוטער איז בלומרשט קראַנק, און ער וויל מיך אָפּפירן אַהיים. דאַן האָבן מיר גענוג צייט צו פאָרן, ווייל איך קום דאָך געווייגלעך אַ סך שפּעטער אַהיים און קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

— צי וועסטו אים אויך אַ קוש טאָן?

— נאַטירלעך. דאָס קומט דאָך דערפאַר, האָט העלענע געזאָגט.

— פאָרן אָנהויב איז עס גענוג, האָט באַמערקט איר פאַרבינדעטער.

נאָכדעם ווי זי האָט מיר דערציילט דידאַזיקע אַלע פּרטים האָט זי צוגעגעבן:

— ווי איר זעט, הער ריכטער, איז עס געווען פאַר מיר די איינציקע מעגלעכקייט צוצוקומען צו אַן אויטאָ-טור. די איבעריקע מיידלעך פאָרן אַלע מיט. פאַרוואָס זאָל איך דאָס אַלץ קיינמאָל נישט האָבן? איך וועל זיך דאָך אויך פּונקט אַזוי אַמוזירן ווי אַלע אַנדערע. איך טאַנץ אַזוי שרעקלעך גערן. צי האַלט איר נישט אַזוי?

— איך האַלט גאַנץ געוויס אַזוי, האָב איך איר מיטן גאַנצן האַרצן באַשטעטיקט. און ס'איז זייער ריכטיק און נאַטירלעך, וואָס איר טוט עס. אָבער, מיין ליב קינד, ס'איז נאָך

אַ גרויסער אונטערשייד, צי ווילסטו מיט יונגעלייט טאַנצן און זיך אין געזעלשאַפטן גוט אַמוזירן, אָדער גאָר אין דער שטיל, מיט אַזעלכן, וואָס דו קאָנסט אים לגמרי נישט, אונטערנעמען אַן אויטאָ־נסיעה. ביי אַזעלכע אויטאָ־טורן קומט גאַנץ לייכט פאָר אַזוינס, וואָס געהערט לחלוטין נישט צום פּראָגראַם.

— וואָס מיינט איר — פלירטעווען?

— יאָ און טרינקען. ס'רוב יונגעלייט האָבן ביי זיך אַלקאָהאָל. איך ווייס עס, אויב דו ווייסט עס נאָך נישט. צו מיר ווענדט מען זיך כסדר וועגן אַזעלכע מעשיות, און ס'רוב ווייזט זיך אַרויס, אַז די ייִנגלעך האָבן ביי זיך שנאַפּס. און דו ווילסט דאָך זיכער נישט, אַז מ'זאָל דיך אָנשכּורן אָדער — לאָמיר זאָגן — אַפילו גאָר אָנזידלען? דו ווייסט דאָך געוויס, אַז דער טרונק צערייסט אַלע גרענעצן און נעמט אָפּ ביי די מענטשן דעם שׂכל.

אַך, הער ריכטער, האָט זי אויסגערופן, אַזוי איז מיר דאָך גאָרנישט איינגעפאַלן! אין מיין עלטער! איך בין דאָך בלויז אַ פופצניעריק מיידל! און איר ווייסט דאָך, פאַר אַכצן טוט מען דאָך אַזעלכע זאַכן בכלל נישט. ניין, געוויס נישט. איך וואָלט נישט געטרונקען.

כאָטש איך בין שוין פון לאַנגע יאָרן אַ גרויסער מומחה אויף קאָנטראָלירן די אָנשוויונגען פון אונזער אויפגעוואַקסטער יונגערער גענעראַציע, האָב איך דאָך דאָסדאָזיקע קינד געמוזט גאַנץ שאַרף באַטראַכטן, כּדי צו דערגיין, צי מאַכט זי פון מיר נישט חוזק. אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום ספק. זי האָט עס גאַנץ פּשוט און ערנסט געמיינט. זי האָט מיר אָן שום הינטערגעדאַנקען גאַנץ געטריי אָנגעוויזן אויף די שטרענגע, זעלבסטפאַרלייקנדיקע זיטן פון דער משונהדיקער וועלט, אין וועלכער זי האָט געלעבט, אַ וועלט, וואָס אירע וועגן און כּוונות, אירע מנהגים, פאַנטאַזיעס און געדאַנקגענג זענען אירע עלטערן — און ווי ס'האָט אויסגעזען אויך אירע לערער — געווען אַזוי אומבאַקאַנט ווי די סאָציאַלע מנהגים אויפן מאַרס. זיטן, וואָס דידאָזיקע עלטערן און לערער וואָלטן זי־

בער דערקלערט פאַר אוממאָראַליש און פשוט אוממעגלעך. העלענע איז לויט זייערע באַגריפן, לויט זייערע אומבאַריר־באַר פעסטשטייענדיקע, אומדיספּוטירבאַרע זיטן־געזעצן פשוט געווען שלעכט. זי איז שוין געווען אַזוי ווייט אַוועקגעגאַנגען פון יעדן אָנשטענדיקן דענקען, אַז זי האָט שוין כמעט נישט פאַרדינט קיין בכבודיקע היים, נאָר טאַקע געדאַרפט לגמרי אַרויסגעשטויסן ווערן פון דער געזעלשאַפט, ווו האָט איר יעדראָט באַקענט צו ווערן מיטן אמת.

איך האָב זיך נאָך גענויער אינפאָרמירט און דערגאַנגען, אַז אויטאָ-טורן מעג מען שוין אָנהויבן צו פופצן יאָר, צו אכצן קאָן מען רואיק טרינקען און פלירטעווען צו יעדער צייט. קושן, דריקן און אַנדערע עקספּערימענטן אויפן געביט פון סעקסועלער דערפאַרונג, אויב זיי זענען נאָר נישט אַוועק צו ווייט, זענען געווען עפּעס אַזוינס, אויף וואָס דאָסדאָזיקע צאַרטע, געבילדעטע מיידל האָט זעלבספאַרשטענדלעך געוואַרט, אויף וואָס זי האָט שוין לאַנג, נאָך פאַר אכצן יאָר, געקוקט ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איר קומט. תמיד אָבער בתנאי, אַז זי זאָל עס דורכמאַכן, און מ׳זאָל זי נישט כאַפּן. דאָס איז געווען איר זיטן-געזעץ, און די מאָראַל פון אירע פּריינט און פאַרטרויטע.

וואָס שייך דער פראַגע פוןווירקלעכער סעקסועלער דערפאַרונג, איז זי נאָך וועגן דעם נישט געווען אינגאַנצן אָנטשלאָסן, איז אָבער אין דאָזיקער הינזיכט געווען גענויגט צו ברייטהאַרציקייט. זי האָט אַרומגערעדט מיט מיר דעמדאָזיקן פּונקט מיט די קלענסטע פּרטים און מיט אַ גרויסן צוטרוי, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז מיין געריכטס-הויף האָט נאָך קיינ־מאָל נישט פאַראַטן די, וואָס שענקען אים זייער צוטרוי.

זי האָט געהאַלטן, אַז אַן אַלגעמיינער מישמאַש אין גע־שלעכטלעכן פאַרקער איז נישט ריכטיק, פראַגע-הייראַטן אָדער ליבע-פאַרהעלטעניש צום צוועק פון אַ בעסערער אינפאָרמירונג געפעלן איר זייער, איבערהויפט ווען זי קוקט זיך צו ווי

ס׳רוב חתונות ענדיקן זיך מיט גטן. צי איז עס דען נישט אוממאָראַלישער צו לעבן אַלס גענעצלעכע מאַן און ווייב אָן ליבע, ווי לעבן צוזאַמען מיט ליבע און נישט חתונה צו האָבן?

— פון וואַנען נעמען זיך צו דיר די דאָזיקע אַלע אידייען? האָב איך זי געפרעגט

— וועגן דעם האַלטן מיר מיידלעך דאָך כסדר אין איין רעדן, און אַנדערע רעדן אַפילו מכּח דעם מיט יונגלעך אויך. דערצו בין איך נאָך אָבער נישט דערגאַנגען. צו אירע עלטערן האָט זי זיך באַצויגן אויסשליסלעך מיט מורא און אומצוטרוי. זי האָט אויסגעצייכנט געוווסט פון דערפאַרונג, אַז זי איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אירע פראַגן און געדאַנקען מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס איר מוטער אָדער איר פאָטער זאָלן זיי פאַרשטיין. ווען זיי זאָלן הערן דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט מיר, דעם ריכטער, וואָלטן זיי אפשר פון צאָרן און אַנגסט פון זינען אַראָפּ. זי האָט געוווסט, אַז זיי האַלטן, אַז זי קאָן נישט האָבן קיין שום אורטייל און קיין שום פאַרשטענדניש פאַר אַזעלכע זאַכן און דעריבער האָבן זיי זי געהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, הינטער פאַרשלאָסענע טירן. דאָס אַלץ האָט זי אינערלעך צוריקגעשטויסן און זי איז כסדר בנוגע זיי געוואָרן פאַרשלאָסענער אין די וויכטיקסטע לעבנס-אָנגעלעגנהייטן. מיט דער ש..ל-פאַרשטייערין און ס׳רוב פון די לערער און לערערינס איז געווען פונקט דאָסזעלבע. עטלעכע פון זיי האָט זי געהאַסט, מורא געהאַט פאַר אַלע, און וואָלט קיינמאָל אין לעבן מיט זיי וועגן אַזעלכע זאַכן נישט גערעדט.

שפּעטער, בעת איך האָב נאָך אַמאָל גערעדט מיט פריי־לין דזשעקסאָן וועגן דער גאַנצער זאַך, האָב איך בלויז איבער־געגעבן דאָס, וואָס איך האָב געקאָנט, נישט פאַראַטנדיק העלענעס צוטרוי. דאָס, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן, האָט לכתחלה פריילין דזשעקסאָן פולשטענדיק איבערוועלטיקט. דערנאָך איז אויסגעבראָכן דער שטורם. זי איז געווען צופרידן געווויר צו ווערן איצט דעם אמת וועגן מיידל, וואָס האָט זי תּמיד

אָפּגענאַרט מיט אירע גלאַטע מאַנירן. און זי איז געווען צו־פרידן, וואָס אַזעלכע פאַלן קומען פאָר אין איר שולע זייער זעלטן, אויף די פינגער צו ציילן.

— אויסער דעם, האָט זי צוגעגעבן, קאָן מען מיך נישט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ס׳קומט פאָר מחוץ דער שולע. אינעווייניק ביי מיר אין שולע ווייס איך געוויס וועגן אַלץ, זיי קאָנען פון מיר קיין זאַך נישט באַהאַלטן. אָבער נאָך דער שול־צייט ליגט די פליכט אויף די עלטערן צו שטיין אויף דער וואַך.

— צי האַלט איר נישט, האָב איך געוואַגט צו באַמערקן, אַז איידער צו שטיין אויף דער וואַך, וואָלט אפשר גלייכער געווען צו שפּילן אָפענע קאָרטן, זאָגן אונזער יוגנט דעם אמת און געווינען זייער צוטרוי, כדי ווירקלעך זיי צו האַלטן אין די הענט?

— דאָס קלינגט טאַקע זייער שיין, האָט זי אַ זאָג גע־טאָן פול צאָרן, אָבער דערצו וועט קיינמאָל נישט דערגיין; אויב מ׳זאָל וועלן רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָלט מען זיי נאָר אַרויפגעפירט אויף דידאַזיקע געדאַנקען. און צו וואָס זאָל מען ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף מיאוסע זאַכן אין לעבן, בעת ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל שיינס און נוצלעכס? איך וואָלט קיינמאָל נישט געלענקט זייערע געדאַנקען אויף גע־שלעכטלעכס. זיי דאַרפן זיך גאָר דערמיט נישט פאַרנעמען.

— און איר קלערט, אַז אייך געלינגט זיי דערפון אָפּ־צוהאַלטן?

— גאַנץ געוויס? האָט זי אַ זאָג געטאָן. אויסער דער שולע, באַטירלעך נישט. אָבער אין שולע האַלט איך דעם עולם אין די הענט.

מער האָב איך מיט איר נישט דיספּוטירט, האָב אויך נישט געהאַט קיין חשק איר צו דערציילן, אַז העלענעס פאַר־שווערונג מיט איר שול־חבר איז פאָרגעקומען אין שולע גופא, נישט קיין גאַנצע פינף טריט פון פריילין דזשעקסאָן. אַלץ איז

אָפּגעמאַכט געוואָרן אין דער שטיל, און אירע שאַרפע אויגן און אויערן האָבן עס אַפילו נישט באַמערקט!

אָבער דאָס איז דוקא דער קאַרדינאַל־פּונקט ביי דער־דאָזיקער פראַגע. עלטערן און לערער האַלטן, אַז ס'קאָן געמאַכט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז בלויז דורך שטילשווייגן, דורכן פשוטן אויסמיידן דעם קעגנשטאַנד, איז מעגלעך אָפּצוהאַלטן אונזערע אויפוואַקסנדיקע מיידלעך און יונגלעך פון טראַכטן, רעדן און שפעקולירן איבער געשלעכטלעכע ענינים, בעת זיי האָבן פאַר זיך דערצו אַלע מאָדערנע מיטלען ווי צייטונגען, ביכער, בילדער, טעאַטער און קינאָס, דאָס בלייבט פאַר מיר אַ שטות, פאַר וועלכן איך האָב גאָר קיין ווערטער נישט, איינע פון די געפערלעכסטע פון אונזערע פילע אומגעהייערע נאַרישקייטן.

איך האָב אַרויסגעראַטעוועט העלענע דזשאַנס פון די הענט פון אירע עלטערן און לערער, האָב דערנאָך געפירט מיט איר אַ סך לאַנגע שמועסן און געשאַפן אַ שטיקל אָרדענונג אין איר צעטומלטן יונגן געמיט. זי אָריענטירט זיך איצט אויסגעצייכנט און אירע באַציאונגען צו יונגעלייט זענען אַזעלכע, ווי זיי דאַרפן זיין. איר פאַל איז איינער פון די הונדערטער, מיט וועלכע איך האָב שוין יאָרן לאַנג צו טאָן אין מיין געריכטס־הויז. ער איז אויך איינער פון די פילע אַבסאָלוטע באַווייזן, אַז די יונגע מענטשן זוכן נישט אין לעבן קיין שלעכטס, נאָר גוטס, און אַז זיי ווילן בלויז עפּעס ס'שלעכטע, ווייל אין זייערע אומדערפאַרענע אויגן זעט עס אויס צו זיין גוט.

נאָך עפּעס באַווייזט דערדאָזיקער פאַל. ס'יונגע פאָלק וויל זעען פאַקטן און וויסן און אַליין שאַפן זייערע אויספירונגען. זיי באַטראַכטן עס פאַר אַ באַליידיקונג, וואָס די עלטערע האַלטן, אַז זיי קענען נישט האָבן קיין געזונטן אורטייל און אין דער הינזיכט זענען זיי פולשטענדיק גערעכט. ס'איז און בלייבט אַ באַליידיקונג צו צווייפלען אָפן אין דער אינ־טעליגענץ פון אַ מענטשן, צי ער איז דערוואַקסן אָדער נישט.

קײ ע װעט אַזאַ באַלײדיקונג לײכט נישט אַראָפּשלינגען. דער יוגנט אָבער דערלױבט מען זיך צו זאָגן איר אין פּנים אַרײן, אַז זי דאַרף נאָך דאָס און יענץ נישט װיסן, װײל זי קאָן נאָך װעגן דעם נישט אורטײלן. דער אמת איז אָבער — און יעדעס קינד װײס עס—אַז קינדער טראַכטן און האַנדלען פּונקט אַזױ לאָגיש װי דערװאַקסענע און אַ סך ערלעכער דערצו, און אַז זײערע פעלערן שטאַמען בלױז פון זײער באַגרעניצטער קענטעניש פון די פאַקטן.

העלענע דזשאַנס האָט פון די פאַקטן, װי נאָר איך האָב זײ איר גאַנץ גענױ אָנגעװיזן, אַרױסגעצױגן די ריכטיקע מסקנות. פאַרװאָס האָבן דאָס די עלטערן פון איר באַהאַלטן, צי דען האָבן זײ שטענדיק נישט געטאָן פאַר זײער קינד ס׳בעסטע? װאַרשײנלעך, װײל דידאָזיקע עלטערן, װי ס׳רוב מענטשן, זענען נישט געװען באַגאַבט מיט קײן באַזונדערן פאַרשטאַנד און פאַרשטעלונגס-קראַפט און האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, װאָס זײ האָבן געהאַנדלט לױט אַ טראַדיציע, נישט קאָנטראָלירנדיק צומאָל װי געהעריק דעם װי-אַזױ און פאַרװאָס. דענקען איז אַ האַרבע אַרבעט. און דורכבּרעכן אַ װעג פאַר נײע זיטן איז נאָך אַ פיל שװערערע מלאכה. ס׳רוב מענטשן האַלטן זיך נישט װילנדיק װײט דערפון, נישט װיסנדיק אײגנט-לעך פאַרװאָס, אפשר טאַקע צוליב דעם, װאָס זײ האָבן פײנט יעטװעדע אומבאַקװעמלעכקײט.

דער געדאַנק, װאָס דערפירט מיך כּמעט ביז פאַרצװײ-פלונג, איז דער, װאָס די העלענעס (נײן און נײנציק פון הונדערט!) װעלן זיך באַמיען זײערע קינדער װידער אַזױ אָפּצוהיטן, װי זײ גופא װערן „אָפּגעהיט" פון זײערע עלטערן, אַראָפּציענדיק דעם פאָרהאַנג פון אומװיסנהײט צװישן קינד און דעם אמת, דעם אמת, װאָס נאָר ער אַלײן מאַכט פרײ. איך האָב עס כּסדר איבערגעלעבט. עס קומען צו מיר מײדלעך מיט שװעריקײטן, פון װעלכע איך האָב אַרױסגעהאָלפן זײערע מוטערס מיט פופצן, צװאָנציק יאָר צוריק. די מוטערס זענען

אונטערגעוואָרפן, לגמרי קעגן זייער אייגענעם וויסן און אור־טייל, דעם סאָציאַלן דרוק, דער באַצווינגנדיקער געזעלשאַפט־לעכער סוגעסטיע, אַז אומוויסנהייט איז כּלומרשט דער בעסטער שוץ פאַר דער יוגנט קעגן אַ פריצייטיקער דערוואַכונג פון אירע שטאַרקסטע עמאָציעס.

אַז די מעשה איז לחלוטין נישט אַזוי, דערמיט וויל מען זיך נישט רעכענען. מ׳וויל גלויבן, מ׳גלייבט עס, און אַלע טענות קעגן דעם זענען אומזיסטע.

דערפון שטאַמען דער אומצוטרוי, די גרינגשעצונג, די גרויסע עמפּינדלעכקייט, די שטאַרקע עקשנות אין דער האַלטונג פון דער היינטיקער יוגנט לגבי עלטערע מענטשן, באַזונדערס בנוגע די, וואָס דאַרפן זיי באַהערשן און פירן: בנוגע די עלטערן און לערער.

דידאַזיקע פאַרקערטע ווירקונג אויף דער יוגנט איז דווקא נישט ניי, זי האָט אייגנטלעך עקזיסטירט אין אַלע צייטן. אָבער איך מיין, אַז זי האָט זיך נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פריי און מיט אַזאַ דייטלעכן דערפאָלג ווי איצט. איך וועל דאָ גלייך באַטאָנען, אַז לויט מיין מיינונג שטאַמען דידאַזיקע זאַכן פונדערהיים, און אַז דער בעסטער און קליגסטער לערער קאָן דאָ אָן הילף גאָרנישט אויפטון.

דידאַזיקע זאַכן זענען סימפּטאָמען. פון וואָס? פון עם גייסטיקן צושטאַנד, וואָס רעדט צו דער גאַנצער וועלט פון די דערוואַקסענע: „איר מיינט, הייסט עס, אַז איר זענט אַ סך קלוגער פאַר אונז! מיר זאָלן אייך פּשוט אַלץ גלויבן. איר קאָנט זיך אַזוי האַלטן, מיר אָבער מוזן זיך אַנדערש באַנעמען. איר זענט אַלט און קלוג, מיר זענען יונג און נאַריש, שוטים. נו גוט. ווייזט אונז אָבער אַמאָל דעם אמת, אויב איר קענט אים! דערווייל גייען מיר אונזער וועג!

מיט דרייסיק, פערציק יאָר צוריק האָט די יוגנט נישט געקאָנט קומען צו דער וועלט מיט אַזעלכע אַרויספאָדערונגען

און רעכענען כאָטש אויף אַ וועלכן נישט איז דערפאָלג. היינט אין דער עפּאָכע פון אויטאָמאָביל, טעלעפאָן, פון גוטע פּענ־סיעס פאַר יוגנטלעכע פון מענלעכן און ווייבלעכן געשלעכט א. אַ. וו. היינט איז עס מעגלעך.

איך זע באמת נישט קיין שום מיטל קעגן דעם אַלעם, אויב מיר דערוואַקסענע זאָלן נישט דערגיין דערצו, אַז מיר זאָלן די־דאָזיקע יונגלעך און מיידלעך באַהאַנדלען מיט אַ גע־וויסן רעספּעקט, ווי גלייכע. איך מיין נישט דערמיט, אַז מיר זאָלן מיט זיי שליסן חברשאַפט. דערוואַקסענע זענען בכלל פאַר קינדער נישט קיין חברים. זייערע אינטערעסן און אָנשויאונגען זענען לגמרי אַנדערע. איך מיין בלויז סימפּאַטיע, פאַרשטענ־דעניש, טאָלעראַנץ און אַ פולשטענדיקע גרייטקייט צו דערלויבן דער יוגנט אויסצופאָרמירן איר אייגן לעבן אין ליכט פון די פאַקטן. אַזאַ מין האַלטונג מצד די דערוואַקסענע פאַר־טרייבט מאָמענטאַל יעדע קעגנערשאַפט, יעדן ברוטאַלן ווידער־שטאַנד, יעדע ווידערשפּעניקייט. דאָס האָט תמיד אַ פּעולה. איך בין אין דאָזיקער הינזיכט ביי אַלע מיינע פּרוּוון מיט דער יוגנט קיין איינציק מאָל נישט דורכגעפאַלן, אויסער אפשר מיט אומנאָרמאַלע. און נאָך מער, אַז מ׳באַהאַנדלט די יוגנט אויף אַזאַ אופן, ווערט זי נאָכגעביק, הכנעהדיק, פאָלג־זאַם און באַפרייט זיך פולשטענדיק פון דער געוואַלדיקער זיכערקייט, וואָס מ׳פלעגט אַמאָל באַטראַכטן אַלס אומבאַדינגטן טייל פון דער יוגנט. די־דאָזיקע כלומרשט פעסטע זיכערקייט איז נישט מער ווי אַ מוטיקע אָנשטרענגונג אויסצובאַהאַלטן די אייגענע ספקות און שוואַכקייט פון די אויגן פון אַ פאַר־שטענדענישלאָזער, ליבלאָזער וועלט פון דערוואַקסענע. זי פאַרשווינדט ביי דער ערשטער מיטפילנדיקער באַרירונג, און אַלע ווערן קליינע קינדער, וואָס זוכן און שטרעבן צו ליכט און הדרכה.

אייערע אייגענע קינדער, מיין הער און חשובע פרוי איקס, איגרעק, זענען קלוג, ריכטיקדענקנדיק, פול גוטע שטרעבונגען און האַרציקע סימפּאַטיעס, פּונקט אַזוי ווי איר

האָט עס געהאַפּט אין זיך געווונטשן. ערלעכקייט און גוטקייט נעמט זיי אָן ביים האַרצן. גלויבט עס ווען זיי און פרייט זיך, פאַרגלייכנדיק זיי מיט זיך אַליין, וואָס די טעג פון זייער יוגנט ווייזן אַרויס אַזאַ גרויסן פּראָגרעס קעגן דער פינסטערער צבֿיעות פון פּוריטאַניזם, פון וועלכן זיי שטאַמען.

דריטער קאַפּיטל

אַז ס׳קומען צו מיר יונגלעך און מיידלעך פון 14 ביז 18 יאָר, וואָס באַזוכן די העכערע שולן, רעדן זיי נישט נאָר וועגן זיך, נאָר אויך וועגן אַנדערע יונגעלייט, וועלכע נויטיקן זיך אין מיין הילף. די פּעדעם שפּינען זיך ווייטער און ווייטער אָן אַן עק און אָן אַ סוף, און מיין קראַפט און צייט צו עצהנען און צו ווירקן גייט בלויז אויף אַ קורצן שטח. פון יעדן באַזונדערן פאַל, מיט וועלכן מ׳ווענדט זיך צו מיר, וואָלט איך געקאָנט אויפדעקן טויזנט אַנדערע. דער ערשטער יונגער זיבדיקער ווייס צו דערציילן פון איינעם אָדער צוויי אַנדערע, וואָס האָבן פּונקט ווי ער געטראַכט, אָדער אים נאָכגעטאָן. דידאָזיקע אַנדערע רופן אָן פון זייער זייט נאָך עטלעכע, וואָס זענען פּונקט אַזוי געשטימט א. א. וו.

עלענע דזשאָנס פאַל האָט געווירקט אַלס אויסנאַם נאָר צוליב דעם. וואָס דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל האָט מען זי געכאַפּט. דאָס כאַפּן איז טאַקע אַן אויסנאַם. ס׳קומט אַפילו נישט נאָר קיין איין מאָל אויף צען פאַלן, יאָ, באמת איז עס נאָך אַ סך זעלטענער, איך וואָלט זאָגן, אַז אַפילו נישט קיין צוויי פון הונדערט.

איך שטיי אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט צענדליקער פון דידאָזיקע יונגעלייט פון ביידע געשלעכטער. זיי דערציילן מיר אַלע עפּעס, און אַז איך שטעל מיר צוזאַמען דידאָזיקע פאַרשידענע אָפּגעריסענע שטיקלעך אינפאָרמאַציעס

וואָס פליסן אַריין צו מיר אומאויפהערלעך פון די פאַרשידנ־ אַרטיקסטע קוועלן, — ווו איין באַריכט־אָפּגעבער ווייס נישט פון אַנדערן — באַקום איך אָבער דאָך אַ אומפּאַסנדיק בילד פון גאַנצן, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק און אמתדיק. איך האָב נאָך אָבער נישט געטראָפן קיין עלטערן אָדער לערער, וואָס זאָלן האָבן די מינדסטע אַנונג פון אַזאַ מין אמתדיקן בילד.

דאָס וועט אפשר פאַר פיל פון זיי זיין אַ מוראדיקע באַהויפּטונג. כאָטש נאָך ווייט נישט אַזוי „שאָקינג”, אויפרעגנ־דיק ווי דאָס, וואָס איך האָב נאָך ווייטער צו זאָגן. די צע־שראָקענע וועלן באַטירלעך האָבן זייער געוויינלעכן ענטפער. זיי וועלן אומדרייען מיטן פּנים צום וואַנד דאָס בילד, וואָס איך האָב פאַר זיי געשילדערט און פאַרזיכערן, אַז מיין שטענדיקער אומגאַנג מיט פאַרברעכער האָט פאַרפינסטערט מיין בליק און איך ווייס לגמרי גאָרנישט וועגן די אַלע געזונטע און גוטע מיידלעך און יונגלעך, ווייל זיי זע איך נישט פאַר די אויגן אין מיין געריכטס־הויז. דערין זענען זיי זיך אָבער שטאַרק טועה. הונדערטער יונגע לייט פון פאַרשידענעם עלטער זוכן מיך אויף און פאַרפאָלגן מיינע פאַלן, נישט צוליב דעם, ווייל זיי האָבן זיך אַליין מיט עפּעס פאַרזינדיקט, נאָר פּראָסט פּשוט ווייל זיי אינטערעסירן זיך מיטן ענין און ווילן וויסן וואָס דאָס אַלץ באַדייט, און ווי און פון וואַנען ס׳קומט. אויסער דעם איז ביי אונזער געריכטס־הויז אויך איינגעאָרדנט אַ שטעלן־פאַרמיטלונגס־ביוראָ פאַר יוגנטלעכע, וואָס שאַפט אונז אַ קאָנ־טאַקט מיט די פיינסטע און בעסטע יונגעלייט פון דער געגנט. אַ סך ווידער קומען צו מיר וועגן אַ פריינט אָדער אַ פריינדין, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליק. טייל קומען מיט זייערע עלטערן, אַנדערע ווידער ווערן געשיקט דורך זייערע עלטערן, וואָס האָבן שכל צו פאַרלאַנגן, אַז זייערע קינדער זאָלן פון דער ערשטער האַנט קומען אין באַרירונג מיט די זאַכן, ווי זיי זעען ווירקלעך אויס. אויף דעם אופן איז מיין פאַרקער מיט גוטער יוגנט פונקט אַזוי אויסגעברייי־

טערט ווי מיט יענער יוגנט, וואָס לויטן אורטייל פון אירע דערוואַקסענע צייטגענאָסן איז זי נישט גוט.

איך דערמאָן זיך דאָ אָן אַ פּאַסטער אין דענווער, וואָס האָט מיך בשעתו עפנטלעך באַשולדיקט אין „רכילות־טרייבעריי אויף דער אַמעריקאַנישער יוגנט". זיין באַרעדזאַמקייט איז גע־ווען אַזוי שטאַרק ווי זיין אַמפּערונג, און איך צווייפל נישט, אַז מיט זיינע פייערדיקע ווערטער איז אים געלונגען אַנדערע צו איבערצייגן. ער האָט, וואַרשיינלעך, בעתן רעדן, געהאַט פאַר זיינע אויגן ס'בילד פון זיין אייגענער, לייבלעך שיינער טאָכטער. זי איז אפשר געזעסן דערביי און אויסגעהערט זיינע ווערטער. ווי וווּנדערבאַר, אַז זי און טויזנטער אַנדערע ריינע יונגע מיידלעך אין דענווער האָבן געקאָנט אין איין אָטעם אַרויסגערעדט ווערן מיט אַזעלכע אומגליקלעכע אָנשויונגען ווי מיינע, ווייל זיין שטאַנדפּונקט איז געווען דער, אַז יונגעלייט וואָס באַגייען פעלערן, איבערהויפּט אין געשלעכטלעכן פאַרקער, זענען פּשוט „אוממאָראַליש", אַן אָנשויאונג, וואָס איך וואַרף זי לחלוטין אָפּ. און הערט: אין יענער צייט, בעת דער פּאַ־טער האָט אויף מיר געוואָרפן אַזאַ שרעקלעכע באַשולדיקונג, האָט זיך זיין יונגע טאָכטער געפונען אונטער מיין אויפזיכט און איך האָב זי געמוזט — צוליב אַן אָנשטעקונג — לאָזן באַהאַנדלען דורך אַ דאָקטאָר, אין וועמענס דיסקרעציע איך בין געווען פולקאָם זיכער. איר פאָטער האָט דאָס, נאַטירלעך, נישט געוווּסט און ווייסט נישט ביזן היינטיקן טאָג. אים וואָלט זיכער געכאַפּט דער שלאַג, ווען ער זאָל עס דערגיין. זיין טאָכ־טער איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי צו זוכן ביי מיר די הילף, דעם ליבעפולן מיטגעפיל, די טאָלעראַנץ, וואָס זי האָט קודם כל געדאַרפט געפינען ביי איר פאָטער. סאַראַ טראַגעדיע, וועלכע זי וואָלט אַלץ געקאָנט פאַרערגערן, ווען זי גייט לכתחלה צו אים! ווי טרויעריק, וואָס זיין אומטאָלעראַנץ האָט איר פולשטענדיק פאַרשלאָסן דעם וועג צו זיין פאַר־טרויען!

דאָס דאָזיקע יונגע מיידל האָט געדינט אַלס גוטער ביישפּיל פאַר דער אוממעגלעכקייט צו דערציען די יוגנט לויט מעטאָדן, וואָס זענען אין אַלע צייטן געווען נאָטאָריש אומווירקזאַם, און איצט, ביי אונזערע פאַרהעלטענישן זענען זיי פּשוט לעכער־לעך.

דעם פאַסטאָרס טאָכטער האָט מען שטאַרק אָפּגעהיט. זי האָט נישט געטאָרט טאַנצן, האָט קיין מאָל נישט געזען קיין קינאָ, נישט געטאָרט שפּילן אין קאָרטן, ווייל דאָס אַלץ הייסט זינדיקן. איר אַזויגערופענע רעליגיע איז באַשטאַנען אין מתפּלל זיין צו אַ צאָרנדיקן גאָט, וואָס זיין הויפּטבאַשעפטי־קונג באַשטייט דערין, צו באַשטראָפן די רשעים, וועלכע ער האָט באַשאַפן און באַלוינען די קליינע צאָל צדיקים, וואָס טוען זיין ווילן.

דאָס איז געווען איר אויסבילדונג און איר צוגרייטונג צום לעבן.

אין איין שיינעם טאָג האָט זי באַגעגנט צוויי זעלנער, וואָס האָבן זי מיטגענומען אַ־יף אַן אויטאָ־שפּאַציר. אויף דעם אופן האָבן איר פאָטערס גוטע אַלטמאָדישע מעטאָדן געדאַרפט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון די מאָדערנע פאַרהעלטענישן. און דעמדאָזיקן עקזאַמען האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן.

דער גלח אָבער, וואָס זיין אייגן קינד האָט זיך אים נישט געקאָנט אָנפאַרטרויען, בעת זיין פאַלשער דערציונג־סיסטעם האָט לחלוטין באַנקראָטירט, האָט פאַרזיכערט און פאַרזיכערט נאָך עד־היום, אַז ער לעבט און דערציט לויט דער לערע פונם מאַן פון נצרת, וואס האָט אַמאָל צו דער אשת־איש געזאָגט: „און אַזוי פאַראורטייל איך דיך אויך נישט; גיי און זינדיק נישט מער". דאָס, אַזוי האָבן זיי געזאָגט, איז כּלומרשט „אַ דערמוטיקונג צו אומזיטלעכקייט". באמת האָבן זיי געזאָגט, אַז יעזוס האָט תּמיד דערמוטיקט די אוממאָראַליטעט. דאָס איז געווען איינער פון די מאָטיוון, פאַרוואָס הויכע כּלי־קודש פון יידישן קולט האָבן נישט געקאָנט מיט אים מסכּים זיין, און דאָס איז דער גרונט, צוליב וועלכן געוויסע רעאַקציאָנערן

צווישן דעם קריסטלענע קלער קרייציקן אים נאָך ביי יעדער געלעגנהייט עד-היום. זיי דערמוטיקן נישט די אומזיטלעכ-קייט, געלויבט צו גאָט!

דער נאַר וואָס דערמאָנטער פאַל איז צופעליק דערשי-נען אין צוויי כמעט גלייכע אויפלאַגעס. א טאָכטער פון א פּאַסטאָר, וואָס פאַרפאָלגט מיך מיט זיינע אומגעהייערע אָנ-גריפן, בעת איך ראַטעווע אים זיין קינד. אויסערדעם וועל איך האָבן צו רעדן וועגן אַנדערע קינדער פון גייסטלעכע. איך וויל דעריבער גלייך דאָ אויסמיידן עווענטועלע מיספערשטענדענישן. איך רעד חלילה נישט מיט א כיוון, כדי אָנצוגרייפן די גייסט-לעכע אָדער די קירך.

צווישן מיינע בעסטע פריינט, די שטאַרקסטע אָנהענגער פון מיין אַרבעט און אָנשויונג, געפינען זיך א סך גייסטלעכע, וואָס איך באַוווּנדער ממש זייער ליבעפולן איינזען און ווייט-גייענדיקע אויפפאַסונג און בין זיי באמת דאַנקבאַר פאַר זייער מיטהילף. מיט מיינע אויספירונגען וויל איך בלויז באַווייזן, אַז א סך פון אונזערע פּאַסטאָרן און קירכן-גלויביקע גייען אויף א גרינדלעך פאַרקערטן וועג.

און ווייטער: די טאָכטער פון א פּאַסטאָר, דער זון פון א הויכשטייענדיקן שול-לערער. אין א געוויסן אָוונט נאָכן גאָטסדינסט לאָזט זי זיך פון בחור באַגלייטן אהיים. דער זומער-אָוונט איז שיין, די ליכטיקע לבנה-שיין פאַרכישופט די יונגע מענטשן. דאָס, וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען, געשעט אין שאָטן פון דערזעלבער שולע, ווו ס'פּאָרל האָט באַטאָג געלערנט.

דאָס מיידל איז געוואָרן שוואַנגער. די קאָנסעקווענץ פון דאָזיקן אומגליקלעכן נאַטור-אינסטינקט. פול טויט-שרעק איז זי מיטן יונגן ליבהאָבער געקומען צו מיר, זיי האָבן דאָך ביידע צו גוט געוואוסט, וואָס פאַר א שאַנד ס'וואַרט אויף זיי ביידע און ווי זייערע עלטערן וועלן אויף דעם רעאַגירן, אויב די פּאַקטן וועלן אויפגעדעקט ווערן. אויסשליסן פון שולע איז נאָך

געווען דאָס קלענסטע אומגליק, וואָס זיי האָט געדראָט. אויפן מיידל אָבער וועט דאָך בלייבן אַ שאַנדפלעק אויפן גאַנצן לעבן. פונקט אַזוי אויך דאָס קינד מיטן שאַנד-צייכן פון אַן „אומלעגיטימס״.

ס׳געזעץ אין שטאָט קאָלאָראַדאָ גיט מיר די מאַכט-פולע קאָמפעטענץ צו פאַרהיטן אומגעבאָרענע קינדער פון אַזאַ גורל. דער צוועק איז, נישט צו לאָזן ליידן קיין שום קינד פאַר די חטאים פון די פאָטערס. גישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין געגעבענעם פאַל איז די לאַגע געווען באַזונדערס שווער, איז מיר דאָך געלונגען, אַלץ אַזוי איינצואָרדענען, אַז דאָס מיידל האָט איר קינד אומבאַמערקט געבוירן. די עלטערן פון ביידע צדדים האָבן פון דער גאַנצער מעשה קיין אַנונג נישט געהאַט, און היינט זענען די ביידע יונגע מענטשן אויפן ריכטיקן וועג און פירן זיך ווי ס׳רוב יוגנטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע, וואָס אָריענטירן זיך אין דער לאַגע. דאָס קינד האָט אַדאָפּטירט אַ פרוי, וואָס האָט געבענקט נאָך קינדער און נישט געקאָנט אַליין האָבן.

דער ערשטער אינסטינקט פון אונזערע קאָנווענציאָנעלע מענטשן איז ביי אַזעלכע זאַכן שטענדיק די פאָדערונג, אַז די ביידע יונגעלייט זאָלן אומבאַדינגט באַשטראָפט ווערן, ערשטנס ווייל זיי פאַרדינען אַ שטראָף, צווייטנס כדי דערמיט אָפּצושרעקן אַנדערע. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אַנדערע האַלטן זיך צוליב דעם נישט אָפּ און האָבן זיך קיינמאָל אין דער וועלט-געשיכטע נישט געלאָזן אָפּשרעקן. און אויב עמעצער דאַרף ווערן באַשטראָפט, האָבן עס אין אַ סך פאַלן געדאַרפט זיין די עלטערן, אין אַנדערע — די גאַנצע געזעלשאַפט. פאַקטיש האָבן מיר אין קאלאראדא אַזאַ געזעץ, לויט וועלכן איך האָב די ריקזיכטלאָזע עלטערן געקאָנט אַוועקזעצן הינטער די הויכע פענצטער, ווו זיי וואָלטן געהאַט צייט וועגן אַזעלכע זאַכן זיך גענוג אָנצוקלערן. נאַטירלעך האָב איך עס נאָך קיינמאָל נישט געטאָן, ווייל איך זע זייער גוט, אַז עלטערן זענען אויך נאָר אַזעלכע גרויסע קינדער און פונקט אַזעלכע קרבנות פון דער אומוויסנהייט ווי זייערע יורשים. אין אַלע פאַלן איז

אָבער די איינציקע רפואה אמתע דערציונג. אמתע רעליגיע און נישט נקמה אָדער געוואַלט.

איך מיין, אַז איך דאַרף נישט איצט, ביי דעמדאָזיקן פאַל באַטאָנען דעם פאַקט, אַז טאַקע די קירך און די שולע, אַזוי ווי מיר פירן זיי אין אונזער געבענטשטער צייט עקשנות־דיק ווייטער, אַז די קירך און די שולע האָבן זיך מער אָדער ווייניקער דירעקט און אַמטלעך דערין באַטייליקט און ביידע קלאָגעדיק אַנטוישט, ווייל זייערע מעטאָדן צו באַהאַנדלען גע־שלעכטלעכע פראַגן, זענען סיסטעמען פון צביעות, מורא און שקרים. די פרוכט פון שקר, צביעות און מורא איז אָבער אויך היינט דאָס, וואָס זי איז געווען שטענדיק. ווי מאָדנע, וואָס מיר קלאַמערן זיך כסדר אָן דער אידעע, אַז מיר זענען בכוח אויף אונזער באַפעל אָפּצושוואַכן אייביקע אמתן!

אַזעלכע זאַכן, ווי ס'זענען פאָרגעקומען און קומען ווייטער פאָר אין דענווער, געשעען אין יעדן אָרט, אין יעדער שטאָט פון די פאַרייניקטע שטאַטן. האָט נאָר קיין טעות נישט, און קלערט נישט, אַז אין דענווער איז ערגער ווי אַנדערשוו, ווייל ס'איז, להיפך, טאַקע בעסער ווי ערגעץ ווו אין אַן אַנדער שטאָט פון דערזעלבער גרויס און מיט ענלעכע סאָציאַלע פראָבלעמען.

אַלץ איז דער דירעקטער פועל יוצא פון אונזער נאַציאָנאַלער פאַרשווערונג, וואָס באַהאַנדלט די געשלעכטלעכע פראַג, אַלס שעדלעך און פאַרבאָטען, מיט שטילשווייגן. דידאָזיקע יונגע מענטשן־קינדער זענען נ י ש ט שלעכט און נישט אַזויפיל שולדיק ווי די עלטערע, וועלכע זענען ווידעראַמאָל די קרבנות פון אונזער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די יונגע־לייט וואָלטן גאָר בעסער נישט געקאָנט אַרויפגעפירט ווערן אויפן „פאַרבאָטענעם” וועג ווי טאַקע דורך דערדאָזיקער באַהאַנדלונג, וואָס דאַרף זיי כלומרשט אָנווייזן ווי אַזוי דעמדאָזיקן וועג אויסצומיידן. אין די פריערדיקע פאַלן האָב איך מיט אַ כיוון אַזוי שטאַרק אָנגעגריפן די קירך און די שולע, כדי אַמדייטלעכסטן צו באַווייזן, אַז די קירך מיט אירע איצ־

טיקע מעטאָדן איז נישט בכח צו באַקעמפן די צושטאַנדן פון אונזער איצטיקער יוגנט.

און וואָס אָנבאַלאַנגט דער שולע דיסטאַנץ אין זיך אָן א פערזענלעכקייט, אַן אויטאָריטעט אויפן פּעדאַגאָגישן געביט, איינער פון מיינע בעסטע פריינט, אַ מאַן, וואָס האָט אויף א מסירות־נפשדיקן אופן אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן דער יוגנט. אין א מאָמענט פון פאַרביטערטער אויפריכטיקייט האָט ער מיר אויך אין די אויגן געזאָגט, אַז ער האַלט, דאָס איך בין צוליב מיין שטענדיקן זיך עסקן מיט די געשלעכטלעכע חטאים פון דער יוגנט פשוט אַביסל נישט ביים זינען און זע נישט קיין זאַך ווי נאָר פאַרבלאָנדזשעניש, ווייל איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט גוטע, ריין דענקנדיקע יונגע מענטשן. ער גופא האָט אין פאַרלויף פון זיין לאַנגיעריקן לערער־באַרוף פערזענלעך געהאַט צו טאָן נאָר מיט א דריי, פיר פאַלן פון סעקסועלן פאַרברעכן ביי מיידלעך.

איך האָב אים געענטפערט, אַז ס'וועט אים אפשר אינטערעסירן צו וויסן, אַז איך האָב בלויז היינטיקן טאָג געהאַט פאַר זיך אַזעלכע פיר פאַלן. איינער פון זיי איז געשעען מיט אַ מיידל פון זיין העכערער שולע גופא. דאָסדאָזיקע מיידל האָט ער געגלויבט גוט צו קענען און צו פאַרשטיין, און קיינמאָל אין לעבן וואָלט ער זי נישט געהאַלטן פאַר פעיק אויף אַזאַ פעלטריט. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט קלערן? ער האָט דאָך נישט געהאַט איר צוטרוי!

ער האָט דערקלערט, אַז די שול־מאַכט דערלויבט נישט די לערער צו פירן מיט זייערע שילער וועלכע ס'איז פאַרטרוילעכע שמועסן, וואָס זיי זאָלן נישט קאָנען תיכף איבערגעבן די עלטערן. אויסערדעם האָט לויטן שול־געזעץ יעדעס מיידל און יעדעס יונגל, וואָס האָט זיך געשלעכטלעך פאַרזינדיקט, געמוזט אויסגעשלאָסן ווערן פון שול, וואָס האָט, נאַטירלעך, באַדייט, אַז זיי זענען עפנטלעך געשטעלט געוואָרן צום שאַנדסלופּ און זייער זעלבסטאַכטונג גייט קאַפּוט.

צי קאָן מען זיך דעריבער וווּנדערן, אַז ביי אַזעלכע

און ענלעכע כּללים האָבן די שול און די לערערשאַפט לחלוטין קיין שום אַנונג נישט וועגן דער היינטיקער יוגנט.

דער עלטערער לערער ווייס, נאַטירלעך, אַמווייניקסטן, ווייל ער האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט נאָך ביי אַ פריערדיקער גענעראַציע. לכל הדעות קאָן מען עס אָבער נישט אַזוי פאַראַלגעמיינערן, ווייל איך קען, למשל, אַ סך עלטערע לערער אין דענוווער, וואָס זענען פּונקט ווי איך אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דידאַקישע שול־געזעצן.

מיט עטלעכע מאָנאַט צוריק האָב איך אָבער אָנגעטראָפן אויף אַזאַ איינעם, פאַר וועלכן ס׳פּאַסט אויסגעצייכנט די אַלגעמיינע פעסטשטעלונג. אַ פאַרבאַנד פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אין אַ העכערער שול אין דענוווער האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַ פאָרטראַג. די פאַרזאַמלונג האָט זיך אינטערעסירט מיט געזונטהייטלעכע און היגיענישע פראַגן. אין פאַרלויף פון מיין פאָרטראַג האָב איך דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז צו מיר פרייוויליק געקומען אַ שיין, גוט געבויט מיידל פון 15 יאָר, וואָס האָט געהאַט סעקסועלע שוועריקייטן. זי האָט באַזוכט איינע פון די בעסטע שולן אין שטאָט. איך בין דערגאַנגען, אַז זי האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט נישט ווייניקער ווי גאַנצע אַכט גרויטע יונגען. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ צעטל פון חברטעס, וואָס האָבן אויך געזאַמלט אַזעלכע דערפאַרונגען ווייניקסטנס מיט איין שול־חבר.

אין דעם מאָמענט זענען אַריין אין זאַל אַ גאַנצע רייע לערער אויף אַ רעפעראַט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען גלייך נאָך מיינעם. מיין פרוי האָט געהערט ווי איינער פון די שול־דירעקטאָרן האָט מיט כּעס אַ זאָג געטאָן צו די לערער: „דאָס איז אַ ליגן״. מאָמענטאַל האָט זי זיך געווענדט צום דאָזיקן מאַן, געפאָדערט ער זאָל צוריקנעמען זיינע ווערטער. דערנאָך איז זי צוגעקומען צו מיר, כּדי איך זאָל פאַר דער גאַנצער פאַרזאַמלונג קאָנען באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון מיין באַריכט. דער מאַן אָבער, וואָס האָט מיך באַשולדיקט אין זאָגן אַ ליגן, האָט זיך איז דער שטיל אָפּגעטראָגן.

אויפֿן צווייטן טאָג איז דאָס מיידל, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט, ווידער צו מיר געקומען. איך האָב איר דערציילט, וואָס איך האָב געהאַט און געפֿרעגט, צי האָט זי נישט דאַקעגן, אַז איך זאָל פֿאַרטרויען די געשיכטע מיין ערשטן באַאמטן.

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן ווי דאָס קינד האָט געשמייכלט איבער דער אומוויסנהייט פֿון שול-פֿאָרשטייער און דער גאַנצער לערערשאַפֿט.

— איר פֿאַרשטייט, הער ריכטער, זיי ווייסן בכלל נישט קיין סך וועגן אונז. זיי מיינען, אַז זיי ווייסן אַלץ, אָבער ס'איז נישט ריכטיק. עס וואָלט אויך גאָרנישט געטויגט, מ'זאָל זיי דאָס דערציילן, ווייל דאַן וואָלט מען אונז אַלע אַרויסגעוואָרפֿן.

— צי דען קלערסטו נישט, אַז זיי וואָלטן אייך געהאָלפֿן? — האָב איך געפֿרעגט.

— געהאָלפֿן! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַן אומגעהייערן צאָרן. — העלפֿן? פּונקט פֿאַרקערט! ווען זיי זאָלן זיך עס דערוויסן, וואָלטן מיר אַלע געוועזן רויִנירט.

שטענדיק דיזעלבע פּוריטאַנישע האַלטונג אין סעקסועלע ענינים!

און דאָך איז עס מיין האָפֿענונג, אַז די שול וועט סוף-כּל-סוף שליסן אַ בונד מיט דער יוגנט פֿון דענוואָר פּונקט ווי איך און וועט מיטהעלפֿן אויסצובויען אַ בריק איבערן תהום, וואָס די פֿרומקייט און די בלינדקייט פֿון אונזערע טראַדיציעס און קאָנווענצן האָבן אויפֿגעריסן צווישן זיי און זייערע תּלמידים. און פֿאַרוואָס טאַקע זאָלן מיר אַליין נישט איינזען, אַז מיר זענען אין אונזערע באַגרענעצונגען פּשוט באַשעפֿענישן פֿון דער סאָציאַלער אָרדענונג, אין וועלכער מיר ווערן איינגעבוירן, און אַז נאָר אויסנאַם-פּערזענלעכקייטן האָבן די קראַפֿט און דעם מוט און דעם ווייטן בליק אויף אַראָפּצוואַרפֿן די קייטן, וועלכע די מאָדערנע יוגנט איז פֿעסט אַנטשלאָסן צו

צערייסן ענטוועדער מיט אָדער אָן דער הילף פון דער וועלט
פון די דערוואַקסענע? אַ סך בעסער וואָלט זיין, ווען מיר זאָלן
מיט ליבע פירן און ראַטן, איידער שטייז פונדערווייטנס און
פייגטלעך קריטיקירן!

פערטער קאַפּיטל

אין פרילינג פון דאָזיקן השערהדיק גליקלעכן יאָר פון דערליידזונג, ווען ס'איז געשריבן געוואָרן דאָסדאָזיקע בוך, האָט אַ לערערין געפינען אין אַ העפט פאָלגנדן פאַרגעסענעם בריוו, וואָס האָט שוין קיינמאָל נישט אָנגעזען ס'פּאָסט-קעסטל. ווהין ער האָט געזאָלט אַריינגעוואָרפן ווערן. מיר ענדערן די נעמען און וועלן אָנרופן די שרייבערין עליזאַבעט.

אָט איז דער בריוו:

פויל!

ס'קרענקט מיך זייער, וואָס איך מוז דיר איבערגעבן, אַז איך וועל האָבן אַן אי. ק. וו. ס'איז באַשטימט דיינס. כל זמן איך האָב געקאָנט, האָב איך וועגן דעם נישט גערעדט. דו דאַרפסט נישט קלערן, אַז ס'איז נישט דיינס, ווייל ס'איז ערשט פיר וואָכן, ווי מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב אין משך פון די פיר וואָכן געטאָן אַלץ, כדי דאָס אָפּ-צוהאַלטן. מיין נישט, אַז איך האָב זיך אַריינגעלאָזן מיט אַן אַנדער יונגל און איצט זאָג איך נאָר, אַז ס'איז דיינס. דאָס האָב איך נישט בדעה. ס'איז זיכער דיינס, אויב איך וועל האָבן אַן אי. ק. וו. מיין שטיפמוטער ווייס נישט וואָס וועגן דעם צו קלערן. איך וועל אָבער נישט זיין אַזוי געמיין און דיין מיידל עפּעס מכח דעם זאָגן. ווייל דאָס וואָלט אייך גע-קאָנט צערייסן. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זי פאַרלאָזן. אָבער אויב איך וועל ווירקלעך האָבן אַ — — — האָף איך,

אַז דו וועסט טאָן דיין פליכט. אַננע דאַרף עס נישט וויסן. מיר מאַכט עס נישט אויס, אויב איך וועל האָבן איינס, ווייל די שולע איז דאַן קאַפּוט. קלער אָבער נישט, אַז עס געהערט עמיצן אַנדערש, ווייל אין גאַנץ דענוווער איז נישטאָ קיין אַנדער יונגל, וועלכן איך זאָל דערלויבן דאָס מיט מיר צו טאָן. איך בין נישט ווי אַ סך מיידלעך, וואָס טוען אַלץ, וואָס די יונגלעך פאַרלאַנגען פון זיי. ווייל ס'רוב יונגלעך דאָ אין דענוווער האָבן וועלכע נישט איז קראַנקהייט. דו ווייסט, וואָס איך מיין. איך וואָלט בעסער געוואָלט האָבן אַ ב. — איידער די קרענק. אַלזאָ, רעד זיך נאָר נישט איין, אַז עס געהערט עפּעס אַן אַנדערן ווי דיר.

ווער נישט אין כּעס, אַז דו וועסט דאָס איבערלייענען. ס'איז נישט מיין שולד, ווייל איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט. איך וועל קיינעם נישט זאָגן, אַז ס'איז פון דיר. קיינעם גייט עס אייגנטלעך נישט אָן. אויב דו וועסט אויף דעם ענטפערן, ווייס איך, אַז מיין שטיפמוטער האָט נישט נויטיק צו ריידן מיט דיין מוטער. אויב זי וועט אַליין נישט קומען, וועט זי שיקן צו דיין מוטער פריילין הוגעס. דו ווייסט, ס'וואָלט געווען שרעקלעך, דו קאָנסט דעריבער אויסוויילן.

ע ל י ז אַ ב ע ט.

עליזאַבעט האָט דעמדאָזיקן בריוו נישט אָפּגעשיקט. מ'האָט אים געפונען אין צוויי חדשים אַרום. די לערערין איז מיט אים געלאָפן — איך מיין, אַז אין אַ צושטאַנד פון אָנגענומער אויפרעגונג — צום שול-דירעקטאָר. לאָמיר אים אַ נאָמען געבן שניפּלער.

צום אומגליק האָט הער שניפּלער געליטן לגבי דעמדאָזיקן מיידל אַ שאַרפן אָנפאַל פון פּסיכאָ-סעקסועלער איבערעמפּינדלעכקייט. ווייניקסטנס ווייזט עס זיך אַרויס אַלס די איינציקע דערקלערונג פון פאָלגנדיקן:

עליזאַבעט איז אַ זייער שיין מיידל, אומגעוויינלעך קלוג. זי האָט געהאַט אויסגעצייכנטע צייגנישן און איז געשטאַנען אַ

וואָך פאַרן שלוס-עקזאַמען פון שולע. זי איז געווען און איז אַ לגמרי נאָרמאַל, געזונט דענקנדיק מיידל. ווי ס'איז צו זען פון איר בריוו, האָט זי געהאַט אַ ווייבלעך נאַטירלעך געפיל פאַר דער הייליקייט פון געשלעכטלעכע באַציונגען, איז נישט געווען נוטה צו קיין פאַרענדערלעכקייט און האָט זיך אָפּגע- געבן איר ליבהאָבער אונטער באַדינגונגען, וואָס זענען געווען „אוממאָראַליש", אויף וויפיל זיי זענען פוגע די סאָציאַלע גע- זעצן, זענען אָבער לויט איר שטאַנדפּונקט בנוגע אַזאַ אינ- טימקייט געווען לגמרי מאָראַליש, אומבאַרירבאַר. בקיצור, זי איז געווען אומרייף, פון דער אומוויסנדער אומרייפקייט פון דער יוגנט, אירע אינסטינקטן אָבער זענען געווען נאָרמאַל און געזונט. דאָס באַווייזט יעדע שורה פון איר בריוו, אַפילו איר ווונש נישט צו דאַרפן פאַראַטן דעם יונגל אָדער אים צו לייגן שווערע שטיינער אויפן וועג פון זיין נייער ליבע-אַפּערע. איר גרויסמוט און איר העלדישקייט זענען אויפפאַלנדיק און ריידן גענוג דערפאַר, אַז זי איז זיכער ווערט, מ'זאָל זי ראַטעווען.

בעת מ'האָט איר אָקעגנגעשטעלט דעם בריוו, האָט זי זיך גלייך מודה געווען, אַז ס'איז אירער און דערציילט דעם דירעקטאָר און דער לערערין, אַז זי האָט מיטן יונגל צוויי מאָל געהאַט אַן אינטימען פאַרקער, קיינמאָל אָבער נישט מיט קיין אַנדערע יונגעלייט, אַ פאַקט, וועלכן אירע אינקוויזיטאָרן האָבן נישט צוגעגעבן די געהעריקע וויכטיקייט. וואָס ער האָט פאַרדינט.

קיינער אויסער איר אַליין האָט ביז אַהער נישט געוווסט פון דער גאַנצער מעשה, נאָר דער דירעקטאָר און די לערערין. ס'איז נישט געווען קיין פאַל, וועגן וועלכן מ'זאָל שוין האָבן גערעדט אין שולע, דערצו איז עליזאַבעטס באַנעמונג נישט געווען אַזעלכע, אַז זי זאָל קאָנען האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף אירע שול-חברים. קיין זאַך האָט אַלזאָ נישט באַרעכטיקט אירע ווילדע שופטים צו שטעמפּלען זי אַלס שרעקבילד, כדי צו וואָרענען די איבעריקע.

הער שניפלער האָט אָבער דאָס קינד מוראדיק דערגידעריקט. איר געזאָגט, אַז זי איז שלעכט, פאַרדאָרבן און קאָן האָבן אַ געפערלעכן איינפלוס אויף אירע שול-חברים. דערנאָך האָט ער זי אַרויסגעטריבן פון שולע. איר שטיפמוטער האָט ער געשיקט פאָלגנדן בריוו:

זייער געערטע פרוי!

איך האָב געפונען פאַר נויטיק אויסצושליסן עליזאַבעטן צוליב איר אויפפירונג פון דער שולע. פריילין הוגעס וועט צו אייך קומען און אייך אַלץ איבערגעבן. צוליב די שווערע, אוממאָראַלישע פאָלגן, וואָס האָבן דערפון געקאָנט אַרויסקומען, ווינטש איך זיך נישט, אַז זי זאָל זיך ווידער ווייזן אין שולע. איך פאָדער אַפילו, אַז זי זאָל נישט ווען עס איז צוקומען באַנט צום בנין פון דער שולע.

מיט דרך-ארץ...

אַ מיאוסער בריוו. ס׳איז שרעקלעך, אַז אַזאַ מין געפיללאָזיקייט, אַזאַ מין האַרטקייט זאָל אַ מענטשן, וואָס דער דענווערער עולם האָט אים יאָרן לאַנג אָנגעטרויט די צאַרטע געמיטער פון זייערע קינדער, וועלכע ער האָט געזאָלט דערציען צו גוטסקייט און וויסן.

צי האָט ער געהאַט וועלכן נישט איז אינטערעס צו ראַטעווען דאָס קינד, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיין השגחה, גלויבנדיק, אַז ער קאָן אַזעלכע פעלטריט מילדערן און אויסבעסערן און אַריינברענגען ליכטיקייט אין די מוחות פון דער צעטומלטער יוגנט? ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס צו ראַטעווען. זיין איינציקער אימפולס איז געווען ווילד דערויף אָנצופאַלן מיטן אויסרייד פון אָפּהיטן די זיטלעכקייט. איך האָב געפונען עליזאַבעטן פאַרביטערט קעגן דירעקטאָר, קעגן דער לערערין, וואָס האָט זי לגמרי אומנויטיק פאַראַטן, און פאַרביטערט קעגן אַלץ אויף דער וועלט.

בעת זי איז געקומען אין מיין געריכט-הויז, האָט איר באַגלייט אַן אַנדער מיידל, אומגעפער פון אַ יאָר זעכצן, אויך

אַ גאַנץ גוטע שילערין פון הער שניפּלערס שולע. דאָסדאָזי־
קע מיידל האָט זיך מיר מודה געווען, אַז זי האָט מיט אַ
צווייטן שילער פּונקט אַזוי געטון ווי עליזאַבעט.

פון זיי טאַקע האָב איך באַקומען אַ צעטל וועגן גאַנצע
צען מיידלעך אין דערזעלבער שולע, וואָס זענען באַגאַנגען
דעמזעלבן חטא און אַפילו אַוועק נאָך אַ סך ווייטער. מיט די
דאָזיקע מיידלעך זענען בײדע געווען אַזוי נאָנט, אַז זיי האָבן
איינע דער צווייטער אַלץ פאַרטרויט. אין שולע זענען אָבער
געווען הונדערטער אַזעלכע, מיט וועלכע זיי זענען נישט גע־
שטאַנען אין אַזוינע נאָנטע באַציונגען. און מ׳קאָן בשום אופן
נישט זאָגן, אַז דידאָזיקע הונדערטער האָבן אַלע געטראַכט
און געהאַנדלט אַנדערש ווי דער גאַנצער קרייז אַרום די בײדע
מיידלעך, וואָס איך האָב פאַר זיך געהאַט.

פאַר הער שניפּלער איז אָבער עליזאַבעט געווען און
געבליבן דער איינציקער „פאַל". ער איז געבליבן אין דער
געבענטשטער אומוויסנהייט בנוגע אַלע איבעריקע. און אָט
שטייט ער פאַרן פּובליקום, מאַיעסטעטיש הויך, דער היטער
פון מאָראַל, אַ טורם פון זיכערקייט און סאָלידקייט, אינערלעך
אָבער אַ שטאָם, וואָס זיינע וואָרצלען זענען אונטערגעשניטן.

סאַראַ געלעגנהייט צום גוטן וואַרפן דידאָזיקע מענטשן
פּשוט אַוועק! ווען די עלטערן וועלן פאַרשטייען מיט וואָס
פאַר אַ גרויזאַמער בלינדקייט און פאַרברעכערישער אומאויפ־
מערקזאַמקייט זייערע קינדער ווערן דאָ באַהאַנדלט, ווּהין זיי
קומען מיטן פולן צוטרוי! סאַראַ מין קאַריקאַטור פון דעם,
וואָס ס׳הייסט לערנען! סאַראַ מאַנגל אין פאַרשטעלונגס־קראַפט!
סאַראַ מערדערישע מאָראַליטעט! בעת איך קלער וועגן דעם
אַלעם, מיין איך אַז לכל־הפּחות האָבן מיר פאָרלויפיק גע־
דאַרפט איבערבייטן אונזער נאַציאָנאַלן פויגל. דער מעכטיקער
סענט־גוידנס־אָדלער איז קוים אַ סימבאָל פון אונזער היינטי־
קער סאָציאַלער פּסיכיק. דעם אָדלער האָבן מיר אייגנטלעך
גאָר געדאַרפט אַוועקשטעלן אין שפּייז־קאַמער אויף אייז און
אָנצייכענען אויף אונזער שילד דעם הינטערטייל פון אַ

שטרויס, ווי ער באהאלט זיין קאָפּ אין זאַמד פון גרויסן אַמע־ריקאַנישן מדבר.

דער מדבר וואָלט זיך זייער געפּאַסט פאַר אַזאַ מין נייער צייכענונג און טאַקע צוליב מאָטיוון, וואָס האָבן צו טאָן מיטן אָביעקט פון דאָזיקן בוך. ווייל דאָס סעקסועלע איז נישט ס'איינציקע, וואָס אונזער אויפוואַקסנדיקע יוגנט פאַרשט אויף אייגענער האַנט צוליבן טויטן שווייגן פון די דערוואַקסענע וועגן אַזעלכע זאַכן.

שנאַפּס, למשל, איז גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס זיי אינ־טערעסירט. קיין שום קוש־ און קנייטש־געזעלשאַפט (petting party), קיין שום אויספלוג אויף די זומער־ווינווונגען, קיין שום אויטאָ־טור ווייט אַוועק פון ליכטיקן שיין פון די הויפּט־גאַסן, זענען נישט פּערפעקט אָן די פלעשלעך אין די קעשענעס פון די יונגע יאַטן. ס'קאָן נישט זיין וועגן דעם קיין גענויע סטאַטיסטיק, ס'איז אָבער קלאָר, אַז אין דער ווירקלעכקייט שפּילט דער אַלקאָהאָל אומעטום, ווו די יונגלעך פאַרלירן דעם קאָפּ, אַ גאַנץ גרויסע ראָל.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת דערדאָזיקער צושטאַנד האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, האָט דער דירעקטאָר פון אַ פּריוואַטער העכערער שולע פאַר יונגלעך צעשיקט אַ צירקולאַר־בריוו צו אַלע עלטערן פון זיינע תּלמידים, כּדי זיי אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז די יונגלעך און יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו טרינקען און אַז די עלטערן זענען מחויב אויפצוקלערן און וואָרענען זייערע זין פאַר דער דראָענדיקער געפאַר. די צייטונגען האָבן פאַרשפּרייט דעמדאָזיקן בריוו איבערן גאַנצן לאַנד.

אַ צווייטע ערשטקלאַסיקע שטודיראַנשטאַלט (פּיליפּס אַקאַ־דעמיע) האָט צוליב דער אויסגעלאַסנקייט געמוזט אָפּשאַפן אין שולע די טאַנץ־לעקציעס. אויך מיט דער דאָזיקער געשעעניש האָט זיך די גאַנצע עפנטלעכקייט שטאַרק פאַרנומען. דער די־רעקטאָר פון דער פּיליפּס־אַקאַדעמיע, הער שטירנס, האָט אי־בערגעגעבן אין אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „באָסטאָן גלאָבּ“,

אַז צווישן אַנדערע מיטלען, וואָס ער האָט לעצטנס געמוזט אָננעמען, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון די לע־רער און דער סטודענטנשאַפט מיט פאָלגנדע פליכטן:

1. צו דינען אַלס פאָליציי אין אָפּשטעלן פאָרלעך, וואָס וועלן אומאָנשטענדיק טאַנצן, עווענטועל זיי אויך משלח צו זיין.

2. צו פאַרהיטן, אַז ס'זאָלן נישט אַריינקומען קיין מייד־לעך פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער.

3. צו פאַרהיטן פון טרינקען יונגע מענטשן פון ביידע געשלעכטער, אין טאַנץ־זאַל און אַנדערשוו.

4 שפּורע נישט אַריינצולאָזן אָדער אַרויסצובעטן.

5. אַכטונג צו געבן אויפן קליידונגס־צימער פון די מיידלעך, פאַרהיטן פון אומפּאַסנדע קליידער, ווי אויך פון טרינקען און אומאָנשטענדיקע שמועסן.

6. פאָדערן, אַז מיידלעך, וועלכע באַזוכן אַלס געסט די־דאָזיקע יונגלשע שולן, זאָלן קומען אין באַגלייטונג פון על־טערע, און אַז בעתן טאַנצן זאָלן דורך די יונגעלייט נישט אָרגאַניזירט ווערן קיין שום אויטאָ־שפּאַצירן.

7. אַכטונג צו געבן, אַז אין דער נאָנט פון טאַנץ־זאַל זאָלן זיך נישט געפינען קיין שום אויטאָס.

8. צו פאַרהיטן פון אַנדערע פאַרזאַמלונגען און באַגעגע־נישן אין דרויסן, וואָס מיידן אויס דעם קאָנטראָל פון אייגנט־לעכן טאַנץ.

9. אַכטונג צו געבן, אַז די מיידלעך זאָלן זיך גלייך נאָכן טאַנצן אָפּטראָגן אין זייערע צימערן.

איך ברענג די פונקטן פון דאָזיקן רעגולאַמין אומפאַר־קירצט, ווייל זיי כאַראַקטעריזירן דייטלעך דעם צושטאַנד אין איינעם פון די ערשטע און פיינסטע שול־אַנשטאַלטן פון אונ־זער לאַנד. די יונגעלייט זענען כמעט אַלע פון רייכע הייזער פון מזרח מיט אַלטער קולטור, וואָס האָבן הינטער זיך אַן ערשטקלאַסיקע דערציונג און די בעסטע טראַדיציעס.

מ'קאָן בכן נישט באַהויפּטן, אַז דידאָזיקע אַלע זאַכן זענען בלויז געווען אַ צייטווייליקע נאָכמלחמה־היסטעריע.

און איצט קומען זיי מער נישט פאָר. ווייל איצט האַלט מען זיי אונטער אַ קאָנטראָל און מ׳האָט אַפילו אָפּגעשאַפט דעם טאַנץ-פאַרבאָט, וואָס מ׳האָט געהאַט איינגעפירט נאָך די אומגעלונגענע פּאָליציייִשע מיטלען. היינט ווערט די זאַך בלויז געמאַכט געשיקטער, שטילער און אַלגעמיינער געפירט, ווייל זי איז שוין מער נישט ניי. די עלטערע אין לאַנד מיינען אָבער, אַז אונטער דער רעלאַטיוו באַרואיקטער אויבערפלאַך קומט שוין מער קיין זאַך נישט פאָר, און לעבן זיך ווידער אין זייער טיפּשים-גן-עדן. די יוגנט איז אָבער כיטרער און פאַראַכט די עלטערע גענעראַציע מער ווי פריער און איז קאַלטבלוטיקער ווי ווען נישט איז פעסט אַנטשלאָסן צו גיין מיט איר אייגענעם וועג. דאָס באַטייט, אַז זיי ענדערן אונזערע סאָציאַלע מאָסשטאַבן און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיגן, אויב נישט מיט, איז אָן אונז.

איך וואָלט זיך בנוגע דעמדאָזיקן פונקט געוואָלט גלייך דייטלעכער אַרויסזאָגן. איך מיין, אַז דערדאָזיקער היינטיקער קאַמף קעגן די אַלטע באַגריפן איז אַנדערש ווי תּמיד. די יוגנט האָט דאָך שטענדיק רעבעלירט, האָט שטענדיק אויף דער עלטערער גענעראַציע אָנגעוואָרפן אַ מורא. דאָס איז דאָך סוף כּל סוף טראַדיציע. דאָס מאָדערנע מיידל, וואָס האָט בעת דער וויקטאָריאַנישער צייט אין ענגלאַנד געטראָגן „קורצע״ רעק, וועלכע האָבן דערגרייכט ביז צו די שיכשפּיצן, איז דעמאָלט געווען אַ „פּראָבלעם״. אָבער דאָס איז לגמרי עפּעס אַנדערש. ס׳האָט הינטער זיך די גאַנצע וואָגיקייט פון אַ נייער וויסנשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג. עס דערשיינט אין אַן עפּאָכע פון דער געשווינטקייט און נאַטור-וויסנשאַפט, פון פרויען-שטימרעכט און דער ווירטשאַפטלעכער זעלבשטענדיקייט פון דער פרוי, אין אַ צייט, וואָס האָט פאַרלאָרן די מורא פאַרן גיהנום-פייער. פריער האָט זיך די רעוואָלוציע פון דער יוגנט תּמיד אַרויסגעוויזן אַלס אַ נוצלאָזער זשעסט. זי האָט נישט געבראַכט דער וועלט קיין שום שנוי. איצט אָבער איז די ביקס אָנגעלאָדן. דידאָזיקע יונגעלייט

קאָנען טאָן דאָס, וואָס די מיידלעך און יונגלעך האָבן פריער קיינמאָל נישט געקאָנט טאָן. זיין קאָנען אויספירן דאָס, וואָס זיי פּראָקלאַמירן. קיינער קאָן זיי דערין נישט שטערן. די אויסערלעכע מניעות, די ווירטשאַפטלעכע שטערונגען, וואָס זענען פריער געווען אַזוי מעכטיק, זענען פאַרשוואונדן אויף נישט אויפצושטיין מער קיין תּחית-המתים. און די איינציקע פראַגע איז איצט ווי געשווינט און ווי דערפאָלגרייך דידאַזיקע שטערונגען וועלן פאַרביטן ווערן דורך די אינערלעכע פון אַ פרייוויליק אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט, וואָס נאָר זיי אַליין זענען אימשטאַנד אַרויפצופירן עמיצן אויפן רעכטן וועג. איך גלויב נישט, אַז דידאָזיקע יונגערע גענעראַציע איז נישט מער ווי אַ בלינדער בוהיי אין אַ פאָרצעליי-געוועלב. נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלע נסיונות, וועלכע זי איז אונטערגעוואָרפן און די אומגעהויערע נאַרישקייט פון די היינטיקע דערוואַקסע-נע, האַלט איך די איצטיקע יוגנט פאַר די געזונטסטע און ווייטלעכסטע, וואָס די וועלט האָט ווען נישט איז געזען.

פינפטער קאַפּיטל

דאָס, וואָס איך וועל דאָ איצט אויפשרייבן, איז אור־שפּרינגלעך נישט מיין אייגענע מיינונג. ס׳איז גיכער אַ שליחות פון דער יוגנט אין דענוועד נישט נאָר צו זייערע אייגענע עלטערן און לערער, נאָר צו אַלע עלטערן און לערער אויף דער וועלט. איך רוף עס אָן שליחות, ווייל הונדערטער פון מיינע פּלעגעקינדער האָבן מיך כּסדר געבעטן צו זאָגן אין זייער נאָמען דאָס, וואָס איך וויל איצט זאָגן. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס זענען באַריכטן פון דער ערשטער האַנט. ס׳זענען נישט מיינע באַהויפּטונגען, נאָר זייערע, און איך וויל נאָר צוגעבן, אַז מיינע אייגענע באַאָבּאַכטונגען און דערפאַרונגען דעקן זיך אין יעדער הינזיכט מיט דידאָזיקע באַווייזן.

די עדות־זאָגער געפינען אַלע שילער פון העכערע לער־אַנשטאַלטן. דער ערשטער פּונקט פון זייער באַריכט איז, אַז העכער 90 פּראָצענט פון אַלע מיידלעך און יונגלעך באַטייליקן זיך אין די געזעלשאַפטן, טענץ און אויטאָ־אויספלוגן און פאַרברענגען אין קושן און אין דריקן זיך. דאָס הייסט נישט, אַז יעדעס מיידל לאָזט זיך אָפּקניייטשן פון יעדן יונגל, נאָר יעדע געפינט תמיד איינעם, מיט וועלכן זי לאָזט זיך אַזוי ווייט אַריין. די איבעריקע צען פּראָצענט איז אַ יונגער עולם, וואָס פאַרמאָגט נישט קערפּערלעך אָדער גייסטיק אַזוי פיל ענערגיע, כּדי צו ברענגען צום אויסדרוק זייערע נאַטירלעכע אינסטינקטן. ס׳הייסט, אַז דאָס, וואָס ס׳טרייבט דידאָזיקע יונגע

מענטשן צו קאָנפליקטן, צו נויט, איז פשוט קראַפט-איבערפלוס. איבערשוימענדיקער לעבנס-מוט, און דאָ האַנדלט זיך אויסשליסלעך וועגן דעם, וויאַזוי דידאָזיקע ענערגיע קליגער צו לענקען.

די מיינונג וועגן פּראָצענט-גרויס, פון וועלכן איך רעד. זענען כמעט איינשטימיק. אויב דאָס איז אמת, באַווייזט עס, אַז די יוגנט איז געקומען צו דער איינהייטלעכער מסקנה, דאָס דידאָזיקע ערשטע, שוואַכערע פאָרם פון סעקסועלער דערפאַרונג קומט איר גאַנץ איינפאַך רעכטמעסיק. זי נוצט פּאַקטיש אויס דאָסדאָזיקע רעכט אויפן ווייטגייענדיקסטן אופן, טרעט אָבער נישט איבער די גרעניצן, וואָס זענען גענוג קלאָר אָנגעצייכנט.

אַנדערע מיידלעך ווינטשן זיך אַזעלכע תענוגים ביי די יונגלעך, מיט וועלכע זיי גיבן זיך אָפּ, און זענען אויף אַ בעשיקטן אופן פּונקט אַזוי אָנגריפסלוסטיק ווין די יונגלעך גופא.

איך דערמאָן זיך אָן איינער, אַ זייער שיין לעבעדיק מיידל, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט מיט אַ געוויסן יונגל נישט געוואָלט האָבן צו טאָן, ווייל ער איז כלומרשט נישט געווען קיין רעכטער חוצפּהניק און האָט נישט פאַרשטאַנען זי אָרנטלעך אָפּצוקנייטשן.

— צי דען טוען ביי היינטיקן טאָג אַלע יונגלען עפּעס אַזוינס? האָב איך נעפרעגט.

— נאַטירלעך, האָט זי געענטפערט. אויב נישט, איז ביי זיי נישט אַלץ אין אָרדענונג.

דאָסדאָזיקע מיידל איז געווען אַ טיפּ, וועגן וועלכן איך וועל נאָך שפּעטער רעדן, אַ פּריצייטיק רייפער מין, וואָס שפּירט דעם געשלעכטלעכן אינסטינקט, נאָך איידער זי האָט אים גייסטיק דערקענט און געקענט קאָנטראָלירן. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך סעקסועלע עמאָציעס. די „פלאַפּער"-וועלט פאַרמאָגט אָבער נאָך אַ אַנדער מין מיידלעך, וואָס מוזן נישט אין זייער עלטער עמפינדן איבערסעקסועל און דאָך דערלויבן

זיי די יונגעלייט פאַרשידענע פרייהייטן, בלויז אַלס באַלוינונג דערפאַר, וואָס יענע טאַנצן מיט זיי און פאַרשאַפן זיי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרגעניגנס.

איך דערמאָן זיך דאָ אָן אַ מיידל, וואָס איז איצט איינע פון די העכערע שול-קלאַסן און געפינט זיך די לעצטע צוויי יאָר אין דער יוגנט-היים ביי אונזער געריכטס-הויף, ווייל אירע עלטערן האַלטן ביי אַ גט און קאָנען זיך מיט איר נישט פאַרנעמען. זי פלעגט חוזק מאַכן פון אַלע יונגלעך, פשוט זיי פאַראַכט, האָט אָבער ליידנשאַפטלעך געטאַנצט און אויסגענוצט זיי אַלס טענצער. דערמיט האָט זיך אַבסאָלוט געענדיקט איר אינטערעס פאַר זיי. פאַר אירע טענצער איז זי אָבער אויסערוויינלעך אָנציעענדיק, און כּמעט צייט כאַפּן זיי פון איר אַ קוש, ווייל זיי וואַרטן דערויף אַזוי שטאַרק.

— אָבער, צי דען איז דיר זייער אַרט טאַנצן נישט עקלהאַפט? האָב איך זי געפרעגט.

— אָה, איר מיינט דאָס דרוקן און רייבן זיך איינער אָן אַנדערן? האָט זי אַ זאָג געטאָן לגמרי קאַלטבלוטיק. מיך זשעני רט עס שוין נישט. אַנדערע מיידלעך מאַכן דערפון אַ וועזן, דאָס ווייס איך, אָבער נישט קיין סך. אויף מיר האָט עס קיינמאָל קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

— געוויינלעך קלערט מען אָבער וועגן דעם גאָר אַנדערש. האָב איך באַמערקט.

— דאָס ווייס איך, האָט זי אָנגעבלאָזן געענטפערט. אַלע אַלטע שמחה-פאַרשטערערס און קלאָגמוטערס קלערן שטענדיק וועגן דעם טינוף, וואָס האָט זיך אין זיי גופא אָנגעזאַמלט. זיי וואָלטן זיכער אַזוי עמפּינדן, ווען זיי זאָלן אַזוי טאַנצן, און דעריבער מיינען זיי, אַז מ י ר מוזן עס אויך טאָן. און דערצו זענען זיי אונז נאָך מקנא דאָס, וואָס מיר קלערן און פילן גאָרנישט.

— אָבער — האָב איך געוואָלט איינוועגדן.

— איך זאָג אייך אָבער דעם אמת, האָט זי ווייטער געזאָגט. ס'רוב מיידלעך שפּירן נישט קיין שום באַזונדערע הנאה

געפיל בעת דערדאָזיקער דריקעניש. אונזער הנאה איז דאָס טאַנצן גופא. און מיר גייען צו די פּאַרווײַלונגען מיט דידאָזיקע נאַרישע יאָלדן, מיט דידאָזיקע קוכן־שלינגערס בלויז צוליב דעם, ווײַל מיר ווילן טאַנצן, לחלוטין נישט צוליב קיין שום אַנדערן טעם.

— און די — קוכן־שלינגערס? האָב איך געפרעגט, פּרווונדיק אַרויסוואַרפן די ווערטער פּונקט ווי זי.

— זיי טוען עס צוליבן פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן דערבײַ, איז געווען דער דירעקטער ענטפער.

— צוליבן פאַרגעניגן פון טאַנץ?

— יאָ, אויך, און ווײַל זיי קאָנען צודריקן צו זיך די מיידלעך. און דערנאָך, בעת זיי קושן און קנײַטשן זיי אָפּ און וואָס די מיידלעך לאָזן זיך אַלץ. איך דערלויב מיר אָבער קיין זאַך נישט.

— הייַנט פאַרוואָס דערלויבסטו זיך דאָסדאָזיקע אומאַנשטענדיקע טאַנצן? אויב די יונגלעך האָבן דערבײַ פאַרגעניגן, ווי דו זאָגסט אַליין, צי דען פילסטו נישט, אַז זיי דערלויבן זיך פרייהייטן קעגן דײַן פּערזאָן? און צי דען פאַרדריסט עס דיך נישט?

— וואָס גייט עס מיך אָן, צי דידאָזיקע נאַרישע יונגלעך האָבן עפּעס דערבײַ, אָדער נישט? האָט זי געענטפערט. צי וואָס זאָל איך מיר ברעכן מײַן קאָפּ וועגן דעם, וואָס זיי קלערן, אָדער קלערן נישט. אויב זיי ווילן זי אומגליקלעך מאַכן, איז עס זייער זאַך. זאָלן זיי ברענען? אַבי איך זאָל נאָר קאָנען טאַנצן. נאָכן טאַנצן האָב איך מיט זיי קיין שום עסקים נישט.

כּדי אַלץ, וואָס איך גיב איבער, זאָל ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן, ווײַל איך נאָך איינמאָל באַזונדערס אונטערשטרייכן, אַז בײַ דידאָזיקע אַלע מעשׂיות האַנדלט עס זיך נישט וועגן די „נידעריקע קלאַסן”. איך האָב שטענדיק, ווען איך האָב עס נאָר געקאָנט, אויסגעווײַלט מײַנע עדות צווישן קינדער און יונגעלײַט פון די געבילדעטע און באַמיטלטע קרייזן, קרייזן,

ווי אַזעלכע אָנשויאונגען גילטן אָדער וואָלטן געגאָלטן אַלס לגמרי רעוואָלוציאָנערע, ווען מען זאָל האָבן דערפון די מינדסטע קלענסטע אַנונג.

דאָס מיידל, וועגן וועלכער איר דערציייל, איז אויסערגע-וויינלעך אַנטוויקלט און קלוג. זי איז אַלט זעכצן יאָר. נישט געקוקט אויף אירע אמת ציניש קראַפט-אויסדריקן, איז זי געבילדעט און באַנעמט זיך זייער אַנשטענדיק, און איך ווייס, אַז קיין איין דערוואַקסענער פון אירע קרובים און באַקאַנטע האָבן נישט די מינדסטע אַנונג וועגן דערדאָזיקער זייט פון איר לעבן און וועגן די אָנשויאונגען, וואָס זי זאָגט מיר אַרויס אַזוי אָפנהאַרציק.

אַזוי ווייט בכן וועגן ערשטן טייל שליחות פון אונזער יוגנט אין דענוועט.

דער צווייטער טייל איז אָט וואָס;

צום ווייניקסטן 50 פּראָצענט פון די יונגעלייט, וואָס הויבן אָן מיט אָפּדריקן און קושן, באַנוגענען זיך נישט דער-מיט, נאָר גייען ווייטער און דערלויבן זיך אַנדערע סעקסועלע פרייהייטן, וואָס זענען אַפילו לויט די פון זיי גופא אָנגענו-מענע זיטלעכע פאָדערונגען אַמפּערנדיק און אומאָנשטענדיק.

איך דאַרף, נאַטירלעך, נישט דערקלערן, אַז דאָס איז אַן אומגעהייער שווערע און געפערלעכע פראַגע. זי קאָן נישט געלייזט ווערן דורך אָנקלאָגער, דורך דער אויפזיכט מצד די עלטערע. דידאָזיקע געפאַר קאָן פאַרקלענערט הערן נאָר דורך אַ פרייוויליק אָנגענומענעם זיטן-געזעץ, דורך עכטע אינערלעכע אויפקלערונגען, וואָס זאָלן אַרויסגיין פון יונגן עולם גופא. נאָר אַזאַ מין געזעץ קאָן זיך דורך דער פריימוטיקסטער און גרינדלעכסטער דערציאונג לאָזן פאַרוואַנדלען אין אַ פרייער נאַטירלעכע האַנדלונג.

די פאַרטרוילעכקייטן מיטן אַנדערן געשלעכט זענען ס'רוב פון נערוועזע דערשיינונגען און שטערונגען ביי יונגע מיידלעך, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס זיי קאָנען ברענגען צו פיל געפערלעכערע זאַכן. אַ סך עלטערן וואָלטן זייערע טעכטער

...ינמאָל געקאָנט וועגן דעם עפּעס זאָגן, ווען זיי זאָלן עס וויסן. און דאָך מאַכט עס נאָר די אומוויסנהייט מעגלעך, וואָס די מיידלעך לאָזן אַזעלכע זאַכן געשעען.

טיכטיקע דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט, אַז די מאָראַלישע און פיזישע פאָלגן פון דידאָזיקע האַלב געשלעכטלעכע באַציאונגען זענען פאַר די מיידלעך פונקט אַזוי געפערלעך, ווי ווען זיי זאָלן זיך אינגאַנצן אָפּגעבן. אויך דאָס וויסן די עלטערן נישט און קאָנען דעריבער זייערע קינדער נישט העלפן.

עס בלייבט אַלזאָ דער פאַקט: אונזער געזעלשאַפט האָט איין פאַר אַלעמאָל אַריינגעהאַקט די מיידלעך אין די קעפּ, אַז זיי מוזן אונטער אַלע אומשטענדן זען אויסמיידן די חרפּה פון אַן אומגעזעצלעכן טראָגן, ווייל דאָס הייסט פאַר זיי קאָמפּראָמיטאַציע און דראָט מיט אַרויסשטויסונג פון דער געזעלשאַפט. דערפון קומען זיי, נאַטירלעך, צום באַשלוס, אַז דער חטא קעגן דער מאָראַל איז נישט אַזוי גרויס, אויב די סעקסועלע באַציאונגען דערגייען נישט ביז צום ווירקלעכן געשלעכטס-אַקט, בעת די איינציק מעגלעכע באַרעכטיקונג פון די פרייהייטן ליגט קודם-כל דוקא אין דער דערפילונג פון דאָזיקן אַקט. דעריבער מוז טאַקע די אַנטימאָראַלישע ווירקונג, פונקט ווי, לויט דער מיינונג פון פיל דאָקטוירים, אויך די קערפּערלעכע שעדיקונג, ביי האַלבע באַפרידיקונגען זיין אַ סך ערגער ווי ביים פולשטענדיקן אָפּגעבן זיך.

ווי טרויריק איז עס דעריבער, וואָס אונזער יוגנט איז איבערגענומען מיט דער געירשנטער טראַדיציע, וואָס זעט אין געשלעכטס-אַקט עפּעס אוממאָראַליש און שענדלעכס, אַפילו ווען ער שטאַמט פון אַן אויפריכטיקן און גייסטיקן אימפּולס. ווי געפערלעך איז דאָס, וואָס זיי זענען בלינד לגבי דעם פאַקט. אַז דאָ האַנדלט זיך לגמרי נישט וועגן אַן אויסערלעך אויפגעצוווּנגענער מאָראַל, נאָר וועגן אינערלעכער פרייוויליקער אַנטוויקלונג פון אינדיווידואום, וואָס העלפט מיט צו דערהאַלטן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף אַ לעבעדיק ווייטערווירקנדיקן

באזיס. מיר קאָנען זיכער זיין, אַז אונזער יוגנט האָט אַ גרעסטן טייל געירשנט דידאָזיקע פאַלשע פאַרדאָרבענע אידייען, אלס אַ רעשטל פון אָבערגלויבן און שלעכטע טראַדיציעס, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט זייערע אבות, און אַז זייערע ערלעכע און קלאָרע געדאַנקען גראָבן זיי געווייגלעך אַרויס פון זיך גופא.

די מסקנה, וואָס איך צי דערפון, אַז 50 פּראָצענט פון דער יוגנט, פון די פריערדיקע ניינציק, גיבן זיך אָפּ מיט עקסטרעמע, פיזיש שעדלעכע סעקסועלע אינטימלעכקייטן, — איז די, אַז דידאָזיקע צושטאַנדן ווערן אַרויסגערופן איינציק און אַליין דורך אונזערע שקרים, צביעות און פאַרטושונגען, דורך אונזער פולשטענדיקן פאַרשווייגען. דאָ, ווו מיר האָבן געדאַרפט דער גאַנצער וועלט, יונג און אַלט לאָזן וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן געשלעכטלעכע פאַקטן און אַוועקשטעלן די־דאָזיקע פאַקטן פאַר זייערע אויגן.

קיין שום נאָרמאַל מיידל וואָלט נישט מיטגעמאַכט דידאָזיקע שאַנדטאַנטן, ווען זי זאָל וויסן דעם אמת.

און איצט צום דריטן פונקט פון אונזער שליחות: 15 פּראָצענט פון די, וואָס הויבן אָן מיט קושן און אַרומנעמען, ענדיקן דערמיט, וואָס וויסן גאָר קיין גרענעץ נישט. דאָס באַטייט ווידער נישט קיין געמיש אָדער אָפּטקייט פון גרעניצלאָזן פאַרקער, נאָר בלויז, אַז ער געשעט.

ביי אַנדערע מענטשן קאָנען דידאָזיקע צאָלן אויסזען שטאַרק איבערטריבן. איך קאָן ווידער נאָר באַטאָנען, אַז די־דאָזיקע פּראָצענטגרויס שטאַמט פון די תלמידים גופא און איז נאָך אַ סך קלענער פון דעם, ווי זיי גיבן אָן. ווען איך זאָל ברענגען די צאָלן, וואָס ווערן פון גרעסטן טייל אָנגעגעבן אַלס נאָרמע, וואָלט איך בלויז אַרויסגערופן צו זיך אומגלויבן און שנאה. איך בין אָבער איינער פון די בעסטע פריינט פון דער אַמעריקאַנישער יוגנט און וויל זי באַשיצן דורכן אמת, וואָס זי אַליין גיט איבער וועגן זיך.

פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען גיב איך נאָר צו דערדאָזיקער שליחות פאָלגנדן קאַפּיטל:

איך האָב אויסגעטראַכט האַנט באַשטימטע צאָלן, וואָס באַווייזן, אַז אויף יעדן פאַל פון געשלעכטלעכע חטאים, וואָס קומען אַרויס, זענען פאַראַן אַ גאַנצע מאַסע אַזעלכע, וועלכע ווערן נישט אויפגעדעקט. אַזוי זענען למשל מעוברת געוואָרן 25 מיידלעך פון 495, וואָס האָבן זיך מיר מודה געווען, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט יונגעלייט. אַלע זענען זיי געווען אין עלטער פון פערצן ביז אַכצן יאָרן. דאָס איז בערך פינף פראָצענט. די איבעריקע האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון שוואַנגערשאַפט, איינע דורך אַ גליקלעכן צופאַל, אַנדערע ווייל זיי ווייסן פון פאַרהיטונגס-מיטלען. אַזעלכע קענטעניש זענען צווישן די יוגנטלעכע פיל מער פאַרשפרייט, ווי מ'שטעלט זיך געוויינלעך פאָר.

דריי פערטל פון דידאָזיקע 495 מיידלעך זענען מיטן אייגענעם ווילן געקומען צו מיר: עטלעכע ווייל זיי זענען געווען מעוברת, אַנדערע ווידער אָנגעשטעקטע, און נאָך אַנדערע, ווייל זיי האָט געמאַטערט דאָס געוויסן און זיי האָבן געוואָלט, אַז כ'זאָל זיי געבן וועלכע נישט איז עצה. די גוויט האָט זיי צו מיר געטריבן, אַנדערש וואָלטן זיי זיכער נישט געקומען. ס'זענען נאָך אָבער דאָ אַ גאַנץ סך אַזעלכע, וואָס נישט געקוקט אויף זייער גוויט, קענען זיי נישט אָדער געפינען נישט דעם וועג צו מיר און ווילן זיך בעסער אַליין העלפן און ווייסן טאַקע וויאַזוי ס'ווערט „געמאַכט".

מיט אַנדערע ווערטער: דידאָזיקע קיילעכדיקע צאָל פון 500 מיידלעך, וועלכע זענען אין פאַרלויף פון צוויי יאָר דורכגעגאַנגען דורך מיין ביוראָ, האָבן פאָרגעשטעלט בלויז אַ גאַנץ קליינע גרופּע פון די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דערזעלבער לאַגע, האָבן אָבער פאַרשטאַנען אַליין זיך בעסער צו העלפן. הונדערטער גייען, למשל, צום אָפּטרייבער. דאָס איז נישט קיין השערה, איך ווייס עס גאַנץ גענוי.

זעקסטער קאַפּיטל

ביז אַהער האָב איך נאָך ווייניק גערעדט וועגן די יונגלעך פון די העכערע שול-קלאַסן. דער שילער איז אַ סך אַ קלענערע דראַמאַטישע פיגור ווי זיין חברטע. בכלל איז זי די טאָנגעבערין פון אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר, און ער טאַנצט נאָך איר פייפל. ווי די מעשה איז, האָט אָבער אויך דאָס יונגל זיין אייגענע פסיכע, וועגן וועלכער איך האָב נאָך צו רעדן. בינו לבינו איז עס אַ פּאַסנדיק אָרט עפּעס צו זאָגן מכּח דער פּראָצענט-גרויס. איך האָב אַ בריוו פון אַ יונגל, וועלכער איז ביז דאָ נישט לאַנג געווען אין זיין שולע אין דענווער אַן אמתער ספּאָרטהעלד. ער איז געווען באַפריינדעט מיט אַ גאַנצער רייע שילער, וואָס האָבן זיך, פּונקט ווי ער, ספּאָרטלעך אויסגעצייכנט. ער שרייבט מיר, אַז גאַנצע 90 פּראָצענט פון אַלע זיינע באַקאַנטע האָבן סעקסועלע דערפאַרונגען, איידער זיי ווערן נאָך פאַרטיק מיט דער שולע.

איך גופא האַלט 50 פּראָצענט פאַר אַ זיכערע, גאַנץ נידעריקע שאַצונג, דאָסדאָזיקע באַציט זיך אויף אַלע תּלמידים, בעיקר פון די לעצטע צוויי שול-יאָר (זיבעצן- און אַכצן-יאָריקע), איז אָבער וואַרשיינלעך זייער קליין בנוגע יענע גרופּן פון באַזונדערס קרעפטיקע און זעלבסשטענדיקע יונגע-לייט, ווי ס׳זענען געווען יענע שול-אַטלעטן.

אָנפראַגן ביי יונגלעך און מיידלעך האָבן באַוויזן, אַז די תּלמידים זענען פריער געווען פּונקט אַזוי ווייניק אומשול-דיק ווי היינט, זענען אָבער געגאַנגען צו די פּראַסטיטוטקעס,

כּל־זמן ס׳איז בײַ אונדז אין שטאָט געווען דערלויבט. דערנאָך האָבן זיי זיך געווענדט צו די מיידלעך פֿון זייערע אייגענע קרייזן, וואָס ס׳איז אין פֿריערדיקער צײַט גאַנץ זעלטן פֿאָרגעקומען.

דידאָזיקע טענדענץ האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט, נאָכדעם ווי אונזערע יונגע מענער זענען צוריקגעקומען פֿון דער מלחמה. זיי האָבן זיך מיטגעבראַכט אייראָפּעאישע זיטן, וואָס זענען זיי פֿריער לגמרי פֿרעמד געווען, און האָבן זיי איצט אויפגעצוווּנגען אונזערע יונגע מיידלעך, זייערע „girl friends“, זייערע חברטעס. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעצייכנט צונויפגעפּאַסט מיט דער היסטעריע, וואָס איז טאַקע אַ טייל פֿון „פֿלאַפּערטום“, אַזוי זעט אויס די געשאַפֿענע לאַגע, און מיר מוזן זען וויאַזוי זיך מיט איר אַן עצה צו געבן.

פֿריער וואָלט אַ „נעטע“ מיידל עס זיכער געהאַלטן פֿאַר אַ באַליידיקונג, ווען עמיצער זאָל איר אין עפּעס אַזוינס חושד זיין. איצט קאָן זי אַפֿילו די זאַך אָפּוואַרפֿן, איז אָבער דערפֿון לחלוטין נישט געקרענקט. זי האָט אַ גאַנץ גענויע פֿאָרשטעלונג וועגן דער מענטשלעכער חיה און באַגרייפֿט, אַז אינסטינקט איז סוף כּל סוף אַ נאָרמאַלע זאַך. איך וויל דאָ נישט קאָנטראָלירן, צי איז דידאָזיקע אָפֿנקייט צווישן יונגע מיידלעך און יונגע מענער אַ געווינס אָדער אַ פֿאַרלוסט. זי געהערט לכל הדעות צו דער אַבסאָלוטער אַגטשלאָסנקייט פֿון דער יוגנט, אָנצורופֿן דאָס קינד ביים אמתן נאָמען, און מיר דערוואַקסענע מוזן זיך רעכענען דערמיט, אַלציינס צי דאָס געפֿעלט אונדז, אָדער נישט.

מיט יאָרן צוריק, בעת דער דיסטריקט פֿון „רויטן ליכט“ האָט נאָך געהאַלטן אין בליען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ פֿון דענווער, האָב איך געמאַכט אַ פֿאָרשונגס־רייזע אין דאָזיקן געביט, כּדי פֿעסטצושטעלן דעם אַנטייל פֿון תּלמידים פֿון די העכערע קלאַסן. דער פּאָליציי־שעף פֿון דענווער איז געווען אויף מיין זייט און האָט מיטגעאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין יוגנט־געריכט, כּדי צו דערווייטערן די יונגעלייט פֿון דעמאָלט טאָלע-

רירטן דיסטריקט פון בתי-זונות. אפילו מיט דערדאָזיקער הילף איז מיר קוים געלונגען אַרויסצוקריגן בלויז עטלעכע נעמען. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס'זענען גענוג געווען די עטלעכע, ווייל נאָכדעם ווי איך האָב געוווּנען זייער צוטרוי, האָב איך זיך, אַ דאַנק זייערע באַריכטן, דערוווּסט וועגן אַ סך אַנדערע אָנטיילנעמער א. אַ. וו. עטלעכע פון די יונגלעך האָבן אויך מיטגעבראַכט זייערע חברים, וואָס האָבן זיך געוואָלט מיט מיר דורכרעדן.

אויף דעם אופן האָב איך דעמאָלט געהאַט די מעגלעכ-קייט צו רעדן מיט 41 תּלמידים פון איין שולע. אַלע אויסער אַ דריי, פיר, זענען געווען אין זונות-דיסטריקט. אַ סך זענען לכתּחילה אַהינגעגאַנגען נאָר צוליב נייגיריקייט, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט באַקומען וועגן דידאָזיקע מעשׂיות קיין שום אינפאָרמאַציעס. 26 פון זיי זענען דאַן ווירקלעך געווען אין דידאָזיקע הייזער, און 22 האָבן געהאַט געשלעכט-לעכע באַציאונגען מיט די פרויען און מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געלעבט.

אין אַ צווייטער שולע האָב איך געמאַכט אַ ווייטערדיקן פּרווו. איך האָב גערעדט מיט אַן ערך הונדערט תּלמידים פון די העכערע קלאַסן. מער ווי אַ העלפט פון זיי האָבן זיך מיר פאַרטרויט און מודה געווען, אַז זיי האָבן געהאַט סעקסועלע באַציאונגען מיט די פרויען פון דער מאַרק-גאַס. אין אַ סך פאַלן האָט עס זיך בלויז געענדיקט מיט פּשוטע וויזיטן. די הויפּט-סיבה איז געווען נייגיריקייט. דער מאַנגל אין געלט-מיטלען האָט געהאַלטן דעם ענין אין געוויסע גרעניצן.

עטלעכע יונגעלייט האָבן מיר דערציילט ווי עקלהאַפט און פאַסקודנע זיי האָבן זיך געשפּירט ביי די ערשטע דער-פאַרונגען אין דידאָזיקע ערטער. זיי האָבן מיר זייער גערן צוגעזאָגט זיך אָפּצוזאָגן אינגאַנצן פון דידאָזיקע מעשׂיות. אַנ-דערע ווידער האָבן אַרויסגעוויזן איבעראַנטוויקלטע אינסטינקטן און זענען שוין געוואָרן רעגלמעסיקע געסט פון „רויטן ליכט". צוויי פון זיי זענען געווען זין פון אָנגעזעענע מענער,

פּירערס פון זונטאָגס-שולן בײַ דער גרעסטער קירך אין [illegible] ווער. עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך אָנגעשטעקט און פאַרנאַכלעסיקט דעמדאָזיקן צושטאַנד, זיך געהײַלט בײַ שאַרלאַטאַנעס, פעלדשערס א. אַ. וו. איך האָב זיי געשיקט צו דאָקטוירים, וואָס האָבן געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען.

בײַ ס׳רוב פון די יונגעלייט האָב איך גענומען אַ שריפטלעכן, אויף דער מאַשין אָנגעשריבענעם צוזאָג, אַז זיי וועלן שוין ווײַטער לעבן אַנשטענדיק און אָפּגעהאַלטן. אין יאָרן שפּעטער האָב איך זיך ווידער אַמאָל אָנגעשטויסן אויף אַזאַ פּאַק אונטערגעשריבענע פּאַפּירן צווישן מײַנע אַקטן. צו יענער צײַט זענען שוין ס׳רוב פון זייערע מחברים געווען דערוואַקסענע, פאַרהייראַטע, און ווי ס׳האָט אויסגעזען, אָרנטלעכע לײַט. איך האָב פאַרברענט די פײַערדיקע שבועות. האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז עטלעכע פון די גרעסטע צווישן די דאָזיקע יונגע זינדיקער, וואָס האָבן יאָרן-לאַנג געקרענקט, האָבן זיך צו מײַן גרעסטן צאָרן מתחתן געווען מיט די ערשטע פאַמיליעס אין דענווער. וואָס האָט מיר אָבער געטויגט מײַן מוראדיקער כעס? איך בין געווען לחלוטין הילפלאָז, האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן און געמוזט זיך צוקוקן ווי עס שיטן זיך גטן איינער נאָכן אַנדערן, און געזונטע, פאַרטרויענספולע מיידלעך פאַרוואַנדלען זיך אין אויסגעקרענקטע, רואינירטע פרויען.

אפשר אין איינעם פון דידאָזיקע אַלע פאַלן האָבן די עלטערן געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן דיווירקלעכע פאַקטן. כאָטש ס׳איז געשען מיט יאָרן צוריק, געדענק איך נאָך עד היום, ווי איינער פון די פאָטערס, דער לייטער פון אַ זונטיק-שולע, האָט מיך אײַנגעלאַדן צו מיטאָג. דער חשובער הער און זײַן פרוי האָבן גערעדט מיט מיר מכח דער „זאָרגלאָזיקייט פון עלטערן", בעת זייער אייגענער זון איז אין דערזעלבער צײַט געווען קראַנק אויף אַ שווערן טריפּער און האָט אַזוי מוראדיק געליטן, אַז גייענדיק פלעגט ער זיך צונויפקלאַפּן ווי אַ טאַשן-מעסער. זײַן פאָטער האָט עס דערקלערט מיט אַן אומגליק, וואָס איז אים געשען, אויסקלערנדיק אַ

ליגן, אַז אויף אַ פערמע האָט ער כּלומרשט באַקומען אַ שטאַרקן זעץ פון אַ פערד. און די עלטערן האָבן אים געגלייבט אָן דעם קלענסטן חשד וועגן דער ווירקלעכער לאַגע.

און איצט זענען מיר אַלע צוזאַמען געזעסן ביים טיש, די עלטערן האָבן געטענהט מכּח דער זאָרגלאָזיקייט פון אַנדערע מענטשן, און איך האָב נישט געוואַגט אָנצוקוקן דעם זון, וואָס איז געוואָרן רויט ווי פייער. איך האָב אים, ווי איך מיין, נאָך פונדעסטוועגן אַרויסגעפירט אויפן ריכטיקן וועג, כאָטש ער איז געווען דער ליידנשאַפטלעכסטער יונגערמאַן, וועלכן איך האָב ווען נישט איז געקענט. זיינע עלטערן האָב איך אָבער מכּח זיינע ליידן נישט געטאָרט דערציילן קיין וואָרט. איך בין תּמיד געווען און עד היום געבליבן אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון די רויטע-ליכט-דיסקריקטן: איך גלייב נישט, אַז אַזעלכע באַצירקן אין וועלכער נישט איז שטאָט זיינען נייטווענדיק אַלס ריכטיקער מיטל צו קאָנען האָבן דעם קאָנטראָל איבער די חטאים. און דאָך מוז איך דאָ איבערגעבן, אַז קיין איינציקער פון די יונגעלייט, וועגן וועלכע איך האָב נאָר וואָס גערעדט, האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין געשלעכטלעכן פאַרקער מיט שילערינס און אַפילו נישט געוואָלט קלערן וועגן דעם מיט „אַנשטענדיקע מיידלעך", ווי זיי האָבן זיי דעמאָלט גערופן. דערמיט האָב איך אָוועקגעשטעלט דעם שאַרפן קעגנזאַץ פון די צושטאַנדן דעמאָלט און היינט.

דידאָזיקע דערשיינונג דאַרף אָבער נישט, לויט מיין מיינונג, צופירן צוריק צום „באַשיצטן" פאַרברעכן אין אַנדערע שטעט, נאָר צו אַ בעסערער סעקסועלער דערציאונג פון אונזער יוגנט און צו אַ ברייטהאַרציקערער טאָלעראַנץ און גערעכטיקייט, אָנשטאָט די פאַרעלטערטע אומזיניקע אָנשויאונגען.

דער שילער פון דער העכערער קלאַס, מיט וועלכן איך האָב דאָ נישט לאַנג גערעדט, האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט געהאַט געשלעכטלעכן פאַרקער מיט 15 תּלמידות. ער האָט זיי געפונען פאַר בעסער ווי די געוויינלעכע גאַסןמיידלעך. איך האָב פעסטגעשטעלט דעם אמת פון דאָזיקן

ווידוי, גערעדט מיט אַלע 15 מיידלעך און געפונען, אַז זיי זענען גוטע דורכשניטס-טיפּן. ער האָט מיט יעדער איינער געהאַט צו טאָן נאָר אַ פּאָר מאָל. זיי זענען, אויסער צוויי פון זיי, נישט געווען אַזעלכע מיידלעך, וואָס נעמען אָן אַ שום אויסוואַל איינעם נאָכן אַנדערן, און זענען, ווי מיר שיינט, צוריק אַרויף אויפן ריכטיקן וועג.

די עקזיסטענץ פון אַ רויטן-ליכט-באַצירק אין דענווער וואָלט אפשר איינגעהיט דידאָזיקע מיידלעך פון אַזעלכע דערפאַרונגען, דאָס וואָלט אָבער בשום אופן נישט איינגעהיט נישט די שילער, נישט די פּראָסטיטוּאירטע, וואָס האָבן פּונקט אַזאַ רעכט אויף רעטונג ווי יעדער אַנדערער. אויב איצט האָבן אַ סך מער פון אונזערע „גוטע" מיידלעך סעקסועלע דערפאַרונגען, זענען אָבער דערפאַר, ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, אַ סך ווייניקער „פאַרלאָרן" און „רואינירט".

פיל פּראָסטיטוּאירטע זענען פאַרלאָרן, נישט צוליב דעם, וואָס זיי זענען ווירקלעך אומהיילבאַר, נאָר אויסשליסלעך דעריבער, וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרלירן די זעלבסטאַכטונג. די געזעלשאַפט האָט זיי דערקלערט פאַר „פאַרלאָרן" און דערדאָזיקער אורטייל ווירקט סוגעסטיוו, ווי אַ היפּנאָז און איז, סוף כל סוף, אַן איבערוועלטיקנדיקע, אומבאַשטרייטבאַרע מאַכט. זי רואינירט דעם יחיד, קעגן וועלכן זי איז געווענדט, ווייל יעדער איינער איז רערמיט מסכים, אַפילו דער קרבן גופא.

די פּראָסטיטוּאירטע איז באַקאַנט, זי נעמט יעדן איינעם, די איז „געשטעמפּלט", זי איז האָפנונגסלאָז. און אין פאַרלויף פון דער צייט, ווערט זי דאָס אַלץ: אַ קאַריקאַטור פון פּרויענטום, געשטעמפּלט פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט פון איר געמאַכט דאָס, וואָס זי איז. אַפילו אין די ערשטע סטאַדיעס פון דער פּראָסטיטוּציע איז איר שוין נישט דערלויבט זיך צו בעסערן און אַוועקצוואַרפן דעמדאָזיקן וועג.

עס זעט בכן דאָך אויס, אַז מיר האָבן אַלץ ווייניקער „פאַרלאָרענע" פרויען, וואָס קלענער ס'איז די צאָל פון פּראָסטיטוּאירטע, נישט געקוקט אויפן פאַקט, אַז ביי דער אונטער-

דריקונג פון דער אָפענער פּראָסטיטוציע זענען מער מיידלעך עובר אויף אונזערע זיטן-געזעצן. ווייל דידאָזיקע מיידלעך זענען אויף אַ גליקלעכן אופן דורכדעם נישט „פאַרלאָרן" אָדער „רואינירט" איך אַלטן זין: ערשטנס ווייל זייער פאַרברעכן ווערט ס'רוב נישט אַנטדעקט, און זיי מיידן אויס די פאַר־אורטיילונג פון דער געזעלשאַפט. צווייטנס ווידער, ווייל אָפט־מאָל באַציט מען זיך שוין בכלל מיט אַ גרעסערן איינזען צו זייערע פעלטריט.

מיט אַ צייט צוריק בין איך און מיין פרוי, וועלכע אַרבעט מיט מיר צוזאַמען, געווען אַנגענעם איבעראַשט דורכן באַזוך פון צען יונגע פרויען, וואָס האָבן אונז מיט שטאָלץ געוויזן זייערע בעבּיס. אַלע האָבן זיי אַלס תּלמידות געהאַט אומדער־ליבטע באַציונגען מיט יינגלעך, וועגן וועלכע נישט די על־טערן, נישט די לערער, האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג. דורך דער דיסקרעטער מיטפילנדיקער הילף פון יוגנט־געריכט, וואָס האָט דאָס געזעצלעכע רעכט, אין נויטיקן פאַל, צו העלפן אויך פינאַנסיעל, האָבן זיך די מיידלעך אַרויסגעראַטעוועט אויף בעסערע וועגן און זענען דערנאָך געוואָרן גוטע פרויען און מוטערס, פונקט ווי די יוגנטלעכע ליבהאָבער האָבן זיך אַנטוויקלט אַלס גוטע מענער און פאָטערס. דורכן אויסמיידן דעם בלאַמאַזש און דעם שפעטערדיקן שאַנדפלעק, האָבן די־דאָזיקע פרויען געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס, וואָס עס ווערט אָנערקענט דורך דער געזעלשאַפט אַלס העכט מאָראַליש פאַר מענלעכע באַשעפענישן ביים אויפדעקן זייערע ערגסטע פעלטריט.

ווייל די בחורים און מענער, וואָס האָבן בכלל מעגלעך געמאַכט און מאַכן מעגלעך עד היום די פּראָסטיטוציע־דיס־טריקטן, ווערן אָדער בלייבן גוטע חשובע בירגער, מענער און פאָטערס. די מיידלעך פון יענער וועלט איז עס אָבער שטרענג פאַרווערט. דעריבער ווייזט זיך דאָך אַרויס, אַז נישט געקוקט אויף דער פאַרגרעסערטער צאָל סעקסועלע פעלטריט צווישן די מיידלעך, רואינירט פאַרט די נייע צייט די פרויען

אַ סך ווייניקער, ווי די אַלטע טעג פון „רויטן ליכט" מיט די פּאַרגליווערטע, האַרטע קאָנווענצן, מיט די אכזריותדיקע שטראָפן און דעם צביעותדיקן שטאַנדפּונקט פון דער טאָפּעלער מאָראַל. כ'וויל דערמיט בשום אופן נישט זאָגן, אַז די נייע צושטאַנדן נויטיקן זיך נישט אין קיין שום אויסבעסערונג. איך דערקלער אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז זיי פאַרמאָגן אַ סך מער ווירקלעכע מאָראַל ווי די אַלטע און אַז אַלע קלאָגווייבער אויף להכעיס זענען מיר בשום אופן נישט צוריקגעגאַנגען.

איך האָב זיך שוין באַמיט צו דערקלערן, אַז עס קומט צו מיר נישט בלויז די יוגנט, וואָס געפינט זיך אין אַ נויט, נאָר אויך זייער פיל געזונטע, פיינגעבילדעטע און הויכאַנ-שטענדיקע מיידלעך און יונגלעך און אַ דאַנק דעם קאָן מען טאַקע קיין מאָל נישט וויסן, ווער פון זיי געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע און צוליב וואָס דער אָדער יענער האָט מיך אויפגעזוכט. די „גוטע" דינען אַלס דעק-מאַנטל פאַר די אי-בעריקע. אַלע ווייסן, אַז זייער ענין, וואָס ער זאָל מיט זיך נישט פאָרשטעלן, וועט קיין מאָל נישט ווערן פאַראַטן, אַז עס ווערן וועגן זיי נישט געשריבן קיין שום אַקטן, אַז זיי געפינען שטענדיק סימפּאַטיע פאַרן זינדיקער, כאָטש אַפילו נישט פאַר דער זינד.

מיינע שמועסן מיט מיינע באַזוכער און פלעגע-קינדער קומען פאָר גלייכצייטיג פולשטענדיק פּריוואַט און פולשטענדיק עפנטלעך. כדי מען זאָל נישט קאָנען עפּעס וואָס נאָכדערציילן וועגן זיי אָדער מיר, נעם איך אויף אין מיין אַמט-צימער יעדן איינעם ביי פאַרמאַכטע טירן, וואָס קאָנען אָבער דורך יע-דערן געעפנט ווערן. אויף דער דאָזיקער טיר הענגט אויך אַן אויפשריפט: „נישט קלאַפּן. איך בעט גלייך אַריינצוגיין". יעדער פּאָליציסט, באַאַמטער אָדער באַזוכער קאָן, הייסט עס, אָן שום מעלדונג אַריינקומען. אין פּאָרצימער אַרבעט מיין פרוי. אויב נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער פאַרשטאַרקטער פאָר-זיכט, ווערן דאָך פאַרשטרייט פאַרשידענע סקאַנדאַל-געשיכטן,

דאַרף איך, נאַטירלעך, נישט דערציילן, ווייל יעדער איינער קען זייער גוט די מענטשלעכע נאַטור און ווייס, אַז עס פעלן נישט קיין בייזע צינגער און קיין פלוידערזעק פון ביידע געשלעכטער. דאָס נאָר קאָן איך צוגעבן אַלס אינטערפּרעטאַציע פון מיין גאַנצער אַרבעט און שטעלונג, וואָס איז אפשר פאַרן לעזער נישט גענוג קלאָר.

צו יעדן דאָקטאָר האָט מען, זעלבספאַרשטענדלעך, דעם צוטרוי, אַז ער וועט נישט מיסברויכן מיטן אַליין זיין מיט פרויען, וועלכע ער באַהאַנדלט. מיר, אַלס נשמה־דאָקטאָר פון דער יוגנט, איז דערדאָזיקער צוטרוי נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. און דאָך האָט זיך געדוכט, אַז יעדער איינער דאַרף באַגרייפן, וואָס פאַר אַן אומענדלעך צאַרטע זאַך ס'איז די נשמה־באַהאַנדלונג טאַקע אויפן סעקסועלן געביט, און אַז אַלץ הענגט דאָ אָפּ אויסשליסלעך פון אומבאַדינגטן צוטרוי. דער יוגנט־געריכטס־הויף מוז גלייכצייטיק אויך זיין אַ שפּיטאָל. קודם כל דאַרףביים קראַנקן אויסגעהיילט ווערן זיין שרעק, זיין מורא, דערצו האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ סך מיידלעך און פרויען האָבן מער צוטרוי צו אַ מאַן, איידער צו אַ פּער־זאָן פון זייער אייגענעם געשלעכט.

זיבעטער קאַפּיטל

אין די יאָרן 1920-1921 האָט דער יוגנט-געריכטסהויף פון דענווער געהאַט צו טאָן מיט 769 מיידלעך פון פערצן ביז זיבעצן יאָר, אַלץ וועגן געשלעכטלעכע פעלטריט. 465 זענען מער נישט געגאַנגען אין קיין שולע, 304 האָבן באַזוכט פאַר-שידענע שולעס אין שטאָט. די סיבה, וואָס די צאָל איז נישט געווען גרעסער, איז פּראָסט פשוט די פיזישע אוממעגלעכקייט צו באַהאַנדלען מער פאַלן. איך בין סוף-כּל-סוף נאָר א י י ן מענטש און האָב זייער אַ קליינעם באַאַמטן-שטאַב, ווייל מיין בודזשעט האָט דעמאָלט באַטראָפן מער ווי 30.000 דאָלאַר לגבי די 250.000 פאַרן רעגולערן געריכט. דערביי האָבן מיר אין משך פון יאָר 12000 פאַלן, בעת דאָס אַנדערע געריכט דערציט קוים ביז 2000.

איך בין אָפּטמאָל געווען געצווונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זייער פיל פאַלן, וואָס איך האָב געדאַרפט אויפדעקן און באַ-האַנדלען, איינפאַך צוליב מאַנגל אין צייט און קראַפט פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. ווי אַזוי איין פאַל פלעגט אַרויספירן פון צווייטן האָב איך שוין דערמאָנט. די רינגען פון אַן אומענד-לעכער קייט זענען מיר אָפט פאַרלוירן געגאַנגען אין די לאַנגע פינסטערע גענג פון אַ געהיימנישפולער אונטערערדישער הייל. טויזנטער האָב איך געקאָנט אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין, שטעלט אייך בלויז פאָר פאַר יעדער איינער פון די 769 מיידלעך איינעם אָדער עטלעכע יונגלעך. יעדער יחיד האָט

לכּחות געוווּסט פוּן איינעם אָדער צוויי, אָפּטמאָל פוּן אַ גאַנ־
צער רייע אַנדערע, וואָס האָבּן זיך געפוּנען פּוּנקט אין דער־
זעלבּער לאַגע ווי זיי גופא. דאָס באַציט זיך אויך אויף די
די 100 פון די 769, וואָס זענען געווען מעוברתע. פאַר זיי
אַלע איז געשטאַנען די פראַגע, צי זאָלן זיי גיין צו מיר,
אָדער צום אָפּטרייבּער.

וויפל, למשל, קלערט איר זענען נאָך דעם אַלעם געבּליבּן
פאַרן אָפּטרייבער, וואָס קיינער וועט אפשר וועגן דעם גאָר
נישט וויסן? און דידאָזיקע הונדערט, וועלכע איך גופא האָב
אין משך פון די צוויי יאָר צייט מיטגעהאָלפן צו קומען צום
קינד און צום רעכטן וועג — זענען בּלויז פון פערצן ביז
זיבּעצן־יאָריקע! ווער קאָן אויסרעכענען די פאַלן, וואָס ס׳קומען
פאָר פון זיבּעצן ביז איין־און־צוואָנציק? ווי געזאָגט: סטאַטיס־
טיק איז אוממעגלעך, שאַצונג איז אויסגעשלאָסן. עס ציט זיך
עד אין סוף, ביז צום אומענדלעכן. און דאָס איז דאָס שרעק־
לעכסטע.

די הונדערט קינדער, וואָס זענען בּיי אונז געבּוירן גע־
וואָרן, האָבּ איך ווי נישט איז אומבּאַמערקט איינגעאָרדנט
דאָרט, ווו מ׳האָט זיי צוגענומען אַלס אייגענע.

אונזערע פּראַקטאָקאָלן אונטערשטרייכן נאָך אַ וויכטיקן
פאַקט. יעדעס מיידל האָט דריי עלטערס. איינע לויט דער
צייט, די צווייטע לויט איר אינטעליגענץ און די דריטע לויט
איר קערפּערלעכער אַנטוויקלונג. דידאָזיקע דריי עלטערס
שטימען זעלטן צוזאַמען. מיידלעך פון 14 יאָר זענען אָפּטמאָל
לויט זייער פיזישער אָדער גייסטיקער אַנטוויקלונג אַ סך יונגער
אָדער עלטער פון זייערע אמתע יאָרן. די פיזיש צו פרי אַנט־
וויקלטע, וואָס זענען ביאָלאָגיש שוין צו עלף, צוועלף יאָר
רייף פאַר מוטערשאַפט, שטייען, נאַטורמעסיק, אין דער גרעס־
טער סכנה צו קומען אין סעקסועלע באַציאונגען מיט יונגלעך,
אַ סך מער ווי די שפּעט רייפע. מיר האָבּן וועגן דעמדאָזיקן
פּונקט אָרגאַניזירט ספּעציעלע פאָרשונגען און קאָנסטאַטירט,
אַז פון 313 מיידלעך אונטער אונזער באַהאַנדלונג זענען 265

פריצייטיק רייף געוואָרן שוין אין עלטער פון עלף ביז צוועלף יאָר; אַנדערע צוואָנציק צו דרייצן יאָר, נאָר די לעצטע אַכט און־צוואָנציק האָבן זיך פולשטענדיק אַנטוויקלט ערשט צו 14, 15, 16 יאָר. דאָס דערקלערט אַ סך. ערשטנס זענען די פרי־רייפגעוואָרענע פאַרן אַנדערן געשלעכט פיל אָנציענדיקער, צווייטנס איז זייער אייגענער געשלעכטלעכער אינסטינקט און פאַרלאַנג שטאַרקער. ווען מיר זאָלן זיי צו דער רעכטער צייט אויפמערקזאַם מאַכן אויף זייערע געפאַרן און באַפרייען פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס גייסטיק קאָנען זיי זי נאָך לגמרי נישט טראָגן, וואָלטן מיר זיכער געהאַט אַ סך ווייניקער פעל־טריט; די לאַנגע דערפאַרונג האָט מיך אויסגעלערנט צו דער־קענען אַזוינע יונגע קרבנות פון פריצייטיקער רייפקייט גלייך אויפן ערשטן קוק. זיי האָבן עפּעס אַ מין שווער צו באַשריי־בנדיק'ס אין די אויגן און אַ באַשטימטע ליניע אַרום מויל, וואָס דערציילט מיר זייער געשיכטע, באַזונדערס, אויב זיי האָבן שוין געהאַט אַווירקלעכן סעקסועלן פאַרקער. געוויינלעך פאַר־פיר איך מיט אַזעלכע קינדער אַ שמועס, באַמי זיך צו גע־ווינען זייער צוטרוי און האָב זיך באמת זעלטן ווען אין זייער צושטאַנד טועה געווען. ס'גייט מיר פונקט ווי יענעם פּאַסטוך, וואָס איך האָב אַמאָל געזען, ווי ער האָט פון צווישן 50000 שעפּסן אַרויסגענומען פון דער סטאַדע יענעם, וואָס האָט נישט געהערט צו אים. ער האָט מיר בשום אופן נישט געקאָנט דערקלערן, אָן וואָס ער האָט דערקענט דאָסדאָזיקע אייגע פרעמדע שעפּסעלע. אָבער איך האָב אים פאַרשטאַנען. מ'קען די סימנים.

כ'וויל דאָ איבערגעבן אַן איבערלעבעניש, אָן וועלכער איך דערמאָן זיך נאָך גאַנץ דייטלעך.

צו מיר איז געקומען אַ פרוי און האָט אָנגעקלאָגט אַ יונגל, וואָס האָט ביי איר צוגעגנבעט די באַטעריע פון טיר־גלעקל. דאָס יינגל האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט עלעקטריציטעט און האָט זיך גענומען דאָס ערשטע בעסטע, וואָס ער האָט געהאַט אונטערן האַנט, ווייל ער האָט געדאַרפט

האָבן אַן אַפּאַראַט. ער איז נישט געווען קיין גנב. ער איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַל, אונטערנעמונגסלוסטיק קינד, וואָס זיין מוט און זעלבסשטענדיקייט וועלן אים נאָך אַמאָל אין לעבן זיכער גוט צונויפקומען, אויב מען זאָל זיי נאָר ווי געהעריק לייטן. די פרוי האָט צום משפּט אַלס עדות קעגן יונגל מיטגעבראַכט מיט זיך איר קליינע עלף-יעריקע טאָכטער. באָכדעם ווי דער דערמאָנטער פאַל איז דערליידיקט געוואָרן, האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי דער מוטער, צו האָט זי ווען נישט איז ערנסט אַ טראַכט געטאָן מכּח איר קליינער טאָכטער. זי איז געווען אויפגעבראַכט, וואָס זאָל עס באַטייטן?

— שיקט מיר מאָרגן אַהער אייער טאָכטער, איך וויל מיט איר רעדן.

זי האָט ענדלעך איינגעוויליקט, איז אָבער אַוועק שטאַרק באַליידיקט.

אויפן צווייטן טאָג איז דאָס קינד געקומען. אויף איר גאַנצן שיינעם פּנימל זענען געלעגן די סימנים, וואָס איך קען זיי אַזוי גוט. און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? זי, און דאָס יונגל, וואָס האָט גענומען די באַטעריע, האָבן שוין געהאַט איינע מיטן צווייטן סעקסועלע באַציאונגען, שלעכט? לגמרי נישט. ס׳איז בלויז געווען אַ פאַל מער פון אַן אומשולדיק, אומוויסנדיק, פאַרבלענדט קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן דורך אַ באַגרעניצטער, אומפעאיקער, אָפּגעשטאַנענער מוטער. די דאָזיקע מוטער איז שיעור נישט געשטאָרבן פון צאָרן און בושה, אַז איך האָב איר איבערגעגעבן דעם אמת וועגן איר עלזען און איז בעת אירע צאָרן-אָנפאַלן לגמרי אַרויס פון די כּלים לגבי מיר און איר קינד, ווען איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז ס׳איז אַ סך בעסער, זי זאָל לאָזן עלזען אויף אַ פּאָר יאָר אונטער מיין אויפזיכט און לייטונג. סוף-כּל-סוף האָט דער שכל דאָך געזיגט, און זי האָט איינגעוויליקט. עלזע פלעגט צו מיר קומען אַלע צוויי, דריי וואָכן, כּדי מיט מיר צו פּלוידערן און זיך צו באַראַטן, און איצט איז זי אַ זייער

זיין, אָרנטלעך, כּמעט דערוואַקסן מיידל. ס'איז אָבער נישט דער פאַרדינסט פון איר מוטער, וואָס זי איז אַזוי געוואָרן.

די פריצייטיקע רייפקייט פון די טעכטער ווערט דורך זייערע טעמפּע עלטערן באַטראַכט אַלס אַ מין נסיון. פאַקטיש דאַרף מען עס אַפילו נישט באַצייכענען אַלס סעקסועלס. דער־שיינונג. מ'קאָן עס אַזוי גוט אויפפאַסן אַלס עפּעס מוטערלעכס, פּונקט אַזוי ווי מען דערקלערט אַלס מוטערלעכן אינסטינקט דעם אינטערעס פון קליינע מיידלעך פאַר ליאַלקעס.

איינמאָל איז צו מיר געקומען אַ באַזאָרגטע מוטער, כּדי זיך דורכצורעדן וועגן איר פופצן־יאָריקער טאָכטער, בײַ וועל־כער זי האָט באַמערקט סימנים פון אַ סעקסועלער פריצייטיקייט. אין פאַרלויף פון אונזער שמועס האָט זי דערמאָנט, אַז דאָס יונגע מיידל האָט אין דער לעצטער צייט אַרויסגעוויזן באַ־זונדערע פעיקייטן צום צייכענען און האָט כּסדר געמאָלט בילדער.

— איך קאָן מיר פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ בילדער דאָס זענען, האָב איך געזאָגט. ס'זענען זיכער נישט קיין הײַזער, חיות אָדער לאַנדשאַפטן. דאָס זענען בילדער פון קליינע קינדער, פון ליבהאָבערס אָדער ענלעכע זאַכן, נישט אמת?

די פרוי האָט מיך, אַ אמת צושראָקענע, אָנגעקוקט.

— ווי אַזוי איז עס אייך אײַנגעפאַלן? האָט זי אויס־געשריגן.

— ס'איז גאַנץ פּשוט, האָב איך געענטפערט. דער טאַ־לאַנט צום צייכענען בײַ אייער טאָכטער דריקט פּונקט אַזוי אויס איר געשלעכטלעכע אַנטוויקלונג אַלס פרוי און מוטער, ווי דער פאַרקער מיט יונגעלײַט, פאַר וועלכן איר האָט אַזוי מורא.

אַ צווייטער פאַל. פראַנציסקא דאַרליי — נאַטירלעך איז עס נישט איר אמתער נאָמען — איז געווען די טאָכטער פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט געוווינט אויפן קאַפּיטאַלבאַרג, ס'הייסט אין דער פיינפטער געגנט פון אונזער שטאָט. די פאַמיליע האָט געהאַט געלט, געזעלשאַפטלעכע שטעלונג און בילדונג. פראַנ־

אָרגזאַם, ציסקאַ איז, לויטן אַלטן שטייגער, זייער גוט און דערצויגן געוואָרן. זי האָט געהאַט אַ עלטערע, גליקלעך פֿאַרהייראַטע שוועסטער, וואָס האָט אַ צייט-לאַנג געווױנט בײַ איר מאַן בײַ די דאַרלייס אין הויז. די דאָזיקע שוועסטער האָט געבוירן אַ בעבי, וואָס פֿראַנציסקאַ, דעמאָלט פֿערצן יאָר אַלט, האָט אים אומגעהייער ליב געהאַט. איידער דער בעבי איז געבוירן געוואָרן, האָט זי זיך כּסדר געשפּילט מיט ליאַלקעס. דערנאָך האָט זי לחלוטין פֿאַרוואָרפֿן די ליאַלקעס און אָפּגעגעבן יעדן פֿרייען מאָמענט דעם קינד, אָבער מיט אַזאַ צערטלעכקייט, אַז די גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך אין דער שטיל דערמיט אַמיזירט. איז אָבער געקומען דער פֿינסטערער טאָג, ווען די שוועסטער און דער שוואָגער מיט זייער בעבי זענען אַוועקגעפֿאָרן אין אַ ווייטער שטאָט. פֿראַנציסקאַ איז געווען אומטרייסלעך, איז עס דאָך אָבער געווען נישט מער ווי דער שמערץ פֿון אַ קינד, און קיינער האָט זיך דערמיט נישט אינטערעסירט.

דאָס קינד האָט אָבער אָנגעהויבן בײַ זיך אַליין צו פֿרעגן, פֿאַרוואָס קאָן עס דען אַליין נישט האָבן פּונקט אַזאַ בעבי. פֿון וואַנען די קינדער נעמען זיך האָט פֿראַנציסקאַ נישט געוווּסט, און אירע נאָכפֿאָרשונגען וועגן דאָזיקן ענין האָבן בײַ אירע עלטערן נישט געפֿונען קיין דערמוטיקונג. האָט זי זיך געפֿרעגט בײַ אַ ביסעלע אַן עלטערער חברטע און דערגאַנגען פֿון איר אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געהאָלט וויסן.

די געשיכטע, ווי אַזוי זי האָט איצט געהיטן איר „סוד“, האָב איך שפּעטער געהערט פֿון איר גופֿא. די דאָזיקע געשיכטע איז געווען וווּנדערבאַר רירנדיק און שיין, אַז מיט ווערטער איז זי אוממעגלעך צו שילדערן. זי האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע מעשה, נעמלעך דאָס אַנטשטיין און אויף-דער-וועלט-קומען פֿון אַ בעבי, איז אַ פֿאַרבאָטענער געביט, ריר מיך נישט אָן. אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון פּלאַן, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אַלץ מער פֿאַר איר אויסקריסטאַליזירט. זי האָט געוואַרט אויף אַ גינסטיקע געלעגנהייט

און איז געוואָרן נאָנט מיט אַ גוטמוטיקן יונגל, וואָס איז ערשט אַלט געווען אַ יאָר זעכצן און זאָרגלאָז ווי אַ בייפּונדלענדזער דאָג-הונט. זי איז געווען פעסט אַנטשלאָסן זיך צו פאַרשאַפן אַ בעבי, און איז צוגעשטאַנען צום גוטן יונגל, ער זאָל איר העלפן אים צו באַקומען.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זי דערשפּירט, אַז מיט איר איז געשען עפּעס וווּנדערבאַרס, און איר אַנטציקן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי איז אַוועק צו דער מאַמען און איר פאַרטרויט דעם גרויסן „סוד".

פאַרשטייט זיך, אַז די ווירקונג אויף דער מוטער איז נישט געווען קיין אַנדערע, ווי מ'האָט עס געקאָנט דערוואַרטן. זי איז געווען אומגעהייער אויפגעבראַכט, נישט אַזוי צוליבן שווערן פּראַקטישן פּראָבלעם, ווי בעיקר צוליב איר לגמרי פאַלשער, איבערטריבענער אויפפאַסונג, אַז איר קליינע טאָכטער איז „אוממאָראַליש" און „שלעכט", האָט געבראָכן אַלע געזעצן פון אַנשטענדיקייט, איז אומריין, באַשמוצט און אויף איר גאַנץ לעבן רויאינירט. דאָס פיינפילנדיקע, דערשטוינטע קינד איז פון דער מוטערס פאָרוואורפן ממש דערדריקט געוואָרן. ס'האָט נאָר געפעלט, אַז מ'זאָל זי אַרויסטרייבן פון שטוב.

אַמייסטן האָט זיך די מוטער געשראָקן פאַר איר גאַנצן קרייז באַקאַנטע. וואָס וועט זיין, אויב מ'וועט אויך זי פאַר-אורטיילן, אפשר גאָר „שניידן"! דער גרעסטער חטא איז לכל הדעות צו לאָזן די זאַך אויפדעקן. די אַנטפּלעקונג פון איר צושטאַנד — דאָס האָט פראַנציסקא גלייך אויפגעכאַפּט — איז די גרעסטע חרפה. ווי איצט הער איך נאָך דאָס מוראדיקע יאָמערן פון דער פרוי: „וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן, וואָס גאָט האָט מיך אַזוי געשטראָפט? צי דען האָב איך עס פאַר-דינט? צי דען בין איך מיין גאַנץ לעבן נישט געווען קיין אַנשטענדיקע פרוי? ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז איך זאָל האָבן אַזאַ שלעכט קינד?

— איר האָט אַ פּראַכטפול קינד, האָב איך איר געזאָגט. אייער טאָכטער איז נישט זינדיק אָדער שלעכט, זי איז גאַנץ

מענטשלעך, נאַטירלעך, נאָר פאַלש געפירט, ס'איז איצט אייער זאַך, צי ווילט איר מאַכן פון איר לעבן אַ טראַגעדיע, אָדער איר מיטהעלפן צו דער מוטערשאַפט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי רירנדיק שיין געגאַרט. הערט איצט קודם-כּל אויף צו קלערן וועגן זיך. קלערט וועגן אייער קינד און וועגן די סיבות פון דעם, וואָס איר באַטראַכט אַלס איר חטא. איר האָט געדאַרפט האָבן צו אייער טאָכטער דעם ריכטיקן מיטגעפיל און זי פירן מיט אייער עצה אין אַ מאָמענט, ווען זי נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אייער הילף און ליבע.

מיין עצה איז אָבער געקומען צו שפּעט. פראַנציסקאַ האָט אַ ן שרעק און פאַרצווייפלונג געזוכט אַן עצה ערגעץ ווו אַנדערש, נישט, נאַטירלעך, ביי איר מוטער דער אידיאָטין, ווייל ס'איז איר נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז פון דער דאָזיקער ווילדער פרוי האָט זי נישט צו האָפן נישט אויף קיין פאַרשטענדעניש און נישט אויף קיין הילף. אַזוי איז דאָס קינד אַוועק צו איר אויפגעקלערטער חברטע, וואָס יענעמס אינפאָרמאַציעס האָבן זי דערפירט צו דערדאָזיקער לאַגע, זיך נאָכגעפרעגט ביי איר, ווי אַזוי זיך צו ראַטן און דערגאַנגען ווו ס'ליגט דערדאָזיקער וועג, זי האָט אויך באַקומען פון איר די געהעריקע אַלגעמיינע אָנווייזונגען, ווי אַזוי פון אומגעבוירענעם קינד „פּטור צו ווערן".

נאָכדעם, ווי זי האָט שוין אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, האָט זי ווידער חרטה געקריגן און דורכאויס געוואָלט האָבן איר בעבי.

אָבער ס'אומגליק איז געשען. אַ פריצייטיק געבורט. אויסגעלאָשן די ערשטע פרייד פון דער מוטערשאַפט. איר בעבי איז געבוירן געוואָרן אַ טויטער.

ביי אַזעלכע זאַכן גייט מיר איבער די גאַל. שפּעטער, אַז דער ערשטער ווילדער כּעס גייט פאַרביי, קום איך צוריק צו דער טרויעריקער איבערצייגונג, אַז מיר אַלע, אַפילו פראַנציסקעס מוטער, זענען אַ קרבן פון טראַדיציעס און מנהגים און טאָרן דעריבער קיינעם נישט באַשולדיקן, און אַז טאַקע

נאָר מיר, וואָס זעען שוין אַביסל קלאָרער ווי דער פּאַציענט, מוזן טאָן אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך, כדי צו לינדערן און צו קוקן האָפנונגספול אין דער צוקונפט אַריין. צום גליק ליגט דאָך דידאַקטיקע צוקונפט אין די הענט פון אַ יונגערער גענע־ראַציע, וואָס האָט שוין גאַנץ ווייניק רעספּעקט פאַר געוויסע מנהגים פון זיינע אבות. די האָפנונג פון אונזער גאַנצער קול־טור איז אָבהענגיק פון אַ פאַרשטענדיקן, קריטישן קאָנטראָל פון אַלע טראַדיציעס, אַזוי אַז מיר זאָלן ענדלעך קאָנען אונטערשיידן, וואָס ס׳פאַרדינט אויף אַ ווייטערדיקן לעבן, און וואָס ס׳האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן און האָט נישט מער קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג.

ווען פראַנציסקאָס מוטער זאָל האָבן געלערט, די זאַכן אַזוי אונטערצושיידן, וואָלט זי נישט געווען רואינירט איר קינדס לעבן און געזונט, נישט אַריינגעטריבן איר אייגענע טאָכטער אין פיזישע און מאָראַלישע טאָרטורן. און דאָס אַלץ אין נאָמען פון אַנשטענדיקייט און קריסטלעכער זיטלעכקייט! אַזוי ווייניק טיף דרינגט אַריין אונזער קולטור אונטערן אויבער־פלאַך פון אונזער לעבן! ס׳מאַכט דעם איינדרוק ווי בלויז איין בלאַט פּאַפּיר זאָל אונז אָפּטיילן פון יענעם מדבר, וואָס הילכט אָפּ מיט די ווילדע קריגס-געשרייען פון די אוראַלטע פעלקער.

איך וואָלט ביי מיין לעצטער געשיכטע באַזונדערס ווילן אונטערשטרייכן, אַז דאָ האָט זיך לכתחלה נישט געהאַנדלט וועגן קיין סעקסועלן פעלטריט, נאָר וועגן אַ פאַרברעכן, אָנ־שטאָט ליאַלקעס זיך צו ווילן שפּילן מיט אַ בעבי. איך פּראָ־פּאָניר עטלעכע פריינדינס פון שויסהינטלעך וועגן דעם אַ טראַכט צו טאָן — אויך די אומפּאַרהייראַטע.

פראַנציסקאָ איז געווען פאַרכאַפּט פון אַ פאַרלאַנג, וואָס איז אָן און פאַר זיך פולשטענדיק גוט און געזונט און פאַר־שעמט אַלע אונזערע פאַלשע זיטן־באַגריפן. און איך מיין — אַז לויטן פאַל פון פראַנציסקען לאָזן זיך באַאורטיילן אַ גאַנץ סך אַזעלכע פאַלן אין אונזער כלומרשט איבערסעקסועלער,

פארשווענדערישער, תאוות־זוכנדיקער וועלט פון די קליינע „זיסע מיידלעך״ („Flapper״). דאָס זענען אין גרונט געגומען נישט קיין פרישע קערפּערס, וואָס ביטן זיך אָן צום פארגע־ניגן פון די מענער, נאָר קערפּערס, וואָס ווילן זיך אָפּגעבן דער מוטערשאַפט מיט אירע שמערצן, אַלצאיינס צי ס'איז אונז און זיי באַוווסט, אָדער נישט. לאָמיר זיי דעריבער נישט אָנ־קוקן מיט קיין תאוהדיקן, ציניש געלעכטער. זיכער שפּילט דאָס געשלעכטלעכע זיין ראָל אין מענטשלעכן לעבן אלס גע־שלעכטלעכעס און אונטערשיידט זיך אין דאָזיקן זין פון דעם דראַנג נאָך קיום־המין און מוטערשאַפט, אָבער דער חילוק איז מער אַ פאָרמעלער ווי אַ פּאַקטישער.

פון פראַנציסקאַס געשיכטע שטעלט זיך דייטלעך אַרויס אַ פּאַקט, וואָס בערנאַרד שאָו פאַרטרעט אין זיין „מענטש און איבערמענטש״, וועלכער איז אָבער לגמרי סותר דער ביזאיצ־טיקער אַלגעמיינער אָנשויאונג. שאָו זאָגט, נעמלעך, אַז די פרוי און נישט דער מאַן זוכט און אַז בכלל מאַכט די פרוי דעם מאַן נאָכגיביק, כּדי ער זאָל באַפרידיקן איר פארלאַנג נאָך מוטערשאַפט.

איך האַלט, אַז די דאָזיקע אָנשויונג ווערט נאָך איצט ס'רוב בצטראַכט אַלס אַ מין פאַרדאָרבענעם וויץ פון בערנאַרד שאָו. קיינעם פאַלט נאָך עד היום נישט איין, אַז שאָו מיינט באמת אַזוי, ווי ער זאָגט, און אַז אַזאַ באַהויפּטונג, וואָס שטאַמט פון איינעם פון די גרעסטע גאונים פון אונזער צייט, דאַרף אויפגענומען ווערן מיט דער גרעסטער אַכטונג.

איך גופא אַכט זי טאַקע, ווייל איך זע טאָג איין טאָג אויס, ווי זי באַשטעטיקט זיך אין לעבן. ס'איז נישטאָ דערביי קיין שום שפּיגל־פעכטעריי. אין פראַנציסקאַס פאַל קאָנען מיר דעם פּאַקט גאַנץ קלאָר פאַרפאָלגן ביז צו זיין אורשפּרינגלעכן דיאַלאָגישן פּרינציפּ, ער ליגט פאַר אונז לגמרי אַנטבלויזט פון זיינע אַלטפרענקישע מלבושים, וואָס דינען געוויינלעך דער־צו צו שילדערן דעם מאַן אַלס רויבלוסטיקן אָנפאַלער. אויף אַ לייכטערן אופן אילוסטרירט דאָס טיפּישע „פלאַפּער״־מיידל,

וואָס גייט דעם מאַן אויפֿן האַלבן וועג דרייסט אַנטקעגן, דעמ־זעלבן פּרינציפּ. און אַזוי ווי די פּרוּװן דעראָבערן זיך איצט אויף דער גאַנצער וועלט דעם געהעריקן פּלאַץ, וואָס זיי קומט, מוז אונז די פראַגע נאַטירלעך אינטערעסירן, וואָס עס וועט סוף כּל סוף דערפֿון אַרויסקומען.

די מיידלעך, מיט וועלכע איך האָב צו טאָן, זענען שוין צום גרעסטן טייל פּאַרטיק מיט דער לעגענדע, אַז דער מאַן מוז אומבאַדינגט טאַנצן אַרום דער פרוי, כּדי צו באַזיגן ביי איר דעם ווידערשטאַנד. אויף אַן עלטערן־פּאַרזאַמלונג, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פֿאָרגעקומען אין דענווער, כּדי צו געפינען מיטלען און וועגן קעגן דער „אומנמאָראַלי־טעט״ אין אַ געוויסער שולע, האָט דער דירעקטאָר געזאָגט, אַז שולדיק זענען די מיידלעך, ווייל זיי זענען נאָכגעגאַנגען די יונגלעך, נישט פֿאַרקערט.

איינער פֿון די אָנוועזנדיקע פֿאָטערס, וואָס זיין זון איז מיט אַ זעכצניעריקער מיידל אַ ביסל צו ווייט פֿאַרקראָכן, האָט זיך ביטער באַקלאָגט.

— איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל דאָ טאָן. איך האָב אים פֿאַרבאָטן אין אָוונט אַרויסצוגיין, אָבער איך קאָן אים דאָך נישט האַלטן שטענדיק אויפֿן אויג. יעדן אָוונט קומען די מיידלעך פֿאַרן הויז און פּייפֿן אים אַרויס.

אַ שילער פֿון די העכערע קלאַסן האָט זיך מיר מודה געווען אין זיין איבערלעבעניש מיט אַ געוויסער מיידל.

— איך בין איר נישט נאָכגעגאַנגען. זי האָט אָבער שטענדיק אָפּגעשטעלט איר אויטאָ, ווי נאָר זי האָט מיך דער־זען אויפֿן גאַס, און האָט מיר פּראָפּאָנירט מיט איר צו פֿאָרן. סוף כּל סוף בין איך זיך אַליין פֿאָרגעקומען אומגעלומפּערט, איך זאָל איר כּסדר זאָגן, אַז איך וויל נישט.

דערנאָך געהערט אַהער דער פֿאַל עלען, די טאָכ־טער פֿון אַ רייכן מאַן אין דענווער, האָט אָפּגערעדט מיט נאָך פֿינף שילערינס, אַז בעת די זומער־וואַקאַציעס זאָלן זיי אַלע האָבן אַ רעגלמעסיקע סעקסועלע דערפֿאַרונג, און די

אקטן וועגן דעם פאַרגלייכן אין האַרבסט, בעת זיי וועלן זיך ווידער צונויפטרעפן אין זייער פּענסיאָן.

עלען האָט זיך אויסגעקליבן אַ יונגל, וואָס האָט לגמרי נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג וועגן אירע פּלענער. ער האָט זי געמוזט איינלאַדן צום אָוונטעסן אין אַ באַקאַנטן באַרימטן לאָקאַל, ווו זיי האָבן זיך געהייסן געבן אַ באַזונדערן צימער. דאָרט האָט זי אים צו זיין אומגעהויערער דערשטוי־נונג פאַרפירט. אַלץ, וואָס מיט אים האָט זיך אָפּגעשפּילט, האָט דעם עלענדן יונגל ממש צעטומלט און איבערוועלטיקט.

עלען האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן די פאָלגען, וואָס זי האָט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט, ווייל זי איז געווען דערצויגן לויט די פאַרעלטערטע פּרינציפּן פון „ווילאַנשטענ־דיקייט". אין עטלעכע חדשים אַרום האָט זיך אָבער איר מוטער געכאַפּט און עלען האָט זיך מודה געווען אין דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ שטורמי־שער פאַמיליען־ראַט פון ביידע צדדים, וועלכער האָט זיך גע־ענדיקט דערמיט, וואָס דער פאָטער האָט פאַרשטויסן זיין זון, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָרענטלעכן, מיוחסדיקן פאָטער.

עלען האָט איבערגעגעבן אירע עלטערן מכח דעם, וואָס זי האָט אָפּגעמאַכט מיט אירע שולוחברטעס. נאָך דעם האָבן זיי זי געבראַכט צו מיר. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי דער פאָטער מיר אָפּגעגעבן. — איך רעזיגניר, האָט ער גע־זאָגט, איך ווייס, ווי עס שיינט, בכלל נישט וואָס עס טוט זיך מיט דער איצטיקער יוגנט. איר וועט זיך דערמיט מוזן אָפּ־געבן, הער ריכטער. פון דער דאָזיקער האַלטונג האָב איך אַרויסגעדרונגען, אַז ער איז נאָך ווייניקסטנס נישט אין גאַנצן האָפנונגסלאָז, איז נאָך פעיק אין לעבן עפּעס זיך צוצולער־נען. וואָס ער האָט טאַקע שפּעטער פולשטענדיק באַשטעטיקט, ווייל ער איז געשטאַנען פאַר זיין טאָכטער שטאָל און אייזן.

לכתחלה האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערעדט מכח אַן אָפּטרייבונג. די שרעק האָט תמיד דאָס ערשטע וואָרט און איז

פאראנטוואָרטלעך אין דענווער פאר מינדסטנס 1000 אַפּטריי בונגען יערלעך.

איך האָב איינגערעדט עלענס עלטערן, אז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אויף אַזאַ פּחדנותדיקן און שטראָפּבארן וועג און זיי צוגעזאָגט צו זאָרגן פאַרן קינד. ערשט דאַן האָבן מיר צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן.

מ׳האָט דערציילט אַ מעשה, אַז עלען איז פּלומרשט אוועקגעפאָרן צו געסט, בעת זי האָט זיך באמת פארקליבן אויפן טורם-צימער פון איר עלטערן-הויז צוזאַמען מיט אַ פּלעגערין.

דערצו איז מיין רשימה פון עלטערן, וואָס ווילן אַדאָפּטירן קינדער, שטענדיק גרעסער ווי מיין קינדער-ליסטע. ס׳איז מיר דעריבער געווען גאַנץ לייכט צו געפינען אַ פארמעגלעך יונג פּאָרל, וועלכן איך וועל קאָנען אָפּגעבן עלענס קינד, ווי נאָר עס וועט געבוירן ווערן. איך האָב זיי אינפאָרמירט, זיי זאָלן זיך געפינען נישט ווייט פון דאָרט און האָבן ביי דער האַנט אָנגעגרייט אַ דאָקטאָר. ווייטער האָבן זיי געמוזט האָבן צו מיר צוטרוי און נישט געוואָרט וויסן וועמענס קינד עס איז.

איין מאָל אין מיטן נאַכט האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן. עלענס בעבי איז געווען אונטערוועגס. איך האָב אַרויסגערופן טעלעפאָניש די קינפּטיקע פלעגעלטערן און פון דאַן אָן געשטאַנען מיט זיי אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט.

— איך וואָלט וועלן, אַז עס זאָל שוין זיין דערנאָך, האָט מיר דער אדאָפּטיוו-פאָטער טעלעפאָנירט אין אַ פּאָר שעה אַרום. מיין פרוי איז זייער אויפגערעגט; זי ליגט צו בעט און איז אין אַזאַ צושטאַנד, פּונקט ווי זי זאָל אַליין דאַרפן האָבן דאָס קינד.

ענדלעך האָט דער נייער וועלטבירגער אָנגעהויבן זיין וואַנדערשאַפט. ביידע דאָקטוירים האָבן זיך אין דער פינצטער געטראָפן אויף אַן אָפּגעלעגענער גאַס. איינער האָט דעם אַנדערן נישט געקענט און אפילו נישט געקאָנט זען זיין געזיכט. יעדערער האָט געטראָגן אַ קליינעם קופערט. איינער האָט נישט

געווּסט וועגן אַנדערן, פוּן וואַנען ער איז געקומען, און וווּ־
הין ער גייט. דאָס קינד האָט מען איבערגעפּאַקט פוּן איין
קופער אין צווייטן. אַ פאַרבייגייענדיקער פּאָליציסט האָט זיך
שטאַרק אומצוטרויליך צוגעקוקט צו דערדאָזיקער פּראָצעדור,
האָט אָבער נישט געקאָנט געווי פעסטשטעלן וועגן וואָס דאָ
האַנדלט זיך און איז אַוועק ווייטער. אין אַ קורצער צייט
אַרום איז עלענס קינד געווען אין זיין נייער היים.

— וויניגסטנס וועל איך מיין קינד ווען עס איז, אַז
דאָס וועט מיך פרעגן, קאָנען זאָגן דעם אמת, אַז איך ווייס
נישט פוּן וואַנען עס האָט זיך גענומען.

אויף דעם אופן האָב איך עלען אָפּגעראַטעוועט פוּן די
הענט פוּן אונזער בכבודיקער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי גע־
וואָלט צערייסן אויף שטיקער. היינט איז זי גליקלעך פאַרהיי־
ראַט און האָט אייגענע קינדער, וואָס זי קאָן זיי האַלטן ביי
זיך. איך מיין, אַז ס'איז בעסער, ווי זי זאָל אויף שטענדיק
געווען זיין רויאינירט.

אַכטער קאַפּיטל

וואָס איז אָבער מיט די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זינדיקן נ י ש ט?

איך ווייס זייער גוט, אַז מיט מיינע געניטע אויספירונגען וועגן די שווערע פּראָבלעמען פון די פאַרבלאָנדזעטע, האָב איך ביים אַנדערש דענקנדיקן לעזער אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַז אונזער יונגערע גענעראַציע איז פשוט אַ ווערמדיקער עפּל. ס'קרענקט מיך, ווירקלעך, וואָס איך האָב אַרויסגערופן דעמדאָזיקן איינדרוק, און איך קאָן דעם לעזער בלויז אָנווייזן נאָכאַמאָל אויף די צאָלן, וואָס איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן. ווי איך האָב שוין באַטאָנט, פּאַסט איך נישט אויף נעגאַטיוו די דאָזיקע צאָלן און בין נישט מסכים צום ווערמדיקן עפּל. די מענטשן זענען נישט שלעכט דערמיט, וואָס זיי מאַכן פעלערן, ווייל זיי זענען אַזוי דערצויגן, אַז זיי קאָנען גאָר די דאָזיקע פעלערן נישט אויסמיידן. געוויס קומען די איינצלנע דערביי אום, אָבער קוים רעכנט מען זיך נישט מיטן יחיד, נאָר מיטן כלל, זענען די גרויסע ענדערונגען, פאַר וועלכע ס'רוב מענטשן שרעקן זיך אַזוי, אין אַ געוויסער מאָס קאָנסטרוקטיוו. צושטערנדיק ווירקט נאָר דער גייסטיקער צושטאַנד, פאַר וועלכן די דאָזיקע שנוים זענען נישט מער ווי קאָרופּציע, צופּוילטקייט און רואין.

ווי שרעקלעך דאָס קאָן זיך אַרויסווייזן אין לעבן, באַווייזן די פאַרוויסטנדיקע קרייץ-צוגן קעגן אַלץ און אַלע, וואָס

האָבן פאַר די לעצטע צען יאָר ווי אַ קרעבס צופרעסן אונזער לאַנד. פינסטערע צבועקעס שאַפן טאַקע די גייסטיקע צושטאַנדן, פון וועלכע זיי באַמיען זיך כלומרשט — ווי זיי באַהויפּטן — פּטור צו ווערן, אָבער וועלכע — ווי איך באַהויפּט — זיי האָבן קודם כל געדאַרפט אַרויסטרייבן פון זיך גופא, ווייל דער שמוץ, וועלכן זיי שילדערן אַזוי באַרעדעוודיק, געפינט זיך אַמייסטן אין זייערע אייגענע געמיטער. אַן אַנשטענדיקער גייסטלעכער איז לעצנטס געקומען צו מיר מיט אַ פאָרשלאַג, וואָס ער האָט געוואָלט צושיקן דעם קאָנגרעס. צווישן די זאַכן, וואָס האָבן לויטן דאָזיקן פּראָיעקט געזאָלט פאַרבאָטן ווערן, איז אויך דאָס אויסלייגן פון פרויען-וועש אין די שויפענסטער. פאַרבאָטן דאַרפן ווערן: אַלע ביכער, פילמען א. א. וו., ווו ס׳ווערט דערמאָנט וועגן געשלעכטלעכס, די דזשאַז-מוזיק און אַלע מיט איר פאַרבונדענע טענץ, וואָס ער רופט עס „בעקן-טענץ״. באמת, אַ ברייט פעלד פאַר איין איינציקן פּראָיעקט. פרויען-וועש! און צי שטעלט איר זיך, למשל, פאָר וואָס פאַר אַ געמויזעץ ס׳מוז זיין דעם דאָזיקן מאַנס גייסטיקע אויפפאַסונג!

אָבער ווער זענען דאָך די מיידלעך און יינגלעך, וואָס פירן זיך אויף גוט און מיידן אויס דאָס זינדיקן? נישט אמת, אַ מיידל, וואָס האָט אַמאָל דערלויבט אַ יינגל, ער זאָל איר אַ קוש טון, איז אפשר נישט קלוג, קאָן נאָך אָבער נישט פאַרעכנט ווערן צווישן די סעקסועלע פאַרברעכער? לאָמיר טאַקע דעריי־בער רעדן נאָר פון אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך ווירקלעך נישט געמאַכט קיין שום סעקסועלע פעלטריט.

בכלל אונטערשייד איך עטלעכע קאַטעגאָריעס יוגנטלעכע, וואָס לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט אויף אַזעלכע מעשיות. קודם כל זענען עס די נישט ענערגישע, וואָס האָבן נישט קיין זעלבסטפאַרטרויען, קיין איניציאַטיוו. די יינגע זינדיקער פאַר־מאָגן ס׳רוב די דאָזיקע ווערטפולע אייגנשאַפטן, און פאַרדינען דעריבער מ׳זאָל זיי ראַטעווען, ס׳איז נישט שטענדיק אַזוי, אָבער זייער אָפט. גוטע שולצייגנישן וועגן דער אויפפירונג

און אַ יינגל, זענען בלויז אַ באַווייז, אַז אים פעלט מוט, ענערגיע און געזונט, און ער האַלט זיך אָפּ נישט צוליב „טוגנט", נאָר אויס מורא. ביים נאָרמאַלן יינגל שפּילט די מאָראַל אַ גאַנץ קליינע ראָל, אויב ער איז באמת אַ געזונטער, לעבעדיקער יאַט. דאָס וואָס ער דאַרף זיין, ער דאַרף וועגן זיין נשמה זיין פּונקט אַזוי אומבאַוווּסט ווי וועגן זיין אָטעם, אָדער וועלכער נישט איז אַנדער לעבנספונקציע.

די צווייטע קאַטעגאָריע פון דער יוגנט, וואָס האַלט זיך ווייט פון סעקסועלע פעלטריט, איז די אין דער היים ריכטיק דערצויגענע. איך רעד נישט פון ריכטיקער שול-דערציאונג, ווייל אַזעלכע איז בנוגע דעם סעקסועלן פאַרהאַלטן בכלל נישטאָ, ווי הויך די שולע זאָל נישט שטיין אין אַלע אַנדערע הינזיכטן. אויסנאַמען פון דאָזיקן כּלל זענען נאָר אַ קליינע צאָל פּריוואַט-שולן און גאַנץ פאַראיינצלטע פאָלקס-שולן.

דאָס הויז איז אָבער גראָד דער קערן פון גאַנצן פּראָבלעם. יינגע מענטשן פון גוטע פאַמיליעס, וואָס קומען פון אַ גאַנץ באַשטימטער אַרט היים, שטייען כּמעט אויסער יעדער געפאַר ביי געוויינלעכע נסיונות און פרייהייטן, מיט וועלכע זיי באַגעגענען זיך צווישן זייערע חברים.

צום אומגליק איז אָבער אַזאַ היים, ווי איך מיין, זייער זעלטן, אַפילו צווישן די בעסטע פאַמיליעס. ס'טוט מיר לייד, וואָס איך מוז עס זאָגן. איך ווייס, מיר לויבן די אַמעריקאַנישע היים מיט הויכע פּאַטראַטישע טענער, אַפילו בעת מיר האָבן אין אַזאַ עכט אַמעריקאַנישער שטאָט ווי דענווער כּמעט אַזוי פיל סעפּעראַציעס און גטן ווי חתונות. אָבער — כּדי צו זיין ריכטיק אַ היים, ווו די קינדער געפינען די ריכטיקע גייסטיקע לופט, איז ביי אונז גיכער אַן אויסנאַם ווי אַ כּלל.

נעמט, למשל, דאָס הויז פון פריידיקער, וואָס זיין טאָכטער האָט זיך אַריינגעלאָזן מיטן שול-פאָרשטייערס זון. מ'האָט גאַנץ דרייסט געקאָנט אָננעמען, אַז דאָס דאָזיקע הויז שטייט באַזונדערס הויך. גוטע פאַמיליע, בילדונג, רעליגיע האָבן זיך דאָ געזאָלט רעכטלעך פאַראייניקן. אָבער דאָס איז עס טאַקע

געווען: רעליגיע און בילדונג האָבן געפעלט. אָנשטאָט דעם איז דאָ געווען פּאַטריאָטישע טעאָלאָגיע און אַ סיסטעם פון צביעות און פאַלשע פרומקייט. אין אַזאַ אַטמאָספער קאָן זיך קיין קינד נישט אַנטוויקל׳ען.

אויף עלענס עלטערן־הויז וואָלט מען געקאָנט האַלטן פאַר דאָס בעסטע, וואָס מיר קאָנען אָנווייזן ביי אַ זיטלעך ריינעם און געבילדעטן היים־לעבן. און דאָך, נישט געקוקט אויף דער אויסערלעכער קולטור, אויף זייערע מיינונגען און אָנשויאונגען: קיין מאָראַל האָבן די דאָזיקע עלטערן נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אינטעליגענץ. זיי זענען געלעגן אין דער גייסטיקער טעמפּקייט פון די בורזשויען און האָבן אַ סך מער פאַרדינט פאַראורטיילט צו ווערן פאַר חטאים פון זייערע קינדער, ווי די קינדער גופא.

ס׳איז אוממעגלעך צו זיין מאָראַליש און גלייכצייטיק אַ צביעותדיק אייזל, אוממעגלעך צו זיין אמתדיק און דאָך באַהאַלטן דעם אמת פון די, וואָס האָבן אויף אים אַ רעכט. ס׳איז אוממעגלעך צו זיין פאַרנונפטיק, גייסטיק אַנטוויקלט און אמת געבילדעט, און גלייכצייטיק אָבערגלויביש, פחדנותדיק, באַגרענעצט און בלינד קאָנוועציאָנעל.

די פרייע עובדות, וואָס ווערן אָפּגעטון אין די „סלומס״, אין די אונטערגעסלעך, זענען בעסער און עכטער זיטלעך, ווי די דאָזיקע קנעכטשאַפט פון טראַדיציעס, פון דער פּאָליטיק פון תירוצים און דעקמאַנטלען. פון די סלומס שטאַמען אַ סך ווייניקער גייסטיקע קראַנקהייטן, כאָטש דאָרט קומען פאָר מער פאַרגוואַלטיקונגען פון די געזעלשאַפטלעכע זיטן־געזעצן.

ס׳וועט אפשר קלינגען איבערטריבן, ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז צווישן די הונדערטער יינגלעך און יונגע מענטשן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו מיר אַלס גנבים, זענען געווען גאַנץ ווייניק צייטונגס־יונגלעך. און דאָך שטאַמען כמעט אַלע אונזערע גרויסע און קליינע צייטונגס־יונגלעך, גאַסן־קינדער, פון די סלומס, פון די ערגסטע שטאָט־קוואַרטאַלן, פון די נידעריקסטע הייזער, וווּ די נסיונות פון דער אָרעמקייט זענען

-רויס, ווי מ׳וואַשט זיך נישט הינטער די אויערן און ווי זעקס־מענטשן באַנוצן זיך אפשר מיט איין צאָנבערשטל.

די מוראדיק גרויסע צאָל גנבות קומט ס׳רוב פאַר אויפן חשבון פון די זין פון אונזערע ערשטע, געבילדעטסטע, מיוחס־דיקע פאַמיליעס. מיינע גנבים קומען פון די בעסטע שולן, פון די פראַכטפולע זונטאָק־שולן, א סך צווישן זיי פון די נאַציאָנאַלע יוגנט־פאַרבאַנדן; אַלץ אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע מ׳וואַרט, אַז זיי זאָלן מאַכן פון זיי מענטשן.

אורטיילנדיק לויט די געשעענישן, מוז איך אָבער זאָגן, אַז אונזער גאַנצער אויפקלערנדיקער קולטור, אויף וועלכער מיר זענען אַזוי שטאָלץ, פעלט ערשטנס אויפקלערונג און צווייטנס קולטור. וואָס קאָנען מיר מער דערוואַרטן פון די דאָזיקע עלנדע קינדער בנוגע גנבות און סעקסועלע זינד ווי דאָס, וואָס זיי פרווון זיך זייערע חטאים צו באַהאַלטן? דאָס טוען זיי מיט אַלע כחות. טוען זיי עס נישט, גייען זיי „צו־גרונט", סיידן זיי טראָגן זיך אָפּ פון זייערע עלטערן, לערער און פון דער פאָליציי, כדי צו קומען צולויפן צו מיר אין גע־ריכטס־הויף. דאָרט זיץ איך און ראַטעווע זיי דורכן פאַרגע־וואַלטיקן ס׳רוב רעכטלעכע טראַדיציעס, וואָס זענען ווען נישט איז אויסגעוואַקסן אין שוואַרצן זומפּ פון מענטשלעכער אומ־טאָלעראַנץ.

דאָס, וואָס מ׳גיט איצט די קינדער אַ גרעסערע באַוועגונגס־פרייהייט ווי פריער, איז באמת וואונדערבאַר; דאָס, וואָס זיי ווערן אָבער נישט דערצויגן נישט אין שולע, און נישט אין דער היים, ווי אַזוי מיט דער דאָזיקער פרייהייט זיך צו־באַנוצן, וואָס זיי ווערן אַרויסגעלאָזן אויף דער מענטשהייט ווי מיט אָנגעלאָדענעם געווער, מיט וועלכן זיי פאַרשטייען נישט ווי אומצוגיין — דאָס איז ווירקלעך טראַגיש, ס׳איז מעגלעך, אַז זיי וועלן זיך דורכברעכן אַ וועג. אָבער אַזאַ מין פּראָצעס ווערט שטענדיק דאָס אומגליק פון אומגעציילטע יחידים, פון איינ־צלנע.

דער פאַרגליוווערטער יחוס און די פאַרעלטערטע טראַ־

דיציעס, וואָס זענען דערין בעיקר שולדיק, זענען אַמאָל געווען באַרעכטיקט און לעבעדיק. די עלטערן. וואָס האָבן אויפן דאָ-יקן שטייגער דערצויגן זייערע קינדער, האָבן אַליין מיט זייער גאַנצער נשמה דערין געגלויבט. ס'איז פאַר זיי געווען אַן אידעאַל, וואָס האָט פלומרשט געלעבט. איצט אָבער זענען די אַלטע אידעען פאַרשוווּנדן ווי אַ שאָטן, און עפּעס אַן אַנדער זאַך מוז דאָך פאַרנעמען זייער פּלאַץ. ווייל אויב אַ פאָלק האָט נישט מער קיין אידעאַלן, מוז עס אונטערגיין.

מיר דאַרפן אין אונזער היינטיקער וועלט איינפירן בייע-פאָרמען. דער יוגנט מוז מען אויסלערנען צו טאָן דאָס זעלבע. אָבער צי האָבן מיר שוין לויט דעם געענדערט, וויפל נישט איז, אונזערע דערציאונגס-מעטאָדן? אַזוי גוט ווי גאָרנישט. די דערציאונג בלייבט נאָך אַלץ אַ פּראָצעס נישט פון דער אַנטוויקלונג אָדער דער אַנטדעקונג אָדער פון אורשפּרינגלעכן שטרעבן, נאָר אַן איינאַימפּונג פון אַ פעסטגעשטעלטן וויסן-שטאָף אין קינדישן גייסט, וואָס האָט אָנצונעמען די דאָזיקע מאַטעריע אַנטגילטיק אָן אַ שום קאָנטראָל אָדער קריטיק. די לערער, וואָס וואָלטן זיךווירקלעך געפּרוווט דערציען זייערע שילער צום זעלבסשטענדיקן דענקען, באַזונדערס אויפן געביט פון נאַטור-וויסנשאַפט, רעליגיע, פאָלקס-ווירטשאַפט, סאָציאָלאָגיע א. א. וו. וואָלטן זיכער ביי דער נאָנטער פאַרזאַמלונג פון דער שול-אָרגאַניזאַציע אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלס געפערלעכע מענטשן. און די לערער, וואָס וואָלטן, למשל, געוואַגט צו דערקלערן זייערע תּלמידים עפּעס וואָס פון דעם דאָזיקן בוך אַרויס — נו, איך וויל שוין בעסער גאָרנישט דערמאָנען, וואָס די צעווילדעוועטע מאַסע וואָלט פון זיי געמאַכט!

דעם שילער פון דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנישער שול אָדער הויכשול, ווערן איבערגעגעבן געוויסע „אמתן”, אין וועלכע ער מוז גלויבן. ער טאָר זיי אַליין נישט אָפּשאַצן, נישט צווייפלען אין זיי און נישט אַרויסזאָגן זיין אייגענעם אורטייל. זיין זיטלעכקייט, זיין אַמעריקאַנערטום, זיין געזונטער פאַרשטאַנד, זיין געזעלשאַפטלעכע שטעלונג, אַלץ ווערט גע-

שטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן, קוים וואַגט ער דאָס צו טאָן.

און וואָס איז דער פועל יוצא? צי ענטפערט די יוגנט דערויף, גייענדיק אומאיבערגעשראָקן און קרעפטיק פאָרויס? צי שאַצט זי אָפּ דאָס לעבן אויף איר שטייגער צוליב די דאָזיקע פאַרבאָטן? צי וועגט און קאָנטראָלירט זי די פאַקטן, בישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, אויף יעדן מאַנגל אין דערמוטיקונג און אָנרעגונג? יאָ, עטלעכע שטאַרקע טוען עס. און די דאָזיקע זענען דער זויערטייג אין ברויט. אָבער די יוגנט, וואָס געהערט צו דער סטאַדע מיט איר דורכשניטלעכער ענערגיע, טוט עס נישט. עפּעס געטלעכס אין איר, יעדער פרישער, הויך שטרעבנדיקער אינטערעס, יעדע באַגייסטערונג פאַר שיינקייט און אמת איז אומברחמנותדיק דערדריקט געוואָרן. זי פרוווט אירע כּוחות, אמת, אויבערפלעכלעך מיט אייגענעם אורטייל, אָן שום הילף, אין דער פאַרביסענער אומאָפּהענגיקייט פון דער וועלט פון דערוואַקסענע. אָבער דערפון קומט קיין גוטס נישט אַרויס. פּלוצלונג, ווען זי טוט אויס די קינדערשיכלעך, ווערט זי אין די זיך פאָרמירנדיקע, איינדרוקספעאיקסטע יאָרן פון רייפן מיטאַמאָל צביעותדיק, אומערלעך. איבער נאַכט פאַרלירט זי אָפּט דעם אינטערעס צום גאַנצן, שווערן, אָבער אָנציענדיקן שפּיל פון זוכן דעם אמת. און ווענדט זיך תיכּף צו די גראָבע און אויבערפלעכלעכע ענינים פון לעבן, וואָס אין אירע אומדערפאַרענע אויגן זענען זיי אויס ווי אמת און זענען נאָך אויסערדעם אָנציענדיק, פריילעך און לייכט דערגרייכבאַר. די דאָזיקע זאכן ציען צו איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זויגן אויס איר גאַנצע ענערגיע. בעת דער גייסט איז אָנגעפילט מיט איר, ווערט ער זיך נישט אונטערוואַרפן קיין שום דיסציפּלין, נישט אַרויסווייזן קיין נייגונג צו קיין אמתדיקער, שווער דערגרייכבאַרער קולטור. און אויף דעם אופן געוווינט זיך די יוגנט צו אַ לעבנסשטייגער אָן גייסטיקע אָנשטרענגונגען, וואָס שטעלט זיך איר פאָר אַלס די איינציקע מעגלעכקייט, אין פאַרגלייך מיטן מישמאַש פון אָנשויאונגען און געוווינהייטן, וואָס זענען איר אויס אַזוי פאַלש

און אָפּשרעקנדיק, ווייל זי נעפינט זיי פאַר נישט צייטמעסיק.

דער פּאַפּוגייען-סיסטעם פון אונזער דערציאונג האָט נאָך אויסערדעם די געפערלעכע ווירקונג, וואָס זי פאַרוואַנדלט די יוגנט, פּונקט ווי אירע פאָרגענגער, אין גומישטעמפּלען, אין שקלאַפן פון אַ מאַסן-גייסט. ווי ווייט זי זאָל נישט אַוועקגיין פון די אַלטע טראַדיציעס אין דענקען און ווירקן, טראַכט און ווירקט זי דאָך ווידער גלייכמעסיק און גאַנץ גענוי לויט געוויסע פאַרענדערלעכע זיטן און מנהגים, וואָס זי האָט זיך אַליין געשאַפן. זי טוט זיך אָן פּונקט אַזוי, זעט אַזוי אויס — ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך — און באַנעמט זיך פּונקט אַזוי. אַלע אונזערע יינגעלייט, זכרים און נקבות, האָבן פאַר קיין זאַך נישט אַזוי מורא ווי בלויז פאַר דעם, אַז זיי זאָלן חלילה נישט אויסזען אַנדערש ווי זייערע חברים, און די גאַנצע באַנדע פאַלט אָן אויף יעדן איינעם, וואָס טוט נישט פּונקט ווי זי. דאָס איז בכן תמיד דאָס זעלבע: „ווי די אַלטע זינגען, אַזוי פּישצען די יונגע“. נישט געקוקט אויפן גאַנצן געשריי וועגן זייער זעלבסשטענדיקייט, האָבן זיי דאָך סוף כל סוף צו ווייניק ווירקלעכע פרייהייט, צו ווייניק עכטע „עמאַנציפּאַציע“. אַלס כלל, האָבן זיי, דורכן אָפּוואַרפן די אַלטע שטאַנדפּונקטן, אָן שום ספק געמאַכט אמתע פאָרשריטן, די איינצלנע אָבער, די יחידים, זענען בלויז אַריינגעפאַלן פון איין פאָרם פון שקלאַפעריי אין דער צווייטער. צעלאָזנקייט איז קנעכטשאַפט. פרייהייט, להיפך, הייסט פרייוויליק זיך אונטערוואַרפן אונטער העכערע געזעצן, וואָס זענען צווינגנדיקער, שווערער און פיל שטרענגער ווי מענטשלעכע געזעצן, די יוגנט פאַרטוישט אָפט די ביידע באַגריפן, ווייל זי האָט נאָך ביי זיך גופא נישט אַרויסגעפונען די דאָזיקע רעטנדיקע דערקענטניש.

אויף דעם אופן ירשנט אונזער יוגנט ווידער אַמאָל איינעם פון די ערגסטע פעלער פון אַמעריקאַנישן לעבן: דעם צוואַנג, וואָס רויבט אַוועק ביים יחיד זיין אינדיווידואַליטעט און דריקט אים אַריין אין אַ פעסטער פאָרם, אין אַ פאָרגעצייכנטן מוסטער. מיר האָבן אַליין אונטערגעטראַגן דער יוגנט

אונזער אייגענע אומדולדזאַמקייט, ווייל אומטאָלעראַנץ איז עפּעס אַזוינס, אין וואָס מיר דערוואַקסענע גלויבן אַזוי אויפריכטיק, אַז מיר איבן זי אויס מיט אונזער גאַנצער ענערגיע. איבער־צייגן קאָנט איר זיך דערין, אַז איר באַטראַכט, למשל, דעם וווּקס פון דעם קו־קלוקס־קלען. דער קו־קלוקס־קלען באַנוצט זיך מיטן דאָזיקן אָפּשיילעכן פאַרברעכן, מיט דער אומטאָלעראַנץ און שלאָגט דערפון קאַפּיטאַל פּונקט ווי די טורבינען פון דער ניאַגאַרער־וואַסער־קראַפט.

ניינטער קאַפּיטל

ס׳איז אומפאַרמיידלעך, אַז מ׳זאָל אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט נישט קלערן וועגן דעם לעאָפּאָלד־לעב־פאַל. קיין שום עלטערן זאָלן זיך נישט איינרעדן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו לערנען פון דעם דאָזיקן פאַל! מיר מוזן אַלע מודה זיין, אַז דאָס דאָזיקע פאַרברעכן איז געווען די פרוכט פון היינטיקער שלעכטער לייטונג מיט אונזער יוגנט, אַרויסגערופן האָט עס די איצטיקע טענדענץ פון אונזערע סאָציאַלע מאַכטן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט נישט נאָר אויף דער גאַנ־צער אַמעריקאַנישער עלטערנשאַפט. ס׳איז געווען מער ווי די געשיכטע פון אַ מאָרד. ס׳איז געווען די געשיכטע פון דער היינטיקער יוגנט, פון די היינטיקע עלטערן, פון די היינטיקע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, פון דער היינ־טיקער דערציאונג. דאָס בלייבט ווי געווען, אויב דער דאָזיקער צופאַל זאָל אַפילו אויסוואַקסן אין אַ אומגעהייער שרעקלעכער עובדה.

איך האָב שוין וועגן דעם אויספירלעך איבערגעגעבן, ווי ווייט די אומקלוגע אויפפירונג פון אונזער יוגנט האָט אַריבערגעשטיגן יעלע גרענעצן בעת זייערע אויטאָ־אויספלוגן, זייער טאַנצן, זייערע קנייטש־פאַרווײלונגען (patting parties), זייער לויזן געשלעכטלעכן פאַרקער. פונקט אַזוי פיל פּרטים וואָלט איך געקאָנט געבן אויפן געביט פון ווירקלעכע, דורך יינגלעך באַגאַנגענע פאַרברעכנס, פון אויטאָ־גנבות, רויב און

און איינברעכן ביז אָנפאַלן אויף אומשולדיקע מענטשן. די דאָזיקע אַלע זאַכן שטאַמען אָפט פון דיזעלביקע פאַרהעלטעניש, ווי דאָס לעאָפּאָלד-לעב-פאַרברעכן.

די דאָזיקע מינדעריאָריקע — דאָס דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן — זענען „קינדער". דאָס געזעץ גייט נאָך אַפילו אַ טריט ווייטער און רופט זיי „קליינע" קינדער. לעאָפּאָלד און לעב זענען אין דעם זין געווען קליינע קינדער. אַלע ייִנגע-לייט, מיט וועלכע איך האָב צו טאָן, זענען קליינע קינדער. איך באַטאָן עס נישט, כּדי אָפּצושוואַכן די פעלטריט, וואָס זיי באַגייען, זיכער נישט, כּדי צו פאַרשענערן דעם לעאָפּאָלד-לעב-מאָרד. איך וויל נאָר אונטערשטרייכן, אַז דורות לאַנג שטייט דאָס געזעץ אויפן אויפקלערנדיקן שטאַנדפּונקט, אַז מענטשן אונטער 21 יאָר זענען קינדער און דאַרפן דעריבער באַהאַנדלט ווערן אַנדערש ווי דערוואַקסענע.

דאָס באַדייט, אַז פּערזאָנען אונטער 21 יאָר מוזן באַטראַכט ווערן אַלס אומדערפאַרענער און אומרייפער אין אורטייל ווי דערוואַקסענע, און דעריבער קאָנען זיי נישט טראָגן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס גייט צוזאַמען מיט קערפּערלעכער און גייסטיקער רייפקייט. דעריבער טאָרן קינדער אַליין און אויפן אייגענעם נאָמען נישט קויפן און פאַרקויפן קיין אייגנטום; זיי קאָנען נישט חתונה האָבן אָן דער דערלויבעניש פון די עלטערן, נישט טראָגן אָן אויפזיכט קיין געווער א. אַ. וו. דער שטאַט שיצט זיי קעגן עקספּלואַטאַציע פון דערוואַקסענע. פון די עלטערן ווערט געפאָדערט, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין שולע. נאַטירלעך, זענען נאָך די דאָזיקע שול-געזעצן נישט גענוג, למשל, אין הינזיכט פון קינדער-אַרבעט, אָבער די רעכטע ריכטונג איז דאָך דאָ און פאַרשאַפט זיך כּסדר מער אָנזען.

אונזער לאָגיק פאַרלאָזט אונז נאָר אין דער אינערלעכער דורכפירונג פון דער געזעצלעך שוין פעסטגעשטעלטער דערקענטניש. ס'איז דאָך קלאָר, אַז אויב קינדער זענען שוץ-באַדערפטיק, ווייל זיי זענען אומדערפאַרן, מוזן זיי דאָך האָבן

אַ פּערמאַנענטע אויפזיכט און לייטונג, אַ שטענדיקע הילף אין אַלע גייסטיקע און זיטלעכע ענינים. דאָס איז ווייניקסטנס אַזוי נויטיק ווי די פעסטשטעלונג פון דער שוץ-באַדערפטיקייט גופא. און אָט טוען דאָך דער שטאַט און דאָס הויז אין דער הינזיכט כלומרשט זייער פיל, אָבער בשום אופן נישט גענוג און נישט מיט דער נויטיקער ענערגיע. באַזונדערס פעלט דאָס אין הייזער, ווו די קינדער ווערן זייער אונטערדריקט!

ס'איז לגמרי עפּעס אַנדערש שיצן, העלפן, אויפקלערן, אָדער באַגרעניצן, שטערן און פאַרווערן. דאָס ערשטע פאָדערט טאַקט, מיטגעפיל און אַכטונג, דאָס צווייטע באַשטייט פון באַפעל און צוואַנג, פונקט דעם היפך פון לייטונג און דערציאונג. הערשאַפט, וואָס באַזירט אויף מורא, רופט שטענדיק אַרויס דעם ווונטש און ווילן צו טאָן פונקט פאַרקערט, און ווען מ'דאַרף—בסוד, אין דער שטיל. צוואַנג און מורא האַלטן תמיד די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון קינד אויף דער זייט פון נעגאַציע. עס מאַכט פון פאַרבאָטענע זאַכן אַן איבערוועלטיקנ־דיקע, היפּנאָטיש ווירקנדיקע אָנציאונג, ס'רייצט שטאַרק צום נסיון, פון „ניין" צו מאַכן אַ „יאָ", אַזוי אַז פון אַלטן „דו טאָרסט נישט" ווערט דאָס רעוואָלוציאָנערע, אומפאַדענקלעכע „איך וויל" פון דער מאָדערנער יוגנט.

די קייט פון סיבה און ווירקונג פירט צו כל המינים יוגנטלעכע חטאים און צו אומענדלעך פיל דערוואַקסענע פעל־טריט. צוליב מורא פירט אפשר ס'קינד לפנים אויס די באַ־פעלן, וואָס זענען אים אויס נישט קלוג. אינערלעך טראָגט עס זיך אָבער מיט זיינע אייגענע אַנטקעגנגעזעצטע געדאַנקען, וועלכע עס באַמיט זיך זאָרגפעלטיק צו באַהאַלטן. ס'שטעלט אויף אויף דעם אופן קעגן די דערוואַקסענע, וואָס ווילן זיך מיט אים נישט פאַרשטענדיקן, אַן אַנטי-סאָציאַלע וואַנט, הינ־טער וועלכער ס'שפּינט ווייטער זיינע חלומות, ווונטשן, פאַנטאַ־זיעס, פּלענער און באַשלוסן, פון וועלכע זיינע עלטערן און לערער וואָלטן זיך דערשראָקן צום טויט, ווען זיי זאָלן האָבן די קלענסטע אַנונג וועגן דער אמתער זאַכלאַגע. ביי קינדער

מיט געוויסע כאַראַקטער־נטיות פֿאַרשטאַרקט זיך זייער די דאָזיקע טענדענץ. אַ שטאַרקער כאַראַקטער ווייזט אַרויס העפֿטיקע אַנטיפּאַטיעס. אַ שוואַך קינד ווערט אויפֿגעריבן פֿון מורא. בעת זיי קומען שפּעטער אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט און אירע אומציילי קע געלעגנהייטן צו זעלבסטשטענדיקע האַנדלונגען, דריקן זיך אויס זייערע גייסטיקע צושטאַנדן און אַנטי־סאָציאַלע מעשים. אַן איינציקער בליק אויף דער באַנעמונג פֿון אַ סך יונגעלייט ווייזט אונז, וואָס דאָ איז אַלץ מעגלעך. צו וואָס פֿאַר אַן אָפּגרונטן ס'קאָן אָבער דערפֿירן אין קריטישע פֿאַלן, לערנט אונז מיט אומאָפּוועדבאַרער דייטלעכקייט דאָס לעאָפּאָלד־לעב־פֿאַרברעכן.

פֿאַרשטייט נאָר, איך בעט אייך, גענוי, וואָס איך מיין דאָ מיטן וואָרט מורא. מורא קאָן האָבן זייער פֿאַרשידנאַרטיקע גראַדאַציעס. זי מעג נאָר אָננעמען די פֿאָרם פֿון אַ שרעק פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכער קריטיק. דער קערנפּונקט איז אָבער, אַז זי באַדייט אַן אונטערשיד אין די אָנשויאונגען פֿון קינד און דערוואַקסענע, וואָס דער אונטערשייד רופֿט אין געמיט פֿון קינד אַרויס אַ מין שטילע, שווער דערקלערלעכע פֿיינטשאַפֿט. די דאָזיקע שנאה דריקט זיך שפּעטער אויס אין אַ בייזוויליקער ווידערשפּעניקייט און אָנגריפֿסלוסטיקער אומאָפּהענגיקייט ביז צו אַ שפּאָטישער מרידה. ס'הענגט אָפּ פֿון קינד, צי עס דערגייט צו אַן אָפֿענער אַרויספֿאָדערונג, אָדער עס בלייבט ביי אַ פֿאַרשטיקטן טליען. אין ביידע פֿאַלן זענען נישטאָ קיין אינערלעכע פֿרייוויליקע אָפּהאַלטונג, וואָס נאָר זיי קאָנען מעגלעך מאַכן אַ זיטלעכע אויפֿפֿירונג.

מיין גרויסע אויפֿגאַבע באַשטייט דערין צוריק צו שאַפֿן פֿאַר די יונגע מענטשן־קינדער אַזוינע אָפּהאַלטונגען, וואָס די פֿאַלשע דערציִונג האָט ביי זיי אַוועקגערויבט. אין אַזוי ווי די יוגנט איז אויפֿמערקזאַם און גרויסמוטיק, האָב איך אָפֿט דערמיט דערפֿאָלג.

לעאָפּאָלד און לעב זענען ביידע אויסגעוואַקסן אין מיוחסדיקע הייזער. מ'האָט זיכער גערעכנט, אַז זיי וועלן פֿאָלגן

די טו'אַדיציעס פון זייערע פאַמיליעס. אין דעם דאָזיקן זיך האָבן זייערע פלעגערינס, לערער און באַגלייטער זיי געדאַרפט רערציען. דאָס איז געווען דאָס אומגליק. ווייל מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען זוכן אַזעלכע באַצאָלטע לייט צו הערשן איבער די קינדער דורך ווילקירלעכע באַפעלן און רופן תיכף אַרויס דערמיט אַ צושטאַנד פון אינערלעכער מרידה. אָפט פעלט אַזעלכע פּערזאָנען פעסטקייט. זיי קאָנען זיך נישט פאַרשאַפן קיין רעספּעקט און צו דער מרידה קומט ביים קינד צו די פאַראַכטונג.

מיט אַזעלכע געפילן פון באַהאַלטענער שנאה קעגן דער געזעלשאַפט זענען די דאָזיקעביידע יונגעלייט אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויף דער וועלט, ווי נאָר זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די קינדער-שיכלעך. די השערה איז געווען, אַז זיי שטייען כלומרשט אויף אַ נאָרמאַלן סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. באמת זענען זיי אָבער געווען ווייט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט צוליבן געלט, וואָס האָט זיי אָפּגעשניטן פון יעדער אַנדערער באַרירונג מיט זייערע עלטערן.

די אומפאַראַנטוואָרטלעכע פרייהייט, וואָס זיי האָבן באַקומען בנוגע געלט-אויסגעבן, האָט צוגעהאָלפן צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זייערע אידעע-פיקסן. זיי האָבן זיך איינגעלעבט אין אומנאָרמאַלע געדאַנקען-גענג און געקאָנט זיי פאַרפאָלגן מיט דער קאָנסעקווענץ פון משוגעים, ווייל זיי האָבן נישט געוווסט פון קיין ווירטשאַפטלעכע גרענעצן. דער טיפסטער קערן פון דעם ענין איז אָבער נישט געווען געלט, נישט בטלה, נאָר יענער ערשטער אָנפאַנג פון אָפּווייכונג: מורא. דעריבער האָט דער לעאָפּאָלד-לעב-פּראָצעס געדאַרפט דינען, ווען מ'זאָל אים ריכטיק פאַרשטיין, אַלס די איינציקע וויטוועגדיקע לערע אויפצוועקן אונזער נאַציע.

ס'איז פאַר מיר כמעט איבעריק פעסטצושטעלן דאָס פאָלגנדיקע: אויב די סיבה פון ס'רוב חטאים איז מורא, מוז די וויכטיקסטע פון אַלע טוגנטן זיין מוט און ערשט דאַן מעגלעך מאַכן די איבעריקע טוגנטן, ליבע, גוטקייט,

מיטלייד, גרויסמוט, גלויבן, האָפענונג, רופט עס ווי איר ווילט, זענען אוממעגלעך בײַ יענע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין מוט, און ס'איז נישטאָ קיין איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי קאָנען פאַרניכטן די דאָזיקע אַלע טוגנטן ווי די מורא. און נישט געקוקט דערויף וואָגן מיר דאָך אָנצוּוואַרפן אויף אונזערע קינדער אַ מורא! ווײַל דער־מיט קאָנען מיר איבער זיי לײַכטער הערשן! ווײַל ס'איז אונדז באַקוועם!

דער משפט קעגן לעאָפּאָלד און לעב, וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן ריכטער קאַווערליי, האָט, ווי מיר שײַנט, גע־שאַפן אַ נײַעם רעכטס־בײַשפּיל, נישט אַזוי צוליב זײַן אַרויס־געטראָגענעם אורטייל, ווי בעיקר בנוגע זײַן גײַסטיקער האַלטונג בײַם גאַנצן פּראָצעס און ווײַל דעם פּובליקום זענען אַזוי דײַטלעך אויפגעקלערט געוואָרן די צוועקן און צילן פון דער געזעץ־פּלעגע. דער גאַנצער ענין האָט געווירקט דער־ציִעריש. ווי ווונדערפול האָט זיך אַרויסגעוויזן די אמתע רו־איקע מאַיעסטעט פון געזעץ בעת דעם דאָזיקן פייערפרווו! ווי אוממעכטיק האָט להיפּך געקלונגען דער געשריי פון המון נאָך בלוט?

ריכטער קאַווערליי האָט געהאַנדלט זייער קלוג דערמיט, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּסק־דין אויף אַן אומבאַ־שטרײַטבאַרן געזעצלעכן יסוד: אויפן עלטער פון די אָנגע־קלאָגטע, וואָס ס'האָט זיי געזיכערט די באַאורטיילונג און באַהאַנדלונג אַלס קינדער. אויסערדעם האָט ער דאָן ווײַטזיכטיק געלענקט די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט, אַז הײַנט איז נאָך דער וויסנשאַפט לגמרי אוממעגלעך — וואָס ס'וועט אפשר געלונגען די קומענדיקע צײַטן — צו מאַכן גענויע פעסטשטע־לונגען וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יחיד. דאָס דאָזיקע שליסט איין אין זיך די אָנערקענונג פון אַן אַנדער פאַקט, אַז בלויז נקמה איז, בעמלעך, קיינמאָל נישט די לעזונג פון אַ פּראָבלעם, און אַז די געזעלשאַפט, אויב זי איז זיך נוקם

אָן די, וואָס פאַרלעצן און באַליידיקן זי, האַנדלט פונקט אַזוי רעכטלאָז ווי דער פאַרברעכער. נקמה טאָר נישט האָבן קיין אָרט ביי די פאַרהאַנדלונגען פון אַ קרימינאַל-געריכט.

דאָס איז געווען אַ גרויסע, קלוגע אַנטשיידונג. אַמעריקע וועט זיך זיכער דערפון עפּעס אָפּלערנען.

צענטער קאַפּיטל

איך בין אַמאָל אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פירן אַ שמועס מיט די תלמידים פון די העכערע קלאַסן אין אַ געוויסער שול-אַנשטאַלט. דאָס איז געווען אין אַ גרויסער שטאָט אין מערב. פאַרן אָנהויב פון מיין רעפעראַט האָט מיר דער שול-דירעקטאָר איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן, אַז די שול-פאָרשטייער (Board of Education) שאַפט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל נישט באַרירן קיין שום סעקסועלע, קיינע חתונה- און גט-פראַגן, אָדער ענלעכע געביטן. דער מאַן האָט זיך דערביי אַנטשולדיקט און דערקלערט, אַז עטלעכע הערן פון שול-פאַרוואַלטונג וועלן הערן מיין פאָרטראַג און מ׳איז אין אַ געוויסער מאָס אומרואיק, ווייל מ׳קען גוט מיין אומגעשמינקטן אַרט רעדן. מ׳האָט עס נישט געהאַלטן פאַר קלוג צו פראָוואָצירן אַזעלכע קעגנשטאַנדן און אויף דעם אופן אַרויפצופירן די יינגעלייט אויף געדאַנקען וועגן סעקסועלע פראַגן.

— איך בין גאַנץ ווייט דערפון, האָב איך געענטפערט, צו פראָוואָצירן עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳קאָן ברענגען שאָדן דער זיטלעכקייט פון יינגן עולם! פאַרלאָזט זיך אויף מיין דיסקרעציע!

איך האָב געהערט, ווי ער האָט פרייער אָפּגעטעמט, וואָס ס׳האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ חשד, אַז ער איז גרייט געווען מיט מיר צו קעמפן, ביז איך וועל זיך אָפּזאָגן פון דער טעמע, וואָס ליגט מיר אַזוי נאָענט צום האַרצן.

— אָה! איך דאַנק אייך פיל מאָל, האָט ער געזאָגט זייער פריינטלעך. איך בין זיכער, אז איר האָט אונז נאָך אויך אויסערדעם פיל אינטערעסאַנטס צו זאָגן.

איך האָב אַלזאָ אין מיין רעדע אויסגעמיטן די פּאַר־באַטעגע וועגן. דעם גאַנצן סעקסועלן געביט בין איך אַדורכגעגאַנגען פאַרזיכטיק פאַרשטעלט, האָב זיך אָבער דאָך דערלויבט צו זאָגן, אַז אויטאָמאָביל־אויספלוגן אָן עלטערע פּערזאָנען זענען פונקט אויף אַזוי פיל צונויפגעבונדן מיט מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטונג, אויף וויפל זיי געבן די מעגלעכקייט צו אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער באַנעמונג. דערצו האָב איך ציטירט די שיינע שורות פון ריטשאַרד לאָוועלאַס:

„איך וואָלט דיך, ליבסטע, נישט געקאָנט אַזוי ליבן,
ווען איך זאָל נישט נאָך מער מיין כבוד ליבן".

זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם זין. ווייטער בין איך נישט געגאַנגען, כאָטש איך האָב באַמערקט, אַז מיין יינגע אודיטאָריע לעכצט נאָך אַן אָפענער שפּראַך און אמתער אויפקלערונג.

שפּעטער האָב איך געהערט, אַז זיי האָבן געוווּסט, אַז מ'האָט מיר פאַרמאַכט דאָס מויל. דעמזעלבן טאָג בין איך געווען שטאַרק נתפּעל, ווען נאָכן פאָרטראַג און נאָכדעם ווי די „די שול־מאַכט" איז אַוועק אַהיים, זענען צו מיר צוגעקומען אַן ערך זעכציק מיידלעך און האָבן מיך געבעטן זיי צו ענטפערן אויף עטלעכע פראַגן.

אַזוי ווי דאָס האָט נישט געהאַט קיין שום שיכות מיט מיין אָפיציעלן שול־שמועס, האָב איך איינגעוויליקט און מיר האָבן געהאַט אַ געמיטלעכן געשפּרעך. דאָ איז, נאַטירלעך, אוממעגלעך איבערצוגעבן די אַלע פראַגן, מיט וועלכע זיי האָבן מיך ממש פאַרשאָטן; זיך דערמאָנענדיק אָן די ווערטער פון שול־פאָרשטייער, אַז מ'דאַרף נישט אַרויסרופן ביי די יוגנט קיין געדאַנקען וועגן פאַרבאָטענע זאַכן, וויל איך דאָ ברענגען בלויז עטלעכע פראַגן. איז עס באמת מעגלעך, האָב איך זיך

אַליין געפרעגט, אַז דער דאָזיקער מאַן, וואָס פאַרנעמט זיך טאָג איין טאָג אויס מיט די דאָזיקע אויפוואַקסנדיקע מענטשן־קינדער, זאָל זיך איינרעדן, אַז זיי קלערן גאָרנישט וועגן „אַזעלכע" זאַכן, און אַז ער אָנערקענט נישט זייער אומוויסנהייט אַלס די גרעסטע געפאַר?

— צי האַלט איר, הער ריכטער, אַז צוויי מענטשן דאַרפן בלייבן פאַרהייראַט, אויב זיי האָבן זיך נישט ליב?

— צי האַלט איר נישט, אַז ס'איז פונקט אַזאַ זינד מצד דעם מאַן און דער פרוי צו לעבן צוזאַמען אָן ליבע, ווי ווען זיי זאָלן בכלל נישט חתונה האָבן?

— צי האַלט איר נישט, אַז אַ הייראַט אָן ליבע, איז אַ גרעסערע זינד ווי צו לעבן צוזאַמען אָן ליבע, נאָר אומפאַרהייראַט?

— צי האַלט איר פאַר ריכטיק אַ געזעץ וועגן חתונה און וועגן גט?

— צי האַלט איר, אַז אַ מיידל, וואָס באַנוצט צופיל פאַרב, דאַרף אַרויסגעוואָרפן ווערן פון שולע?

— צי האַלט איר, אַז מיידלעך דאַרפן נישט ברענגען אין שולע זייערע פודער־שעכטלעך.

— צי איז עס אַן אומרעכט, אַז אַ מיידל לאָזט זיך אַ קוש טאָן פון אַ יינגל? און פאַרוואָס אייגנטלעך?

עלנטע קליינע הונגעריקע נשמות! זיין האָבן געוואָלט וויסן אַלץ, וואָס ס'איז זיי ווירקלעך אַלס קינפטיקע פרויען, מוטערס און בירגערינס אַזוי נאָנט, וועגן וואָס זיי דאַרפן זיך אומבאַדינגט אָפּגעבן אַ דין וחשבון. דאָס דערוואַכן פון געשלעכטס־לעבן איז געווען אַ ביאָלאָגישער און פסיכישער פאַקט. שוין לאַנג איז דעריבער זייער אינטערעס געווען געווענדט אויף די סעקסועלע פראַגן, מער נאָך צוליב דעם, ווייל מ'האָט פון דער גאַנצער זאַך געמאַכט אַ מין שענדלעכן סוד, און נישט געגעבן זיי די פשוטע אויפקלערונג. דער איינציקער מיטל אָפּצושוואַכן זייער, אפשר איבערטריבענע, נייגיריקייט, צו אַנטוויקלען ביי זיי אַ ריכטיקע און געזונטע אויפפאַסונג,

וואָלט געווען — ווי תמיד און אומעטום — צו זאָגן זיי דעם אמת, אויסלערנען זיי צו באַטראַכטן דאָס געשלעכטלעכע ווי עפּעס נאַטירלעכס, ווי למשל, דאָס וועטער.

ווען דאָס זאָל אַפילו געשען, וואָלט זיך נאָך, נאַטירלעך, די יוגנט ווייטער דערמיט באַשעפטיקט און כסדר וועגן דעם געטראַכט — דאָס בין איך מודה. אָבער אַלע אונטערדריקונגען און פאַרטושונגען, וואָס ברענגען ס׳רוב אומגליקן, וואָלטן פאַרשווינדן, און זייער אָרט וואָלטן פאַרנומען אָנשטענדיקע, געזונטע באַציאונגען. נאַטירלעך, מיין איך נישט צו זאָגן, אַז ס׳וואָלט זיך תיכף געשאַפן אַ גן-עדן, אַן אָנהויב צום בעסערן וואָלט עס לכל הדעות געווען.

איך האָב געגוג מאָטיוון אַזוי צו קלערן, ווייל מיין דערפאַרונג האָט מיר באַוויזן, אַז מיידלעך, וועלכע האָבן אַ געגויע פאַרשטעלונג וועגן געשלעכטלעכע זאַכן, באַגייען זייער זעלטן פעלטריט אין זייערע באַציאונגען צום צווייטן געשלעכט. דאָס געפיל זאָגט זיי אונטער, ווי אַזוי זיך צו באַשיצן, ווייל די לאַסט פאַלט שטענדיק אויף דער פרוי, און איר געזונטער מענטשן-פאַרשטאַנד וואָרנט זי פאַר די פאָלגן. זי האָט אַ ביאָלאָגישן גרונט פאַר דער זעלבסטבאַהערשונג און דאַרף נישט קיין שום מאָראַלוועכטער. די נאַטור גופא האָט שוין לאַנג דערפאַר געזאָרגט. די פרויען וועלן שטענדיק רעגולירן די סעקסועלע טעטיקייט לויט זייער פאַרלאַנג און זייער זין פאַר אָנשטענדיקייט, ווי זיי האָבן עס תמיד געמאַכט. דער הויפּט-תנאי איז אָבער דער, אַז זיי זאָלן גענוי וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַן אומוויסנדיק, קליין מיידל קאָן נישט האָבן קיין ריכטיקן אורטייל, פאַלט לייכט אַריין, נישט קאָנענדיק ביישטיין דער צודרינגלעכקייט פון אַ לעסטיקן מענלעכן באַשעפעניש, און זי טוט דאָס, ווייל זי זעט נישט קיין גרונט, פאַרוואָס זי זאָל עס נישט טאָן. וואָס לעבעדיקער און זעלבסטשטענדיקער זי איז, אַלץ לייכטער קומט עס ביי איר פאַר; אַזוי אַז דוקא די בעסטע, קלוגסטע און ווערטפולסטע מיידלעך זענען תמיד אין דער גרעסטער סכנה, אויב זיי בלייבן אומאויפגעקלערט.

פונקט דער היפך געשיט אָבער, קוים ווייסן זיי געגוי דעם אמת. דאַן זענען ווידער אַזעלכע די אַמבעסטן געשיצטע.

איך דערמאָן זיך אָן דריי מיידלעך, וואָס זענען אַמאָל צו מיר געקומען אַלע צוזאַמען. איינע זיבעצן יאָר, די אײַבעריקע צוויי זעכצניעריקע. אַלע פון גוטע קליינבירגער־פאַמיליען. זיי האָבן געוואָלט אַן עצה. די עלטסטע האָט געהאַט באַציונגען און זיך געשראָקן פאַר שוואַנגערשאַפט. איך האָב איר אָנגעוויזן אויף איינעם פון מיינע מיטאַרבעטער, אַ דאָקטאָר (זי האָט איבעריקנס געקאָנט אויסוויילן אַ דאָקטאָרקע) און געזאָגט, אַז מיר וועלן איר אויף אַ געהעריקן אופן מיטהעלפן, ווען זי זאָל ווירקלעך דאַרפן ווערן אַ מוטער. דאָס צווייטע יונגע מיידל האָט איבערגעגעבן, אַז זי פלעגט „ארומגיין" מיט אַ ליבהאבער, אַז ער האָט זי געקושט און זיך דערלויבט נאָך אַנדערע פרייהייטן, און זי האָט מורא, אַז זי זאָל אין איין שיינעם טאָג נישט ווערן שוואַך און אין גאַנצן זיך אים נישט אָפּגעבן. איך האָב איר געהייסן, זי זאָל אים וואָרענען, אים איבערגעבן, אַז זי געפינט זיך אונטער מיין השגחה און ער זאָל זיך דעריבער נישט דערלויבן קיין שום אַנדערע פרייהייטן. זי גופא זאָל שטיין אין קאָנטאַקט בלויז מיט מיר, כדי איך זאָל זי קאָנען אונטערשטיצן. די דריטע האָט געקלערט מכח דעם, צו „אַנטלויפן" מיט אַ יינגל אין אירע יאָרן. זי האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי איך קוק אויף אַזאַ זאַך, איך האָב געזאָגט, אַז איך האַלט דערפון גאָרנישט און האָב איר מסביר געווען פאַרוואָס. ער וואָלט זי, למשל, נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און ווען עס זאָל נאָך קומען אַ קינד, זענען זיי איינגאַנצן „קאַפּוט". עס זענען נאָך געווען געגנוג אַנדערע מאָטיוון. זי האָט סוף כל סוף איינגעזען, אַז דער פּלאַן טויג נישט, און האָט אים אָפּגעוואָרפן.

יעדע איינע פון דידאָזיקע מיידלעך, ווי איר זעט, איז געקומען צו מיר נאָך אַן עצה. פאַרוואָס האָט זיי דאָס הויז, די קירך אָדער די שולע פריער נישט אויפגעקלערט, ווי אַזוי זיך איינצוהיטן פון אַן אומגליק און פון אַזעלכע דראָענדיקע

סכנות? ווי נאָר איך האָב זיי אַלץ דערקלערט, זענען זיי געווען גרייט ווי געהעריק צו האַנדלען און צו זיין פאָרזיכ־טיק, ווייל ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט — דער ביאָלאָ־גישער אינסטינקט עקזיסטירט ביי אַלע ווייבלעכע ברואים.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אונטער מיין השגחה אַ מיידל פון זיבעצן יאָר, וואָס האָט שוין מיט פינף יאָר פאַר דעם געהאַט פאַרקער מיט עטלעכע שול־חברים. אוממאָ־ראַליש? שלעכט? נאַרישקייטן! אומוויסנדיק איז זי געווען. איין איינציקער שמועס מיט איר האָט דעמאָלט געמאַכט אַ סוף צום גאַנצן ענין. זי איז געוואָרן איינע פון די בעסטע מיידלעך אין דענווער. קיין מאַנסבילשע בריאה האָט מער נישט געוואָגט איר צו פאַרשטעלן דעם וועג. זי איז זייער שיין, אויסערגעוויינלעך קלוג און האָט איצט אַ מאַן, וואָס איז איר, לויט מיין מיינונג, פולשטענדיק ווערט.

אַ צייט לאַנג איידער זי האָט חתונה געהאַט און אויך לאַנג נאָך דעם, ווי איך האָב געמאַכט אַ סוף מיט אַלע אירע יוגנט־ראָמאַנען, איז זי פרייוויליק צו מיר געקומען און דערציילט, אַז זי האָט איצט אַ ליבהאָבער, מיט וועלכן זי וויל חתונה האָבן, ווי נאָר ער וועט אָנהויבן גענוג צו פאַר־דינען. דערווייל האָט זי מיט אים געלעבט אין אַ „פאַרחתונה־דיקער פאַרבינדונג", ווי דאָס האָט טעכניש געהייסן ביים יונגן עולם.

צי האָב איך דאָ געקאָנט עפּעס מאַכן? מענטשן מיט אָפּגעשטאַנענע אָנשויאונגען וואָלטן געזאָגט: געוויס! איר האָט עס געדאַרפט פאַרווערן!

ניין, איך האָב אַזוי נישט געטאָן. זי איז געווען מיט מיר אָפנהאַרציק און ערליך. איך האָב נישט אויסגענוצט זייער צוטרוי אויף זיך אַריינצומישן אין זייערע אָנגעלעגנהייטן. ווען איך זאָל עס מאָן, וואָלט איך לגמרי פאַרלאָרן אויף איר מיין השפעה. ווי נאָר איך האָב אַרויסגעפונען, אַז איך קאָן זי נישט אַרויספירן אויף קיין פאַסיקן וועג, האָב איך געלאָזן געמאַך. איך האָב זי נישט פאַראורטיילט, כאָטש איך בין

לחלוטין נישט געווען צופרידן מיט איר אַרט האַנדלען און האָב גאַנץ פעסט אַרויסגעזאָגט מיין אַנטקעגנגעזעצטע מיינונג. וואָס איז געווען דער פּועל יוצא? פּראָסט פּשוט; זי האָט התונה געהאַט מיט איר ליבהאָבער און זיי זענען ביידע אַזוי גליקלעך, ווי זיי וואָלטן עס קיין מאָל נישט געווען, ווען די געזעלשאַפט זאָל זיך געווען צווישן זיי אַריינמישן.

לעצטנס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער אַ שיין קינד.

אויף איר חתונה, — אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער ענין — האָט געוויינט איר מאַמע, האָבן געוויינט איר מאַמעס חברטעס, ווי ס׳פירט זיך געוויינלעך צווישן ווייבער אויף חתונות, און האָבן זיכער בעת מעשה, אָן שום ספק פול מיט סענטימענטן, געקלערט ווי אומשולדיק און אומוויסנדיק דאָס דאָזיקע קינד טרעט אַריין אין איר פאַמיליען־לעבן. וואָס וואָלטן זיי געזאָגט, ווען זיי זאָלן זיך דערוויסן, אַז זייער „קליין מיידל" וואָלט איצט געווען אַ גאַסן־פרוי, ווען זי פאַלט נישט אַריין צו דער רעכטער צייט אין מיינע הענט! נאַטירלעך, וואָלט זי לויטן שטאַנדפּונקט פון דידאָזיקע מוטערס נאָך היינט אויך געווען „אוממאָראַליש", ווייל זי האָט דאָך אַ געוויסע צייט געלעבט „אין זינד" מיט אַ מאַן, נישט האָבנדיק מיט אים אָפיציעל חתונה געהאַט, עס הייסט, אַז זי האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן קיין מאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן ווערן. איצט, נאָך דער חתונה, האָט זי שוין געמעגט לעבן מיט אים רויק „אין זינד". דאָס איז אין אָרדענונג.

פון וואַנען נעמט זיך די לאָגיק פון דידאָזיקע מענטשן? צי איז דאָס דאָזיקע מיידל באמת געווען שמוציק צוליב איר פאַרהעלטעניש, אָדער בלויז באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זי האָט געבראָכן די געזעלשאַפטלעכע קאָנווענצן, די אַזויגערופענע זיטן־כּללים? דער חילוק איז זייער וויכטיק. מיר קאָנען צוגעבן, אַז זי איז געווען אומגערעכט דערמיט, וואָס זי האָט פאַר דער חתונה געהאַט אינטימע באַציונגען מיט אַ מאַן. אָבער איר פעלער איז בעיקר געלעגן אין איבערטרעטן די

טראַדיציע, נישט עפּעס אין אַ מין געהיימניספולער „פּאַראַום-ריייניקונג", ווי דאָס איז געשטעמפּלט דורכן אָבערגלויבן פון אונזער ראַסע. די דאָזיקע „פּאַראומריייניקונג" האָט עקזיסטירט נאָך דער חתונה פונקט ווי פריער, אויב אונטער דעם ווערט פאַרשטאַנען דער קערפּערלעכער און גייסטיקער פאַקט פון דער געשלעכטלעכער פאַראייניקונג. דאָס זאָג איך, נאַטירלעך, ווידער נישט צוליב דעם, ווייל איך בין מסכים מיט איר אַרט האַנדלען, נאָר אויסשליסלעך כדי צו באַווייזן די אייגנטלעכע סיבות פאַרוואָס מ׳דאַרף זי לויטן שכל פאַראורטיילן, און כדי צו באַווייזן, אַז טאַקע צוליב די דאָזיקע סיבות איז די שטרענגקייט פון סאָציאַלן אורטייל נישט גערעכט. איך שרייב דאָ פונקט אַזוי אין אינטערעס פון רעכט ווי פון דער מאָראַל.

מיר גייט אין דעם, צו פאַרפעסטיקן מיט די דאָזיקע איינצלנע דערפאַרונגען מיין באַהויפּטונג, אַז מיידלעך זאָרגן אַליין פאַר זייער זיכערקייט, קוים האָבן זיי נאָר די ריכטיקע ידיעות וועגן סעקסועלע ענינים.

אַלס באַווייז קאָן דינען דער פאַקט, אַז נאָך הילף ווענדן זיך צו מיר אַ סך מער מיידלעך ווי יינגלעך. און אויך אין יענע מערב-שטאָט זענען דאָס געווען מיידלעך און נישט קיין שילער. וואָס האָבן מיר געוואָלט שטעלן פראַגן. ביי יינגלעך וואָלט עס געווען אוממעגלעך. דאָס יינגע מענלעכע באַשעפע-ניש איז נאָך צו אומרייף, כדי צו האַלטן פאַר באַזונדערס און סאָציאַל באַדייטנדיק אַזעלכע מיני פּראָבלעמען. דער יינגל האָט בינו לבינו גאַנץ אַנטשיידן דערגרייכט דעם פונקט, ווו זיין אייגענער אָנגריפּסלוסטיקער פאַרלאַנג איז ביי דער דאָזי-קער אָנגעלעגנהייט אַן אוממיטלבאַרער פאַקטאָר, באַזונדערס בעת ער האָט צו טאָן מיט אַ מיידל, וואָס איז פונקט אַזוי אומ-וויסנדיק ווי ער גופא. ער קלערט נישט ווייטער ווי וועגן דער מאָמענטאַלער באַפרידיקונג, באַזונדערס ביים געשלעכט-לעכן.

דער מאַנגל אין פּאָזיטיווער און שעפערישער דענק-פעיקייט ווייזט זיך אַרויס ביי יונגלעך אויך אויף אַן אַנדער

אופן. די בריוו, וואָס איך באַקום גאַנצע פּעק, זענען ביידע געשלעכטער זייער פאַרשידנאַרטיק. די יונגלשע זענען סרוב קינדיש אומאַנטוויקלט, שלעכט אויסגעדריקט און פאַרפּאַסט אין אַ שלעכטער שפּראַך. די מיידלעך, להיפּך, דריקן זיך אויס קלאָר און גוט, לויט דער קלאָרקייט פון זייער דעמאָלטיקן דענקען. איך האָב תּמיד געפונען, אַז ס'איז דער בעסטער באַווייז פון אינטעליגענץ, אויב עמיצער קאָן אויף זיין מוטערשפּראַך קלאָר, איינפאַך און פאַרשטענדלעך שרייבן און רעדן. דער אונטערשיד דערין צווישן מיידלעך און יינגלעך אין דערזעלבער שולע איז צו בולט, אַז מיר זאָלן זיך ביי אונזערע באַטראַכטונגען אויף דעם נישט אָפּשטעלן.

דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס איך האָב טאַקע אַ סך מער צו זאָגן וועגן מיידלעך ווי וועגן יינגלעך. דער אַנטייל פון מיידלעך אין אַזעלכע זאַכן איז אַסך אינטערעסאַנטער און דראַמאַטישער ווי דער מענלעכער. יאָ, דאָס יינגל אָדער בחור פאַרגעסט אַפילו די צאָל, וואָס ער וועט טאָן, קאָן מען תּמיד גאַנץ גענוי פריער זאָגן, ווייל זיין סעקסועלע פּסיכאָלאָגיע איז זייער אַ פּשוטע און אויסגעשפּראָכענע. ביים מיידל איז עס לגמרי אַנדערש. אירע אַנטשלוסן זענען וויכטיק פאַר איר גופא ווי אויך פאַר דער מענטשהייט, און דאָס שפּירט זי אינסטינקטיוו.

פון די פרויען וועט קומען דאָס נייע סעקסועלע זיטנגעזעץ, לויט וועלכן די מענער וועלן זיך אין דער צוקונפט מוזן ריכטן. ווי ווייט עס וועט אַוועקגיין פון אונזערע אַלטע טראַדיציעס, קאָן איך, נאַטירלעך, נישט זאָגן. איך בין אָבער זיכער, אַז עס וועט זיין געזונטער און בעסער ווי דאָס ביזאַהעריקע, ווייל עס וועט די הייראַט מאַכן ווירקזאַמער און דערפאָלגרייכער, ווי זי איז ביי היינטיקן טאָג.

איך וואָלט נישט וועלן, מען זאָל מיך שלעכט פאַרשטיין, אַז איך מיין צו זאָגן, דאָס די מענער וועלן זיך נישט גערן אונטערוואַרפן אַזאַ מין נייעם כּלל. פּונקט ווי די מיידלעך, זענען אויך זיי אין געשלעכטלעכע ענינים גאַנץ פעיק צו אַ

ריכטיקן אורטייל און אַ ריכטיקער באַגרעניצונג, אויב זיי ווערן נאָר אויף אַ ריכטיקן אופן דערצו דערצויגן. נישט גע־קוקט דערויף, געהערט דאָך די אָנפירונג צו די פרויען, ווייל זיי ריזיקירן אַ סך מער ווי די מענער. פאַר זיי איז עס אַ פראַגע פון פראַקטישער זיטלעכקייט מיט פראַקטישע פאָלגן, פאַרן מענלעכן געשלעכט איז עס נאָר אַ פראַגע פון אַבסטראַקטער מאָראַל מיט קיין שום פּראַקטישע קאָנסעקווענצן. דעריבער האָבן מיך יענע זעכציק תּלמידות טאַקע נישט גע־פרעגט וועגן דעם, וואָס עס דאַרפן טאָן די יונגלעך. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי וואָלטן זיכער מיטגעהאָלפן די יונגלעך, ווען זיי זאָלן נאָר קודם כּל קאָנען געפינען זייער איי־גענעם וועג. זייערע פראַגן זענען געווען פּונקט אַזוי קלוג ווי ערלעך אין דער כּוונה. דידאָזיקע אָנגריפּסלוסטיקע, פאָ־דערנדיקע, גייסטיקע האַלטונג פון די מיידלעך בנוגע אויפ־קלערונג און אמתדיקייט איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן כּסדר אַלגעמיינער און עפנטלעכער. די סבה דערפון איז, וואָס ביי די היינטיקע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן ווערן די מיידלעך וואָס ווייטער אַלץ מער גלייכגעשטעלט מיט די מענער. אַ סך מיידלעך באַקומען, נאָכן ענדיקן די שולן, בעסער באַצאָלטע פּאָסטנס ווי די יינגלעך, מיט וועלכע זיי „גייען". אויף דעם אופן ווערט דער אָדער יענער ליבהאָבער פון זיין ליבסטער, אין דערדאָזיקער הינזיכט, אָפט באַטראַכט מיט קריטישע, אויב נישט מיט גרינגשעצנדיקע בליקן.

פאַר פיל מענטשן איז דידאָזיקע קילע באַרעכענונג מצד די מיידלעך ממש שרעקלעך. לויט זייער מיינונג שטאַמט זי פון שלעכטן וויסן וועגן שלעכטע דערפאַרונגען. לויט דעם אַלעם, וואָס איך האָב אין דערדאָזיקער הינזיכט געזען, זענען דווקא די מיידלעך, וואָס רעדן מכּח סעקסועלע פּראָבלעמען, ווי זיי זאָלן זיין דערין שטאַרק באַהאַוונט, באמת סרוב לע־כערלעך אומשולדיק און מיט רירנדיק ריינע הערצער. אָפט אַמיזירט עס מיך, ווי יונג זיי זאָלן נישט זיין, מאַכן זיי כּלומרשט דעם אָנשטעל פון אַלטע בעלי־עברהניצעס. אַ סך

זענען ווי קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך איבערגעטאָן אין דער מאַמעס קליידער און שטאָלצירן דערמיט אַרום. איך האָב קיין מאָל נישט געזען, אַז זייער וויסנשאַפט זאָל זיי ברענגען שאָדן. זיי ווייסן סרוב מיטן שכל, אָבער נישט מיטן לעבנס-געפיל. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי זאָלן פּאַקטיש ווערן באַשיצט דורך עפּעס אומזיכטבאַרע מלאכים.

עלפטער קאַפיטל

אָפטמאָל ווערט די ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט פון די מיידלעך, צונויפגעבונדן מיט דער עקסטרעמער אַנטשלאָסנקייט פאַר זיך אַליין צו דענקן און צו האַנדלען, שיעור נישט אַ קאָמישער אומקער צו אונזערע אַלטע מנהגים.

אָט איז אַ טיפּישער פאַל. געווען איז עס אַ יונג מיידל וואָס האָט געהאַט אַזאַ מין אַבסורדע ליבע־פאַרהעלטעניש, אַז איר גאַנצע פאַמיליע איז ממש געווען פאַרציטערט, אָבער מ׳האָט מיט איר לגמרי גאָר נישט געקאָנט מאַכן. ענדלעך איז איינער פון אירע קרובים געקומען צו מיר.

— הער ריכטער, האָט ער געזאָגט, איך האָב מורא, אַז די געשיכטע מיט מערי וועט צו קיין גוטס נישט פירן. אפשר קענט איר דאָך עפּעס אויפטאָן?

— וואָס איז דען געשען? האָב איך געפרעגט.

— זי גייט מיט ביל ריגס. איך האַלט פון אים גאָרנישט, אָבער זי איז אין אים פולשטענדיק פאַרגאַרט. ווי צופעליק זענען זיי ביידע געקומען צו מיר אין שטוב, ווען איך און מיין פרוי זענען גראָד אין דער היים נישט געווען. פאָריקע וואָך איז מיין פרוי אומגעריכט אָנגעקומען. ס׳איז געווען אַ סקאַנדאַל. מיר גלויבן ווירקלעך, אַז ס׳איז געשען דאָס ערגסטע. ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי געפערלעך, ווען דאָס יינגל זאָל מיט זיך עפּעס פאָרשטעלן. אָבער ער טויג צו גאָרנישט. מיר זענען איבערצייגט, אַז ער וועט זי דערנאָך פשוט לאָזן

לויפן, אויב ס׳זאָל עפּעס פּאַסירן, וועט ער שוין מיט איר קיינמאָל נישט חתונה האָבן. צי וואָלט איר נישט געקאָנט איר געבוי אויפקלערן אין וואָס פאַר אַן אומגליק זי וואַרפט זיך גערנוויליק אַריין?

איך האָב עס צוגעזאָגט, און נאָך איידער איך האָב באַוויזן נאָך איר צו שיקן, איז זי שוין פריער אַליין געקומען. זי איז אַלט געווען אומגעפער אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, אַ יפה־פיה, מיט שטראַלנדיקע אויגן און אַן אומגעהייער זעלבסבאַ־ווּסטער האַלטונג. זי האָט באַזוכט אַ העכערע שולע און אויך דערנאָך שטודירט ווייטער.

לכתחלה האָב איך געקלערט, אַז זי האָט זיך דערוווּסט מכּחן באַזוּך פון איר קרוב. זי איז אָבער גאָרנישט געקומען וועגן איר אייגענעם ענין. זי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אירער אַ זיבעצן־יאָריקער חברטע. מאָוד איז ווי עס שיינט ממש ווילד געוואָרן. אין דער לעצטער צייט האָט זי אַרויס־געוויזן אַ מוראַדיקע נייגונג צו קוש־ און קנייטש־פאַרווײַלונגען און אויך צו אַלקאָהאָל. צי וויל איך זיך נישט פאַרנעמען מיט מאָודן און פּרוּוון זי אַרויפצופירן אויפן ריכטיקן דרך.

— איך וועל גערן טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעג־לעך, מערי, האָב איך געזאָגט און מיר האָבן תּיכּף צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אַרויפצופירן מאודן צוריק אויפן זיטלעכן וועג, וווּהין זי געהערט.

— און איצט, מערי, האָב איך אַ פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט מאודן, וואָס איז מיט אייך גופא?

— אַה, האָט זי לייכט אַ זאָג געטאָן, איך גיי מיט ביל ריגס.

— איז ביל זיכער?

— געוויס, האָט זי געענטפערט, און מיר אָן שום באַ־העלטענישן איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע, וואָס איז נאָך געווען אַ סך סקאַנדאַליעזער, ווי איר באַאומרויקטער קרוב האָט גאָר געקאָנט חלומען. אָבער זי האָט נישט געזען אין דעם

קיין שום אומרעכט, זי און ביל האָבן געלעבט ווי אַן אמת חתונה-געהאַט פּאָרל, וואָס איז לחלוטין עפּעס אַנדערש ווי דאָס אַרומטרייבן זיך מיט יעטוועדן מאַנספּאַרשוין, ווי עס טוט, למשל, איצט מאָוד. ד אָ ס איז אומגלויבלעך, און מאָוד מוז — —

איך האָב איר איבערגעהאַקט. פּאַרוואָס-זשע האָט זי מיט בילן נישט חתונה?

— חתונה האָבן? האָט זי מיט אַ חוזק אויסגעשריגן. הער ריכטער, פון צווישן מיינע באַקאַנטע צען מיידלעך, וואָס האָבן פאַר די לעצטע צוויי יאָר חתונה געהאַט, זענען שוין די גרעסטע העלפט געגט, אָדער פון זייערע מענער סעפּאַרירט. שטעלט אייך פאָר אַזאַ מין סקאַנדאַל! נעמען מיר, למשל, די געשיכטע מיט יאַני סטראַנג. זי האָט אויסגעזאָגט פאַרן געריכט, אַז איר מאַן האָט נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער און האָט זי אַוועקגעפירט צו אַן אָפּטרייבער. ניין! דאָס איז נישט פאַר מיר! אויב איך און ביל וועלן זיך נישט קאָנען צוזויפלעבן, וועלן מיר זיך פראָסט פּשוט אָן שום ליאַרם פונאַנדערגיין.

— וואָס וועט אָבער זיין מיט די קינדער?

— מכּח דעם האָב איך נאָך קיין סך נישט געטראַכט. איך ווייס נישט, צי וויל איך גאָר האָבן קינדער.

— ווען ס'זאָל אָבער געשען, ווי וועט עס דאַן זיין? דאַן שאַפט זיך דאָך פאַר אייך זייער אַ שווערע לאַגע.

— אָך, ניין, האָט זי באַטערקט. ביל וואָלט מיט מיר צו יעדער צייט חתונה געהאַט. ער וויל עס איצט גערן, ווייל ער איז אין מיר שרעקלעך פאַרנאַרט. איך ווייס אָבער נישט גענוי, צו איך וויל עס. איך האָב נישט קיין ריכטיקן צוטרוי צו בילס פעאיקייטן. איך פאַרדין דאָך איצט מער פון אים.

וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן? זי אויסזידלען? אוממעגלעך. אַ שאַרפער פאָרוואורף וואָלט אירע אָנשויאונגען נישט בעענדערט, און איך וואָלט נאָר פאַרלוירן מיין איינפלוס, וואָס איך האָב נאָך אין געוויסער מאָס אויף איר געהאַט.

זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן דין וחשבון.

פאַרוואָס וויל זי מיט בילן נישט חתונה האָבן, אומבאַוווּסטזיניק אָבער האָט זי אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויף דער ווונד, אויפן ווירטשאַפטלעכן באַנקראָט פון דער חתונה-אינסטיטוציע, וואָס אונז איז עס שוין לאַנג באַוווּסט. מערי האָט פאַרדינט מער פון בילן, דעריבער האָט זי זיך מכּח דעם ענין צוויי מאָל פאַרטראַכט, איידער זי איז איינגעגאַנגען אויף חתונה צו האָבן. זי האָט זיך נישט גענויטיקט אין קיין פאַרזאָרגונגס-חתונה, האָט געקאָנט אַליין פאַר זיך פאַרדינען, איז געווען פריי אין אַלע הינזיכטן. ביל האָט זיך קודם כּל געדאַרפט אַרויסווייזן אַלס טיכטיק אויף דער גאַנצער ליניע, איידער זי האָט זיך אַנטשלאָסן מיט אים צו פאַרבינדן.

איך האָב זיך מער מיט דעם ענין נישט אינטערעסירט, און זי איז אַוועקגעגאַנגען. פון צייט צו צייט איז זי אָבער צו מיר געקומען מכּח מאָודן, וועלכע איך האָב סוף כּל סוף אַריינבאַקומען אין מיינע הענט און אָפּגעראַטעוועט פון איר קרומען וועג.

מערי האָט בינו לבינו כּסדר אַוואַנסירט און מער פאַר-דינט. אין איין שיינעם טאָג האָב איך זי געטראָפן נישט מיט בילן, נאָר מיט אַן אַנדערן ייִנגנמאַן. ווען זי איז צו מיר נאָכדעם געקומען האָב איך זי מכּח דעם געפרעגט.

— אַנדערהאַלבן יאָר גייט איר שוין מיט בילן, פאַרוואָס-זשע האָט איר שוין ענדלעך נישט חתונה?

— בילן האָב איך שוין גענוג, האָט זי געזאָגט. און איך בין אומגעהייער צופרידן דערמיט, וואָס איך האָב מיט אים נישט חתונה געהאַט, ווען איר האָט עס געוואָלט, הער ריכטער. ער איז באמת נישט פיל ווערט, ווי איר זעט, ער אַרבעט שוין אין דער דראָגעריע אַ שיינע פּאָר יאָר אין פאַרדינט סך-הכּל 80 דאָלאַר אַ חודש. און איך גופא פאַרדין שוין כּמעט אָן שום אָנשטרענגונג גאַנצע 150 דאָלאַר. זאָל איך מיט אים חתונה האָבן! ס'פּאַלט מיר גאָרנישט איין! שטעלט אייך פאָר: איך און 80 דאָלאַר אַ מאָנאַט און דערצו נאָך אפשר אַ בעבי!

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ביל געווען ביי מיר. ער האָט גערעדט שלינגנדיק די טרערן.

— הער ריכטער, האָט ער געזאָגט, איך וויל זיך מיט אייך דורכרעדן. איר קענט מערי, נישט אמת?

— געוויס.

— מערי און איך זענען כמעט צוויי יאָר געווען צוזאַמען — און איך ווייס, זי קען אייך, — און איך האָב געקלערט — איך האָב געקלערט, אפשר קאָנט איר מיר העלפן. הער ריכטער, אָה, ווען איר זאָלט מיר ווען העלפן! איך —

— איך וועל גערן פאַר אייך אַלץ טאָן, ביל. וואָס איז דען געשען?

ביל האָט זיך צעוויינט אויפן קול און אָוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף מיין טיש, מיין אַקסל האָט ער צום גליק נישט געקאָנט דערגרייכן — —

— גאָט מיינער! האָט ער געכליפּעט, זי האָט מיך געלאָזן זיצן! זי האָט מיט מיר געוואָלט חתונה האָבן, און איצט האָט זי מיך געלאָזן זיצן!

אָרעמער ביל! זי האָט אים געלאָזן זיצן! דאָס איז געווען די טראַגעדיע! די צייטן האָבן זיך געביטן! אין אונזער צייט דאַרף עס מער נישט זיין דאָס הילפלאָזע מיידל, וואָס האָט אויסצושטיין אַזאַ מין זאַך, אויב ס'האָלט שוין פאַרקערט. אין דעם פאַל איז עס געווען דער מאַן.

איך האָב פאַר בילן נישט געקאָנט קיין סך אויפטאָן. מערי איז, צום אומגעהייערן שוידער פון איר הילפלאָזער משפחה, אַוועק אויף אַ לענגערן אויטאָ-טור מיט בילס יורש און לעבט איצט מיט אים צוזאַמען. וואַרשיינלעך וועט זי מיט אים צו דער רעכטער צייט חתונה האָבן, ווייל זיינע רווחים זענען, ווי ס'שיינט, גאַנץ היפּשע.

ניין, מערי איז נישט קיין דעמימאָנד-דאַמע. זי איז אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר אין דענווער און אַן אייניקל פון אַ זייער באַרימטן, הויכגעשטעלטן אַמעריקאַנער.

עטלעכע פּריינט ווייסן, ווי זי לעבט, אָבער נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל.

פון מעריס געשיכטע קאָנען מיר אַ סך לערנען: קודם כּל, למשל, אַז די מענטשן, וואָס מאַכן אַזאַ ליאַרם וועגן די צוגעאיילטע חתונות פון אונזער יוגנט, ווייסן לגמרי נישט, וועגן וואָס זיי שרייען. דאַן: אַז די פאַרשווערונג פון שטיל־שוויגן האָט נישט קיין שום זין. ענדלעך: אַז מיר מוזן זיך ריכטן אויף די שטאַרקסטע פּראָטעסטן קעגן די עקזיסטרנדע כּללים, כּל־זמן מיר מאַכן פון זיי אַן ענין פון געזעצלעכן און מאָראַלישן צוואַנג, וואָס קאָן דורך דער מאַכט אָפיציעל אָנגעווענדט ווערן.

געשלעכט איז פשוט אַ ביאָלאָגישער פאַקט. ווי דער אַפּעטיט צום עסן, אַזוי איז דער געשלעכטס־פאַרלאַנג נישט געזעצלעך און נישט אומגעזעצלעך, נישט אוממאָראַליש. אַרונטערפירן דאָס געשלעכט אונטער אָפיציעלער מאַכט און יוריסדיקציע, איז פונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי געזעצלעך צו רעגולירן דעם אינסטינקט צו זעלבסדערהאַלטונג דורך עסן, און געפילמעסיק אָנערקענען מיר אַלע, אַז אַזוי איז עס. דעריבער זאָגן זיך די מענטשן סוף כּל סוף אָפּ אָנצוערקענען די אויטאָריטעט פון זיטן און געזעץ, אויב דער דאָזיקער געזעץ און דער דאָזיקער מנהג גייט קעגן דעם פאַרלאַנג. וואָס איז אַן און פאַר זיך נאָרמאַל און נאַטירלעך. אין דער שטיל אָדער אָפן ברעכט זיך דאָך אָבער דער שלעכט באַטראַכטער פאַרלאַנג ענדלעך דורך. און דאָס וועט דויערן אַזוי לאַנג, ביז דאָס געשלעכטלעכע וועט די מענטשן געווינען ווערן אין אַן אַנדער באַלויכטונג און דאָס געזעץ און די אָפיציעלע מאַכט וועט דערביי לגמרי סקאַסירט ווערן, ווי למשל ביים איבערמעסיקן טרינקען.

דער גראָבער געשלעכטס־הונגער דאַרף ווי דער הונגער נאָך נאַרונג רעגולירט און באַהערשט ווערן, אָבער נישט דורך געזעצלעכע פאַראָרדענונגען און מאָראַלישן צוואַנג, נאָר דורך געשולטער קליגשאַפט, דורכן געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, דורך

זעלבסדערציאונג און דורכן גוטן געשמאַק פון יעדן יחיד. איך וועל תיכף דערווייזן, אַז אַזאַ מין זעלבסדערציאונג איז פאַר ס׳רוב מענטשן גאַנץ מעגלעך. בינו לבינו קאָן מען לייכט איינזען, אַז ס׳איז פשוט געגוג צו באַגיין סעקסועלע זינד, נישט ווערנדיק אַנטדעקט, און אַז געזעץ און פּאָליציי זענען לחלוטין אָנמעכטיק און אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף דער פּריוויליקער הכנעה פון די, וואָס ווילן זיך בעסער אונטער-וואַרפן. אויב אַזאַ מין באַוווּסטזיניקע, שכלדיקע הכנעה איז די איינציקע, וואָס טוט באמת עפּעס אויף — טאָ פאַרוואָס פאַר-לאָזן מיר זיך נישט אויף איר?

דאָס איינציקע, וואָס נאָרמירט בכלל ווי געהעריק דאָס סעקסועלע לעבן און קאָן עס פאַרוואַנדלען פון אַ גראָבער, אינסטינקטיווער, פּרימיטיווער אין אַן אמתדיק שכלדיקער זאַך, איז די דורך דערציאונג אויסגעבילדעטע, פיינפילנדיקע נייגונג צום בעסערן, נעמלעך צו אַ זיטלעכער האַלטונג, וואָס אירע הויפּטמאָטיוון, קאָנען בכלל גילטן אַלס זיכערע כללים פאַר מענטשלעכער באַנעמונג. אַ האַלטונג, וואָס איז ביי געוויסע אומשטענדן דערלויבט, קאָן ביי אַנדערע זיין לגמרי אוממעג-לעך. אָבער דער הויפּטמאָטיוו, דער אָנגענומענער מאַסשטאַב, וואָס איז די באַזיס, מוז זיין עפּעס פעסטעס, אַ שטענדיק אָנווענדבאַרע ריכטשנור. דער יחיד מוז דאַן שטיין אין פריי-וויליקער טריישאַפט צו מאָטיוון און ריכטליניען, וואָס ער האַלט ערלעך און אמתדיק פאַר פאַרפליכטנדיק. אונזער נאַ-ציע דאַרף נויטווענדיק אידעאַלן, וואָס זאָלן זיך ריכטיק פאַר-איייניקן אין איין ברענפּונקט. עס הייסט ווידער אַמאָל, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַ קולטור, וואָס רופט אַרויס אַזעלכע אידעאַלן, און אין אַ דערציונגס-מעטאָד, וואָס שאַפט אַזאַ קולטור.

קולטור וואָלט פעיק געמאַכט די יחידים כסדר און גלייכ-מעסיק צו זען ווי דורך אַן אינערלעכן שיין, ווי ווינט-שנסווערט, ווי מעגלעך, ווי פּראַקטיש און אַפילו ווי לייכט עס איז אָנצוערקענען יענע מענטשלעכע רעכט, וואָס זענען

באשיימפערלעך העכער ווי די נאָר פרימיטיווע, וואָס צוליב זייער פרימיטיווקייט קאָנען זיי שוין פאַר אונזער פילזייטיק אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע מער נישט טויגן.

אַזוי איז, למשל, פאַרן פייערלעשער פאַרהעלטניסמעסיק נישט שווער בעת אַ שׂרפה איינצושטעלן זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען אַנדערע מענטשן, ווייל ער האַנדלט לויט די פעס־טע כּללים, לויט דער קולטור — וואָלט מען געקאָנט זאָגן — פון זיין באַרוף. זיין דערציונג האָט געשאַפן דידאָזיקע קול־טור, דידאָזיקע אינערלעכע ליכטיקייט, וואָס לאָזט אים קיין מאָל נישט צווייפלען וועגן דעם, וואָס ער האָט צו טאָן, און מאַכט עס מעגלעך, אַפילו אומפאַרמיידלעך, אַז ער זאָל טון עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט אין אַ פולשטענדיקן קעגנזאַץ צום גראָבן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. און דאָך זענען פייערלעשער גאַנץ געוויינלעכע מענטשן, מיט געוויינלעכע שוואַכקייטן אויף אַנדערע געביטן, ווו זייער דערציונג און אויסבילדונג איז נישט געווען אַזוי גרינטלעך. אַזעלכע ביי־שפּילן פון פּריוויליקער ריכטיקער האַלטונג ביי פּשוטע דורכ־שניטסמענטשן זענען דאָ גענוג. זיי זענען אַלע דער פּראָדוקט פון אַ געוויסער דערציונג, וואָס איז דורך אונזער ציוויליזאַ־ציע געוואָרן נויטווענדיק.

דער פּרימיטיווער, גראָבער פאַרלאַנג איז אין פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער דורכגעבילדעטער אָנשויאונג עפּעס זייער געמיינס און קלאָגעדיקס און האָט הינטער זיך פאַרהעלטניס־מעסיק ווייניק מאַכט. זיין טרייבקראַפט איז מעכאַניש, אומפאַר־שטענדיק, אומאיבערלייגט, אומפּאַרגעברייט. נאַטירלעך שפּילט דערדאָזיקער אינסטינקט אַ נויטווענדיקע ראָל. מ׳דאַרף בשום אופן זיין נאָרמאַלע אויסווירקונג נישט שטערן — נישט גע־קוקט אויף די תּורות פון די פּוריטאַנער טעאָלאָגן. יאָ, מ׳דאַרף זיך נאָר דאַן אַריינמישן, ווען דער אורשפּרינגלעכער אינסטינקט גייט לגמרי קעגן יעדער בעסערער אָנשויאונג.

די אורשפּרינגלעכע אינסטינקטן באַקומען נאָר דאָרט אַן אומגעהייערע מאַכט איבערן יחיד, ווו די דערציאונג שאַפט

נישט קיין שום קולטור, וואָס זאָל קאָנען אַזעלכע אינסטינקטן ריכטיק אָפּשאַצן. לײַדער זעען מיר (איך האַלט זיך לכל־הדעות אָפּ דאָס אַרויסצוזאָגן) לויט די שילדערונגען פֿון דאָזיקן בוך, אַז מיר האָבן נאָך ביז אַהער גאַנץ ווייניק דערגרייכט פֿון אַזאַ מין קולטור.

געבילדעטע מענטשן באַטראַכטן דאָס לעבן אַלס אַ קונסט, אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט מ׳זאָל עס ליב האָבן, אויב מ׳גיט זיך די מי צו מאַכן עס ליבנסווערט. דאָס באַדײַט גלײַכצײַטיק, אַז מ׳דאַרף אויסמײַדן אַלץ, וואָס ס׳איז פֿאַר יעדן פֿײַנערן געפֿיל נישט שיין און אָפּשרעקנדיק. דעריבער קערן זיך קולטור־מענטשן אָפּ פּשוט אויס געשמאַק און נייגונג, נישט צוליבן געזעץ און אויסערלעכע צוואַנגסמיטלען, פֿון נאַרישע, גראָבע זאַכן, פֿון אַ באַנעמונג, וואָס איז בלויז „נאַטירלעך". זיי מײַדן אויס אַ געמיינע שפּראַך און גראָבע מאַנירן, ווײַל ס׳איז פֿאַראַן עפּעס אַנדערש, וואָס ס׳געפֿעלט זיי בעסער. זיי גיבן זיך אויך נישט אָפּ מיט קיין נידעריקע געדאַנקען, ווײַל דאָס רופֿט אַרויס בײַ זיי אַ ווידערווילן, אַפֿילו פֿאַראַכטונג. זיי האָבן אַ לעבנס־מאַסשטאַב, וואָס פֿאָדערט אומעטום דאָס בעסטע, נישט בלויז פֿון מאַטעריעלע, נאָר אויך פֿון גײַסטיקע פֿאַרגעניגנס. אויף דעם אופֿן קאָן אַ שכלדיקע געשלעכטלעכע האַלטונג מאַכן פֿון סעקסועלן איינס פֿון די ליבנסווערטסטע זאַכן אין לעבן. און די מענטשן וועלן אויסווײַלן אַזאַ האַלטונג, ווי נאָר דאָס געזעץ און די טראַדיציע וועלן אויפֿהערן פֿאַרצושטעלן דאָס געשלעכטלעכע אַלס עפּעס שרעקלעך העסלעכס.

ווי אַזוי זאָלן מיר אָבער איצט צוקומען צו אַזעלכע ריכטליניען פֿאַר קונסט און לעבנספֿירונג? צי איז דערצו געבויג דער אומאָפּהענגיקער אורטייל פֿון יחיד? ניין, איך האַלט, אַז נישט. יעדער מאַסשטאַב פֿאַר אַ פֿרײַוויליק אָנגענומענער לעבנסהאַלטונג דאַרף זיך אויסבילדן דורך אַ הסכּם, און דורך אַ הסכּם צווישן דעם אויפֿריכטיקן, אומאָפּהענגיקן, מוטיקן, אומגעשטערטן אורטייל פֿון יחיד אין זײַן לאָגישער גרייטקייט

צו אַכטן און צו'לעך אָפּצושאַצן אַלץ, וואָס ס'ווערט אַלגעמיין אָנגענומען פאַר דאָס בעסטע, רייפסטע און געזונטסטע אין מענטשלעכן דענקען און מענטשלעכער דערפאַרונג. דאָס הייסט ניט, אַז יעדער יחיד דאַרף ענדערן זיינע מיינונגען און אָן שום פּראָטעסט אָננעמען אַפילו די בעסטע פון אַלע קולטור־אוצרות, נאָר אַז ער וואָלט דערפון שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן און לכל הדעות זייער פיל אינגאַנצן אָדער טיילווייז אין זיך אויפגענומען. די אָפּווייכונג, וואָס ער מאַכט נאָך דאַן פאַר זיך גופא, וואָלטן גיכער געווירקט צום גוטן ווי צום בייזן און זיכער געלעגן אויף דער ליניע פון רעפאָרמען און פּראָגרעס, אָנשטאָט דעם וועג פון ווילדער רעוואָלוציע און חורבן, ווו מיר פאַרברענען בלינד היגטער זיך די בריקן, וואָס פאַרבינדן אונז מיט דער חכמה און דער פאַרגאַנגנהייט.

ווער ס'קומט מיט זיך גופא צום דאָזיקן הסכם, וועט קיינמאָל לייכטזיניק און איבעראיילט נישט אָפּווייכן פון אמת־דיקן וועג און זיך נעמען די פרייהייט צו טאָן דאָס, וואָס ער האַלט כלומרשט פאַר ריכטיק. אַנדערע וואָלטן נאָך דאַן אויך געמאַכט פעלערן און אפשר טאַקע גרויסע, ווייל קודם־כל וואָלטן זיי זיך געמוזט צו זייער פרייהייט צוגעוווינען. אָבער סוף כל סוף וואָלט עס דאָך זיכער געבראַכט אַ פאַרשטאַרקונג פון זיטלעכן באַוווסטזיין פון דער מענשהייט און געגעבן אונזער סאָציאַלן לעבן יענע פעסטקייט, וואָס פעלט אים אַזוי שטאַרק.

איך זאָג אַלזאָ נישט, אַז פרייהייט שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין שום סכנות. איך זאָג אויך נישט, אַז ס'זענען נישט נויטיק קיין שום באַגרעניצונגען. אפשר וועלן מיר אַמאָל דערגיין דערצו, אַז יעדערער וועט טאָן ריכטיק און געזעצן וועלן ווערן איבעריק. אפשר אין עטלעכע הונדערט טויזנט יאָר אַרום, אפשר אַ סך פריער. דערווייל מוזן מיר זיך רעכענען מיטן פאַקט, אַז דער כלל מוז זיין אומטאָלעראַנט און אויפ־שטעלן געוויסע פאַרהאַלטונגס־נאָרמען. ער וועט עס מוזן טאָן אַזוי לאַנג, ביז אַ ריכטיקע דערציאונג וועט אונז אַלע אויס־לערנען צו באַהערשן אין זיך די מאַלפּע און דעם טיגער

ערגעץ ווו מוז די געזעלשאַפט אָנווייזן די גרענעץ פון דער־
לויבטן און אומדערלויבטן. לכל הדעות דאַרפן אָבער זיין
ווייניקער „איסורים”. דער כּלל מוז לערנען צו באַגרייפן בעסער
דעם ווערט פון אָריגינאַליטעט און דער איניציאַטיוו. דער
פּראָגרעס קומט דורך מענטשן, וואָס זענען קיינמאָל נישט באַ־
פרידיקט מיטן געגעבענעם און טראַכטן כּסדר און זוכן און
פּרוּוון אויף פאַרשידענע אופנים.

אונזער ליכטיקע יונגערע גענעראַציע האָט גענוג נאַאיוו
אָנגענומען, אַז די דעדלויבטע פרייהייט איז זייער גרויס, און
איז דערמיט גלענצנד אויסגעקומען. די ערשטע „פלאַפּערס”,
וואָס האָבן זיך אונטערגעהאַקט די האָר און דעם ראָק, האָבן
אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַ קאָנווענציאָנעל געזאָנענער מער־
הייט, וואָס האָט היינט אַזוי ווייט פאַרגעסן איר „מאָראַל”, אַז
זי טוט דאָס זעלבע און האַלט עס פאַר זייער „מאָראַליש”.
דאָס הייסט טויגלעך פאַר זי.

צוועלפטער קאַפּיטל

און איצט לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו מערין. צו
איז מערי שלעכט? לויטן געזעץ און דער הערשנדיקער מאָ-
ראַל יאָ. אַרויסגייענדיק פון איר אייגענעם שטאַנדפּונקט נישט.
זי איז נישט פיין, דערמיט בין איך מסכּים. גראָבקייט און
אומרייפקייט זענען די סאַמע עיקרדיקע און באַדויערנסווער-
טע פעלערן פון איר גענעראַציע. מיר קאָנען אָבער בשום
אופן נישט אָפּלייקענען, אַז זי האַנדלט לויט אַ געוויסן מין
זיטנגעזעץ, וואָס איז פאַר איר אָנגעמבאַר. זי דערלויבט זיך
אַן אומגעזעצלעכן געשלעכטלעכן פאַרקער, שליסט אָבער
לגמרי אויס פון דערלויבטן נאָך פיל געוויינלעכערע עובדות,
וועלכע עס באַגייט מאוד. אין דער הינזיכט קאָן מען איר
נישט פאָרוואַרפן קיין ווירקלעכע צולאָזנקייט, ווייל די גרע-
נעצן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, זענען לגמרי פרייוויליקע.
מערי נוצט אויס די פרייהייט, וואָס זי האָט זיך אַליין גענו-
מען, נישט אַזוי לגמרי אָן שכל. זי באַווייזט לכל הדעות,
אין אַ געוויסער מאָס, אַז נישט בלויז געזעץ און טראַדיציאָ-
נעלע מאָראַל קאָנען אָפּהאַלטן פון אַ פולשטענדיקער צולאָזנ-
קייט אויפן סעקסועלן געביט. אויך מאוד האָט עס שפּעטער
באַוויזן, ווייל זי האָט תּיכף פרייוויליק איבערגעביטן איר אַרט
לעבן, ווי נאָר איך האָב איר אויפגעקלערט אַ סך זאַכן, וואָס
זי האָט פריער נישט געוווסט, אָדער נישט ריכטיק אויפגע-
פאַסט.

מעריס זעלבסטגעזעצטער מאסשטאב האט אויסער דעם אנטהאלטן ־די פאדערונג, אז א באפרידיקנדיקע הייראט מוז קודם כל באזירן אויף דויערנדיקע יסודות, וועגן וואס, למשל, אירע נאנטע חברטעס האבן בכלל נישט געטראכט. מערי האט געוואלט, אז דער מאן, מיט וועלכן זי וועט חתונה האבן, זאל גוט פארדינען און קאנען ארנטלעך דערנערן א פאמיליע, און וואס מען זאל נישט איינוועגדן קעגן איר מאראל, איינס מוז מען מודה זיין: איר אורטייל איז א פולשטענדיק לאגישער, און זי זארגט בכלל קליגער און בעסער וועגן זיך און איר רעכטמעסיקן אינטערעס פאר א פראדוקטיווער צוקונפט, ווי א סך פון אירע מאראלישע, הויכגעשעצטע חברטעס, וואס קלאפן אפ די שוועלן פון די פארשידענע גט־געריכטן מיט די טענות וועגן זייער פארפושטן לעבן.

דער נאקעטער פאקט איז דער, וואס מערי איז אנטשלאפן צו ענדערן אונזערע איצטיקע אומפאלקאמענע מאסשטאבן, כדי צו שיצן זיך גופא. די אנערקענט, אז די געזעצלעכע חתונה, ווי זי איז היינט, קאן די פרוי פונקט אזוי פארשקלאפן און פארניכטן ווי שיצן. זי איז נישט קעגן חתונה האבן, האט אבער דעם פעסטן אנטשלוס, אכטונג צו געבן אויף איר פערזענלעכער זיכערקייט, און זאגט זיך אפ פון זיין עמיצנס אייגנטום, און דאס טוען איצט הונדערטער און טויזנטער פרויען.

מעריס אנשויונג און איר ארט האנדלען שוואכט נאטירלעך נישט אפ די טראדיציאנעלע איינווענדונג, אז זי האט זיך געדארפט אפהאלטן פון א געשלעכטלעכן פארקער פאר דער חתונה. און דאס איז א פראגע, וועלכע מען דארף איין פאר אלע מאל מוטיק און ערלעך קוקן אין פנים אריין. איך בין פאר חתונה האבן, און זע דערין די ליבע פון א מאן צו אן איינציקער פרוי, אזא פולקאמענע, הארמאנישע געמיינזאמקייט, ווי איך לעב עס איבער — אויב מיר איז דערלויבט דאסמאל צו זיין אין גאנצן סוביעקטיוו — מיט מיין פרוי און ווי איך האב עס שטענדיק איבערגעלעבט. אויב דאס חתונה־

האָבן באַדײַט נישט דאָס. קוק איך אויף איר בכלל נישט ווי אויף חתונה האָבן, אַלץ אײנס, צי ס'איז פֿאָרגעקומען אַ הייראטס-צערעמאָניע אָדער נישט. די הייראַט איז נישט מער ווי אַן עפּנטלעכע דעקלאַרירונג פֿון מאַן און ווײַב און די אָנערקענונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַז צווישן דידאָזיקע צוויי מענטשן עקזיסטירט אַ הייראַט אין איר פֿולשטענדיקער באַדײַטונג. אויב אַזאַ פֿאַרהעלטעניש הערט שפּעטער אויף, זע איך נישט איין, צו וואָס זאָל די געזעלשאַפֿט אויפֿהאַלטן דידאָזיקע לעגענדע, אַז די הייראַט עקזיסטירט ווײַטער.

אָבער די געזעלשאַפֿט טוט עס. און דווקא אַזוי עקשנותדיק, אַז זי וויל, למשל, נישט מסכּים זײַן אויף קיין גטן צוליבן פּשוטן טעם, וואָס די בײדע פּאַרטנערן, וועלכע ווילן צוריק האָבן זייער פֿרייהייט, באַשליסן זיך פֿאַנאַנדערצוגיין. יאָ, אַזאַ מאָטיוו, אויף וועלכן מאַן און פֿרוי זענען אײניק, מוז אַפֿילו בײַ יעדן גט אָפּגעוואָרפֿן ווערן. אָנשטאָט דעם מוז דאָס פֿאָרפֿאָלק שפּילן טעאַטער, פֿאַבריצירן אײנער קעגן צווייטן בלבולים און אײנער דעם אַנדערן עפֿנטלעך באַשולדיקן אין פֿאַראַטן, למשל, אין אכזריות א. א. וו. זאַכן, וואָס זענען אָפֿטמאָל פֿאַר בײדע צדדים ממש אוממעגלעך.

דעריבער וואָלט עס טאַקע געווען פֿון גרונט אויס פֿאַלש כּסדר צו באַהויפּטן, אַז אַן אינסטיטוציע, וואָס זוכט זיך צו שיצן און צו פֿאַרטיידיקן דורך סימולירן פֿאַלשע פֿאַקטן, שטייט אויף דער געהעריקער הייך און נויטיקט זיך נישט אין קיין שום שנוים. איך מוז זאָגן, אַז איך האַלט, דאָס דער גרעסטער טייל מענער און פֿרויען וועלן כּסדר אָפּוואַרפֿן די הייראַט אַלס אַן אומדערטרעגלעכן יאָך, אויב מען וועט די גאַנצע געזעצלעכע און מאָראַלישע אינסטיטוציע נישט גענוג רעפֿאָרמירן, אַז זי זאָל ווירקלעך קאָנען שאַפֿן גליק און פֿרייהייט פֿאַר בײדע געשלעכטער. אַן אַלגעמײן אַנטלויפֿן פֿון דער הייראַט וואָלט באמת געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע. און זי איז טאַקע לגמרי נישט נויטיק.

מערי האָט זיך געשראָקן פֿאַרן חתונה-קאָנטראַקט ווי

פאַר אַ זאַך, פון וועלכער עס איז אַזוי שווער פטור צו ווערן, אויב זי האָט זיך נישט איינגעגעבן. זי האָט געוואָלט בלייבן אַ פרייער מענטש, ווען נישט וואָלט זי חתונה געהאַט, ווייל זי האָט אַליין אָנערקענט די מעלות פון דער געזעצלעכער חתונה.

גוט! איז עס אפשר געווען איר פליכט איינגאַנצן נישט חתונה צו האָבן און אונטערדריקן איר געשלעכטלעך לעבן, וואָס האָט געפאָדערט זיין נאָרמאַלן אויסדרוק?

אויף דעם ענטפערט מערי ריכטיק אָדער פאַרקערט, אַז זי וויל זיך נישט מקריב זיין פאַר קיין פעטיש פון עקסטרעמען. זי וויל נישט אויסוויילן צווישן אַן ענטוועדער-אָדער, ווייל זי האַלט ביידע זאַכן פאַר נישט קלוג און העסלעך.

אָנשטאָט דעם הויבט זי אויף די פאָן פון דער רעוואָלוציע און זאָגט: „ניין! איך און מיין גענעראַציע, מיר וועלן געפינען אַ דריטן וועג. צי דאָס געפעלט אייך אָדער נישט: מיר מאַכן צווישן זיך אויזער אייגענעם חתונה-קאָנטראַקט, וואָס דעקט זיך מיט אונזערע ווונשן און באַדערפעניש. מיר האַלטן, אַז מיר האָבן אַ נאַטירלעך רעכט אויף חברשאַפט און אינטימן פאַרקער, צו וועלכן אונז ציט. מיר קענען שוץ-מיטלען, וואָס שליסן אויס די אומגעווונשענע מוטערשאַפט, כּל זמן זי וואָלט פאַרשווערט די לאַגע. מיר זענען נישט מסכּים, אַז אַזאַ האַלטונג ברענגט אַ שאָדן דער זיכערקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און מיר האַלטן, אַז דערדאָזיקער פרווו צו פאַרבייטן די טראַדיציע מיטן געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, קאָן זיך גיכער ענדיקן גוט ווי שלעכט! אַזוי רעדן זיי.

וואָס האָב איך, אַ מאַן מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכער געריכטלעכער שטעלונג, אויף אַזאַ מין אַרויספאָדערונג, למשל, צו זאָגן? צי קאָן איך דערויף רעאַגירן מיט שטילשווייגן און נישט זאָגן, אַז די חתונה-אינסטיטוציע איז געשאַפן לטובת דעם גליק און נוצן פון דער מענטשהייט און נישט די מענטשהייט פאַרן נוצן פון דער חתונה-אינסטיטוציע? אַז די הייראַט

איז נישט קיין ענדציק, נאָר אַ מיטל צום ציל? אַז דער שוך און נישט דער פוס דאַרף אומגעביטן ווערן, אויב דער שוך פּאַסט נישט? און בנוגע דעם צעליבאַט — דעם נדר פון צניעות — נישט חתונה צו האָבן, די איינציקע מעגלעכקייט אפשר אויסער אַן אומגליקלעכער הייראַט — — —: צו וואָס פאַרלירן ווערטער און שטעלן פאָדערונגען בנוגע זאַכן, וואָס מענטשן וועלן דאָך קיין מאָל נישט דערפילן און וואָס פאַרגוואַלטיקן דערצו אַ נאַטירלעכן און נויטווענדיקן אינסטינקט?

און דאָך דאַרף דערמיט בשום אופן נישט דורכגעבראָכן ווערן קיין וועג פאַר „פרייער ליבע" און נאָך אַזעלכע זאַכן. אָן דער חתונה וועלן מיר זיך נישט באַגיין. זי מוז דורך קלוגע, פּאָרזיכטיקע ענדערונגען פון אירע כּללים ווייטער עקזיסטירן, כּדי באמת צו שאַפן אין לעבן פון די מענטשן דאָס גליק, וואָס זי איז אימשטאַנד צו שאַפן. איך גלויב שטאַרק אין די געבענטשטע מעגלעכקייטן פון דער חתונה, דאָס האָב איך, ווי מיר שיינט, גאַנץ דייטלעך אויפגעקלערט. און גלייכצייטיק מיט דעם אויך פאַר וואָס איך בין אַזוי טאָלעראַנט און מילד לגבי מערין און איר שטייגער; פאַרוואָס איך גיב צו, אַז עס איז לכל הדעות אַ פאַרדינסט פון זייער זייט די פאַקטן אָפן און ערלעך צו באַקעמפן.

דאָ הויבט זיך סוף כּל סוף אויף די פראַגע וועגן זייער ערלעכקייט. אַ סך וועלן קלערן, אַז מערי און איר ענלעכע זענען נישט אויפריכטיק, אַז זיי פאַרפּוצן בלויז די דאָזיקע אַלע מעשיות, כּדי צו קאָנען זיך „אָפּגעבן" זייערע „תאוות" נאָך מיט אַ שיין פון ערלעכקייט. און זיכער זענען פאַראַן אַזעלכע פאַלן, ווי ס'איז בכלל דאָ אומעכטיקייט און אומערלעכקייט אַפילו אין דער הייראַט. דעריבער איז דער דאָזיקער פּונקט ביי אונזער אונטערזוכונג לחלוטין נישט וויכטיק. מ'קאָן בשום אופן נישט באַשולדיקן אין אומערלעכקייט אַלע יענע, וואָס ווילן מיטן פאַרהעלטעניש צווישן מאַן און ווייב מאַכן נייע עקספּערימענטן.

איינס שיינט מיר אָבער צו זיין זיכער: אויב מיר עלטערע זענען נישט בכּוח צו קוקן אויף די דאָזיקע אָפּווייכונגען פון אונזערע קאָנווענציאָנעלע זיטן מיט פריינטלעכקייט, טאָלעראַנץ און האָפענונג, אַפילו ווען מיר זענען מיט זיי נישט מסכּים, דאַן וועט אונזער אומטאָלעראַנץ צו דער שוין אַזוי אויך גע־פערלעכער לאַגע צושאַפן נאָך ווייטערע אומנויטיקע סכּנות.

אַלטע און יינגע קעפּ צוזאַמען דאַרפן לייזן דאָס דאָזי־קע פּראָבלעם. אויב מ׳קאָן זיי אָבער נישט איינריידן צוזאַמען צו אַרבעטן, וועט דאָך דער ציל לכל הדעות דערגרייכט ווערן, נאַטירלעך אויפן חשבון פון דער מענטשהייט דורך פיל פּלגט, פיל אומנויטיקע סאָציאַלע קאַמפן און אויסגעלאַסנקייטן.

דרייצעטער קאַפּיטל

און איצט לאָזט מיך איבערגיין צו אַ צווייטער זייט פון מיין קעגנשטאַנד. אומוויסנהייט אין סעקסועלע ענינים און מאַנגל אין ריכטיקער אויספירונג איז נישט דאָס איינציקע פאַלשע אין אונזער דערציונג. לויט מיין דערפאַרונג וואַקסט אויס די יוגנט אין שולע און אינדערהיים פונקט אַזוי אומוויסנד אין געזונט-פראַגן ווי אין געשלעכטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

דאָס שטאַמט פון צוויי סיבות. ערשטנס וויסן עלטערן און לערער אַליין כמעט גאָרנישט וועגן די עלעמענטאַרסטע געזונט-כללים, און צווייטנס מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז אַן אָפענע אינטערפּרעטאַציע פון די וויכטיקסטע נאַטירלעכע פונקציעס פון אונזער קערפּער, איז פאַר זיי פונקט אַזוי אומאָנשטענדיק ווי די באַהאַנדלונג פון געשלעכט-לעבן.

דיביידע וויכטיקסטע פראַגן וועגן געזונט זענען דאָך קודם כל נוגע די ריכטיקע נאַרונג און דעם ריכטיקן שטאָפוועקסל. אַפילו ווען די לערער זאָלן האָבן גרינטלעכע ידיעות וועגן דידאַקטיקע זאַכן, וואָלטן זיי דאָך געהאַלטן פאַר אומפּאַסנדיק און אוממעגלעך זיי אין קלאַס געפינען אויפצוקלערן, כאָטש אָפיציעל געהערן כמעט אין אַלע שולן היגיענע און פיזיאָלאָגיע צו די דערלויבטע לער-קעגנשטאַנדן. זיי ווערן אָבער אָנגערירט מיט זיידענע הענטשקעס, אַזוי אַז פאַר די שילער זענען זיי נישט קיין ווירקלעכער לימוד, וואָס מ'זאָל אים קאָנען פּראַקטיש פאַרווענדן.

איך ווייס נישט, וואָס ס׳קלערן מכּוח דעם די שול-אויטאָ-ריטעטן און „גרויסע מומחים״ אויפן דערציערישן געביט: איך קום צו דעם באַשלוס, אַז זייער פּאַרפּיינערטע היגיענע און פילטרירטע פיזיאָלאָגיע זענען געמויזעכץ, אויב הונדערטער מיידלעך, וואָס געפינען זיך אונטער מיין אויפזיכט, ליידן פון כראָנישער עצירות מיט אַלע דערפון שטאַמענדיקע מאָגן-און קישקעס-קראַנקהייטן, נישט האָבנדיק די קלענסטע אַנונג וועגן די אויבנדערמאָנטע קעגנשטאַנדן.

קודם כּל מוז ווערן קלאָר פאַר יעדערן, אַז מיר קאָנען נישט דערוואַרטן פון דער וואַקסנדיקער יוגנט קיין נאָרמאַלע, זיטלעכע און אין ריכטיקע ראַמען זיך האַלטנדיקע באַנעמונג, אויב זי ליידט פון שלעכטער דערנערונג, מאָגן-קרענק און זעלבסט-פאַרשיכּורונג. און אַז אַ גרויסע צאָל ליידט אויף דעם, דאָס מוזן מיר וויסן. דאָס ערגסטע איז, וואָס קיינער — אונזערע דאָקטוירים נישט אויסגעשלאָסן — טוט גאָרנישט קעגן דעם. נאַטירלעך, זענען פאַראַן געוויסע אויסנאַמען. פיל פון מיינע באַפריינדעטע דאָקטוירים באַקלאָגן זיך אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון זייערע באַרופס-חברים אויפן דאָזיקן געביט, און אַזעלכע וויטזיכטיקע מעדיצינער זענען תּמיד גרייט דעם יוגנט-געריכט מיטצוהעלפן און האָבן מעגלעך גע-מאַכט דעם גרעסטן טייל פון אונזער אַרבעט ביים געשלעכטס-לעבן פון די קינדער.

פאַרוואָס די דאָקטוירים האָבן זיך ביז איצט מיט אַזעל-כע זאַכן אַזוי ווייניק אינטערעסירט, פאַרשטיי איך באמת נישט. סיידן זיי איז ליבער צו קורירן די מענטשן, ווען זיי זענען שוין קראַנק, איידער זיי לערנען זיי אַזוי געזונט צו זיין. לכל הדעות ווייסן די מעדיצינער, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון דער אומפּרודוקטיבקייט ביי פרויען שטאַמט פון כראָנישער עצירות. די געדערים-קאַטאַרן, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך דער פאַרשטאָפּונג, פאַרשפּרייטן זיך אויף די אייערשטאָקן, און די דאָזיקע אָרגאַנען הערן אויף נאָרמאַל צו פונקציאָנירן. כראָנישע אָנצינדונג פון דער בלינדער קישקע, די צווייטע

קאָנסעקווענץ פון עצירות, וואָס איז צווישן די פרויען זייער פאַרשפרייט, ווירקט באַזונדערס שטאַרק אויף אומפּרוכטבאַרקייט. אָבער דאָס אַלץ ווייסן נישט, נישט די עלטערן, נישט די לערער, און די מיידלעך, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע צושטאַנדן, אין דערדאָזיקער געפאַר, האָבן וועגן דעם קיין אַנונג נישט. אַפילו אויב ס'קומט נישט צו קיין אומפּרוכטבאַרקייט, אַנטשטייען אָבער פון דער פאַרשטאָפּונג פאַר די געשלעכטס־אָרגאַנען ווי פאַרן אַלגעמיינעם געזונט די גרעסטע סכּנות. דאָס דאָזיקע איז נוגע, נאַטירלעך, אויך דער מענלעכער יוגנט, כאָטש אַפילו אין אַ קלענערער מאָס. ייִנגלעך האָבן דורכשניטלעך מער קערפּערלעכע באַוועגונג און זענען אפשר נישט אַזוי אָרגאַניזירט ווי מיידלעך. לכּל הדעות ליידן זיי נישט אַזוי פיל פון עצירות און אומנאָרמאַלער דערנערונג, ביז זיי קומען אין די יאָרן און הייבן אָן צו פירן אַ מער זיצנדיקן לעבנס־שטייגער.

כאָטש איך בילד מיר בשום אופן נישט איין צו קאָנען רעדן מיט אַ וויסנשאַפטלעכער אויטאָריטעט וועגן מעדיצינישע זאַכן, באַהויפּט איך דאָך פון אייגענער דערפאַרונג, אַז אומנאָרמאַלע דערנערונג איז די הויפּט־סבּה פון אומנאָרמאַלן שטאָף־וועקסל. דער געוויינלעכער אַמעריקאַנישער מאָלצייט איז אַ דיעטישע שרעק, נישט נאָר צוליב אונזער שלעכטער קאָך־קונסט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די שפּייזן ווערן פאַרקערט צוזאַמענגעשטעלט און ווייל דאָס, וואָס ס'קומט אַלס שפּייז־אַרטיקלען אין האַנדל אַריין, איז אַזוי אָפט פאַלסיפיצירט אָדער צו שטאַרק ראַפינירט.

היות ווי פלייש, געקאָכטע קאַרטאָפל, ווייס ברויט און ווייסער צוקער זענען די פיר הויפּט־זיילן פון אונזער דיעטישן טעמפּל, האָבן מיר אַלס נאַציאָנאַלע קרענק־באַזיס, אויף וועלכער עס אַנטוויקלען זיך דאָס רוב אַנדערע ליידן, די עצירות און די מאָגן־שוואַכקייט. מיר זענען אַ נאַציע פון „שכּורים”. מיר טראָגן מיט זיך אָן איבערלאַסט פון פאַרהיינערטע, ענט־

מינעראַליזירטע קוילן-הידראַטן*), וואָס אויסגערעכנט אין קאָלאָריען**) וואָלטן זיי געקאָנט טרייבן א דאַמף-מאַשין, און אויב מיר שטאָפּן נישט אָן דעם אויוון מיט קיין ענערגיע-שאַפנדיקע קוילן-הידראַטן, פילן מיר אים אָן מיט צופיל פלייש-פּראָטעינען***), וואָס ס'איז נאָך ערגער. אויף מילך זעען מיר קאַרג. נישט קיין געמאָלענע תבואה באַנוצן מיר בכלל נישט. סאַלאַטן צופּן מיר נאָר אַרום. פּרוכטן און נאַטירלעכע זיסע זאַכן באַטראַכטן מיר אַלס לוקסוס, גרינסן עסן מיר ווייניק, און ערשט נאָכדעם ווי מיר קאָכן אויס די אָרגאַנישע זאַלצן און שווענקן אויס אינגאַנצן דעם טייערן זאַפט.

איך בין נישט קיין דיעטעטנאר; איך זע אָבער די ווירקונג פון דערנערונגס-שטייגער אויף דער יוגנט, און ביי די ערגסטע קינדער אונטערזוך און שטאַרק איך קודם-כל שטענדיק זייער געזונט, ווייל אין ניין פון צען פאַלן איז דאָס אומנאָרמאַלע עסן די סיבה פון זייער שלעכטן קערפּערלעכן צושטאַנד, פון שלעכטע ציין, שלעכטע אויגן, פון נערוואָזיטעט, פאַרקירונגען, בלוטאָרעמקייט, שקראָפול א. אַ. וו.

אויך פּריצייטיקע רייפקייט, פאַרבונדן מיט געפערלעך פרי אויפגעוואַכטע געשלעכטלעכע אינסטינקטן, שטאַמט, ווי ס'שיינט, פון שלעכטער דערנערונג, וואָס רופט אַרויס פעלערהאַפטע קערפּערלעכע פונקציעס. קליניסשע אונטערזוכונגען דאַרפן זיך כסדר פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פראַגע.

לכל הדעות ווערן, לויט מיין מיינונג, גוט דערנערטע קינדער, אויב אַלץ איז נאָר אין אָרדענונג, א סך לאַנגזאַמער און נאָרמאַלער רייף ווי שלעכט דערנערטע. און אַזוי ווי פריי-רייפקייט ברענגט מיט זיך די נייגונג צו לייכט גערייצטע געשלעכטלעכע אינסטינקטן, איז די גאַנצע דערנערונגס-פראַגע

---

*) הידראַט — כעמישע פאַרבינדונג פון וואַסער מיט וואַסער-פרייע זויערקייטן.

**) קאַלאָריע — היץ-גראַד.

***) פּראָטעין — איי-ווייסל-שטאָף.

אוממיטלבאַר צונויפגעבונדן מיט דער סעקסועלער אָפּגעהאַלטנקייט פון דער יוגנט. אונזער גאַנצע יוגנט ווערט צו פרי רייף. דאָס איז ביי אונז טאַקע גאַנץ נאַטירלעך, ווייל מיר שטאַרבן דורכשניטלעך אין עלטער פון פערציק יאָר פון דעגענעראַציע־קראַנקהייט. אויב איר ווילט צו פערציק יאָר נישט זיין אַלט, מוזט איר גאַנץ פרי אָנהויבן אייער מאָגן־קרענקדיעטע.

איך דערמאָן זיך אָן צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, וואָס זענען געוואַקסן אונטער אַ ריכטיקן דערנערונגס־שטייגער. זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט דאַרפן, נישט מיך און נישט מיין געריכטס־הויף. זיי זענען איצט 15 און 13 יאָר, גרויס, גוט אַנטוויקלט, זייער גוט אין לערנען, אָבער נאָך זייער קינדיש און אומרייף אין פאַרגלייך מיט זייערע חברים פון זעלבן עלטער. דאָס מיידל וועט שפּעט רייף ווערן.

נאַטירלעך קאָן מען פון אַזעלכע איינצלנע פאַלן נישט אַרויסציען קיין דעפיניטיווע מסקנות. אָבער אויב די שפּעטע רייפקייט באַזירט זיך דערויף, אַז ביי ריכטיקער דערנערונג באַקומט דער קערפּער גענוג שטאָלץ, כדי זיך לאַנגזאַם צו אַנטוויקלען דורך אַ נאָרמאַלן וואַקסן, האָט בכן די נאַרונג אוממיטלבאַר צו טאָן מיט דער מאָראַל פון אונזער לאַנד.

איך בין אין דעם איבערצייגט, אַז געזונט און שיינקייט זענען די פאַקטאָרן פון אונזער זיטלעכקייט.

אַז מ׳דאַרף קיינמאָל נישט לייגן צופיל געוויכט אויף איין איינציקן פאַקטאָר, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. דאָ שפּילן אַ ראָל אַ מאַסע אַנדערע זאַכן, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פרי־רייפקייט פון אונזער יוגנט. אונזער גאַנע קולטור מיטן אויטאָמאָביל, טעלעפאָן א. אַ. וו. צורודערט דעם גייסט, רייצט די תאוות. אָבער ס׳האָט קיין זין נישט זיך דערויף צו באַקלאָגן. די פאַרהעלטענישן זענען שוין אַזעלכע, און די איינציקע מעגלעכקייט מיט זיי זיך אַן עצה צו געבן איז, אַז מיר זאָלן זיי זען אין זייער באַציאונג צו די וויכטיקע, דויערנ-

דיקע לעבנס-ווערטן, וואָס זייער אינערלעכסט וועזן גיט זיך זיי דאָך איבער.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ געשפּרעך מיט זשאַן גראַס, דעם פּירער פון די סיוקס-אינדיאַנער, דעם נאָכפאָלגער פון סיטינג בול. אין פאַרלויף פון אונזער שמועס האָב איך געפרעגט: „צי טרעפט זיך אַמאָל, אַז אינדיאַנער-יינגלעך זאָלן גנבנען?

— קיינמאָל נישט, האָט ער געענטפערט.

דאָס האָט מיך אַ בעראַשט. איך האָב אַנדערש געקלערט, און בין געווען אַביסל געקרענקט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט זאָגן דאָסזעלבע וועגן ווייסע יינגלעך.

— פאַרוואָס גנבנען זיי נישט? האָב איך ווידער געפרעגט.

— אוף! נישטאָ וואָס צו גנבנען, האָט זשאַן גראַס געזאָגט, און כאָטש זיין פּנים איז דערביי געבליבן אומבאַוועגלעך ווי אַ פלאָקן, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז ער האָט געלאַכט.

אינדיאַנער האָבן אַ לעבהאַפטן זין פאַר הומאָר, וועלכן זיי פאַרבאַהאַלטן אָבער שטאַרק פון איינגעבוירענע אַמעריקאַנער.

שפּעטער האָב איך גאַנץ אָפט געקלערט מכח דעם דאָזיקן שמועס. ער האָט מיר זייער פיל אויפגעקלערט. דער יונגער אינדיאַנער האָט אייגנטלעך שטענדיק וואָס ער דאַרף. זיינע דריי הויפּט אינסטינקטן: געשלעכט, זעלבסדערהאַלטונג און געמיינשאַפט איז לייכט צו באַפרידיקן. אַזוי ווי פּרויען זענען אייגנטום, קאָן ער זיך קויפן די פרוי, וועלכע ער וויל. דערנאָך דאַרף ער אַ פייל-און-בויגן און אַ פערד. צו איינער פון זיינע מענטשן-געמיינשאַפטן געהערט ער אין שטאַם סיי ווי סיי, ווייל דער שבט איז נישט אַזוי גרויס, אַז דער יחיד זאָל דאָ נישט קאָנען שפּילן קיין געוויסע ראָל. ער האָט בכן גענוג פּלאַץ, ווו זיך אַ קער צו טאָן, און — צו וואָס זאָל ער גנבנען?

אַז מיר פאַרגלייכן זיין גורל מיטן גורל פון אונזערע אויפוואַקסנדיקע יינגלעך און מיידלעך, וואַרפט זיך דער אונ-

טערשיד שטאַרק אין די אויגן. אין אונזער אייגענער ציוויליזאַציע זענען פאַראַן טויזנטער ווינטשנסווערטע זאַכן, וואָס ליגן און בעטן זיך פשוט, מ׳זאָל זיי נעמען! וואָס פאַר אַ נסיון פאַר דער יוגנט, וואָס וויל, נאַטירלעך, אַלץ זייער גערן זען און אויספּרוּוון!

ביי אונז איז דאָ וואָס צו גנבנען! זייער פיל! מיר אַלע שפּירן, ווי ס׳ציט און רייצט און וואַרטן נישט, צו לאָזן זיך ווילגיין מיט אונזער חלק, אינדערצייט ווען די יוגנט פּיטערן מיר כסדר מיטן „דו טאָרסט נישט!״ די ייִנגע זעען אָבער ווי די עלטערע לאָזן זיך ווילגיין, און די צביעותדיקע פאַרבאָטן האָבן דעריבער נישט קיין שום ווירקונג. באַלויכט מען ריכטיק די פאַרהעלטענישן, זעט עס ווירקלעך אויס, ווי אונזער יוגנט זאָל זיין זיטלעכער, זעלבסבאַהערשטער און אורטיילספּעאיקער ווי די עלטערע גענעראַציע.

פערצעטער קאַפּיטל

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז צו מיר געקומען נאָך אַן עצה אַ שילערין פון ערשטן קלאַס. איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען און פון איר נישט געהערט. איר פאָטער איז געווען אַ רייכער מאַן, האָט אָבער פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. די טאָכטער האָט דעריבער געמוזט אַרויסטרעטן פון שולע. זי האָט שוין געהאַט אַ פּאָסטן, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. איצט האָט איר אַ רייכער מאַן אָנגעבאָטן, זי זאָל ווערן זיין מעטרעסע. איך זאָל איר זאָגן וועגן דעם מיין מיינונג. צי זאָל זי אָננעמען די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע אָדער זוכן אַן אַנדער פּאָסטן.

דאָס אַלץ האָט זי מיר אַזוי רואיק איבערגעגעבן, ווי ס׳זאָל זיך בלויז האַנדלען מכח דעם, וועלכן פון צוויי אומצווייפלהאַפט אָנשטענדיקע פּאָסטנס זי האָט אויסצווויילן.

פאַרשטייט איר, הער ריכטער, מיט מיינע עלטערן קאָן איך זיך נישט באַראַטן. זיי וואָלטן זיכער געוואָרן אויפגעקאָכטע. זיי וואָלטן עס געוויס געהאַלטן פאַר אוממאָראַליש, וואָס איך קאָן בכלל קלערן וועגן אַזאַ מין זאַך. אָבער צי דענקט איר, אַז דאָס אַליין איז שוין שלעכט, וואָס מ׳פּרוווט זעלבסשטענדיק צו טראַכטן? איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אַז ווען איך זאָל אַפילו גיין צום דאָזיקן מאַן, וואָלט איך נישט געוואָרן אַנדערש און ערגער ווי איך בין.

— איר האָט געוויס רעכט, האָב איך געזאָגט, אַליין זיך

די זאַך איבערצולייגן און צו דעצידירן. איך שרײַ נישט קיין „שאָקינג!" בײַ אײַער פראַגע און פאַל נישט אין חלשות. איך וואָלט, אמת, געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן אײַך געריכטלעך, ווײַל איר זענט מינדעריעריק, און אײַך צווינגען נישט צו טאָן דאָס, וואָס ס'איז קעגן געזעץ און טראַדיציע — איך וועל עס אָבער נישט טאָן. איר דאַרפט אַליין אויסוויילן. איך וועל זיך נישט אַרײַנמישן און נישט אויסנוצן אײַער צוטרוי.

אָבער לאָמיר קודם-כל פאָרלויפיק צוזאַמען באַטראַכטן די פאַקטן, ווי זיי זענען ווירקלעך אויס. און צי ווילט איר באמת ווערן די מעטרעסע פון דעם אָדער וועלכן ס'איז אַנדערן מאַן.

און דאַן האָב איך איר גאַנץ קלאָר און איבערצײַגנדיק דערוויזן, פאַרוואָס איך האַלט פאַר אַ נאַרישקייט דאָס, וואָס זי וויל טאָן. צום סוף האָב איך איר געראַטן: „נעמט נישט אָן קיין צו שנעלן באַשלוס. טראַכט גוט אַדורך אַלץ, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, און איר וועט זען, צי וועלן מײַנע מאָטיוון, בײַ אַ רואיקערער באַטראַכטונג פון דער גאַנצער זאַך, נישט אָפּהאַלטן פון אַזאַ טריט. אויב נישט, טוט דאָס, וואָס עס שײַנט אײַך צו זײַן אַמבעסטן. און אַז איר וועט צו יענעם מאַן גיין, און ער וועט אײַך נישט אָנשטענדיק באַהאַנדלען, דאַן קומט צו מיר, און איך וועל אים אָנברעכן די ביינער.

זי האָט מיר געדאַנקט און איז אַוועק; איז נאָך אָבער צו דער רעכטער צײַט געקומען צום באַשלוס, דעם מאַנס פראָפּאָזיציע נישט אָנצונעמען. איצט איז זי גליקלעך פאַרהייראַט, האָט אַ רײַצנדיק שיין קינד און האָט מיר מיט אַ קורצער צײַט צוריק געשריבן, ווי דאַנקבאַר זי איז מיר עד היום, וואָס איך האָב איר דעמאָלט אויף אַזאַ אופן געהאָלפן, פאַרהיט פון אַן אומגליק אין גרעסטן קריזיס פון איר לעבן און אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג.

וואָס, למשל, קלערט איר, וואָלט פון דאָזיקן מיידל געוואָרן, ווען אירע עלטערן וואָלטן זיך געוועזן דערוויסט וועגן דעם, וואָס זי האָט פאַקטיש באַשלאָסן צו טאָן? זי וואָלט

זיכער צו גרונט געגאַנגען, ווי אַ סך צנדערע ביי אַזעלכע אומשטענדן.

געווײַנלעך ווערן די יונגעלייט היסטעריש באַפאַלן, אויב פאַרטראַכטן זיך זעלבסטשטענדיק וועגן אַזעלכע זאַכן, אָדער גייען עמיצן פרעגן. דו זאָלסט נישט, טאָרסט נישט, ס׳איז אַ אומרעכט, מ׳קאָן בכלל וועגן דעם נישט רעדן, ס׳איז אַ זינד, דערפאַר קומט תּפיסה, ווערסט אַרײַנפאַלן אין גיהנם נאָך אַזעלכע שטותים.

פאַרוואָס איז עס אַן אומרעכט? פאַרוואָס טאָר מען וועגן דעם נישט ריידן? פאַרוואָס, פאַרוואָס? גאָט אײַנציקער, לאָמיר זיי ברענגען פאַקטן, אַלע פאַקטן, וואָס מיר האָבן, און זאָלן זיי באַשליסן! צי דען זענען מיר אַזוי טיף זיכער, אַז מיר זענען תּמיד גערעכט?

געפערלעך? ס׳איז נ י ש ט געפערלעך. איך האָב דער יוגנט אין הונדערטער פאַלן געזאָגט דעם אמת, לויט די דער-פאַרונגען און דעם וויסן, וואָס איך האָב דערוואָרבן מיט מײַ-נע רײַפע יאָרן, און געהאַט צו איר דעם פולן צוטרוי, אַז זי וועט געפינען דעם ריכטיקן וועג. און זי האָט מיך קיינ-מאָל נישט אַנטוישט.

דער דערפאָלג און דער נאַטירלעכער כּוח פון אמת זע-נען ביי אונזער געריכטס-הויף געווען אַזוי באַשיימפערלעך, אַז די יוגנט וועט זיך לויט מײַן טיפסטער איבערצייגונג מיט דער צייט אַרויסראַטעווען פון שגעון פון אונזער סאָציאַלען סיסטעם און איבערלאָזן נאָר דאָס, וואָס ס׳איז געזונט און האָט אַ דויערנדיקן ווערט. דורך אַ געוואַלטזאַמען דרוק קאָנען מיר דעמדאָזיקן אַנטוויקלונגס-גאַנג העכסטנס צום אומגעהייערן שאָדן פון אַ גרויסער צאָל יחידים אָפּהאַלטן, בשום אופן אָבער נישט שטערן.

ענדלעך זאָג איך דאָ נאָכאַמאָל: אויב ס׳איז מצד אונ-זער יוגנט אַ זינד צו קאָנטראָלירן און איבערצווזופּן די סאַמע בכבודיקע און אַמהעכסטן פאַרערטע טראַדיציעס, טאָ לאָמיר דאָס אָנרופן אַ זינד. אָבער מ׳דאַרף איצט און דאָ אויפן אָרט

צוגעבן, אַז ס'איז בעסער, אַז אונזער יונגער עולם זאָל זיך ווינדיקנדיק דורכבּרעכן אַ וועג צום הימל, איידער מיר נישט, דיר נישט אַריינפאַלן אין גיהנום אַריין. בעסער שמערץ און קאַמף, איידער די מענטשהייט זאָל בּלייבן ווארעם און פרידלעך און פאַלש זיין קעגן זיך גופא, אומערלעך אין אירע שטרעבונגען און באַוווּסטזיניק בּלינד לגבי דער אוממעגלעכקייט צו האַלטן הייליק אַלע מנהגים און אידעען פון אונזערע אבות.

ס'זענען נאָך פאַקטיש פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן אַז פרויען-שטימרעכט איז קעגן גאָטס ווילן. ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן צו העלפן די פרויען אין זייערע שווערע שעהן דורך אַ נאַרקאָז, ווייל גאָט האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן „אין שמערצן געבוירן קינדער". מיר האָבן אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער בעסטער כוונה געוואָלט פאַרווערן די אַנטוויקלונגס-לערע דורכן געזעץ. מענטשן פון דאָזיקן שניט האָבן מיט יאָרן צוריק דורכגעפירט דאָס געזעץ קעגן דער אויפקלערונג וועגן געבורטן-קאָנטראָל. מיר וואַרפן נאָך אַלץ אָן אומזיכטבאַרן שאַנדפלעק אויפן אומגעזעצלעכן קינד, כאָטש מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט דערקלערן, מיט וואָס איז עס ערגער פון געזעצלעכן. מיר מאַכן נאָך עד היום פון אומ-פאַרהייראַטע מוטערס „פאַרשטויסענע", כאָטש ס'איז אוממעגלעך איינצוזען, אויף וויפיל די מוטערשאַפט אַלס אַזעלכע איז ביי אומפאַרהייראַטע פרויען עפעס אַנדערש ווי ביי פאַרהייראַטע, באַזונדערס בנוגע די רעכט פון קינד. אָן אַ מענגע רעשטלעך פון פאַרגאַנגענע צייטן האַלטן מיר זיך נאָך עקשנותדיק פעסט, כאָטש זיי פּאַסן זיך אָפטמאָל בלויז פאַר דער אינטעליגענץ פון אַ האָטענטאָט.

קיין שום געזעלשאַפט קאָן נישט עקזיסטירן ווייטער מיט אַזעלכע שקרים און האָבן גלייכצייטיק מאַשינען און נאַטור-וויסנשאַפט. אויב זי טוט עס, וועלן וויסנשאַפט און מאַשינען זי צערייבן, ווייל מאַשינען און נאַטור-וויסנשאַפט אָן מאָראַלי-שע געזונטקייט זענען אַ קללה. דאָס האָט דער וועלט-קריג

דייטלעך באווזין. מיר לעבן אין א גן־עדן פון טפשים, אויב מיר זעען דאָס נישט איין. אָבער אפשר וועט די יוגנט ראַטעווען די וועלט, אויב זי וועט זיך האַלטן פעסט ביי איר שטרעבונג צו דערגרייכן דעם אמת.

לפחות פרווט זי אויפריכטיק צו דענקען, אָנגעשטעקט פון דער נאַטורוויסנשאַפט. ווייל די וויסנשאַפט איז עפּעס אומפערזענלעכס און האָט נישט קיין אָפּשיי פאַר טראַדיציעס. און די נאַטורוויסנשאַפט באַפרייט די וועלט. די היינטיקע יוגנט וואַקסט אונטער אירע פליגלען.

דאָס יינגל, וואָס קאָן אַליין רעפּאַרירן זיין אויטאָמאָביל און מיט טעכנישער פאַרשטענדעניש אינסטאַלירן זיין ראַדיאָ, האָט געלערנט צו באַגרייפן און צו אַכטן וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, פון וואָס זיין פאָטער אין זיינע יאָרן איז געווען מיילנווייט. פונקט אַזוי איז דער „פלאַפּער״, די ווייבלעכע יוגנט, וואָס פאַרדינט אַליין אויפן לעבן, שטימט צוזאַמען מיט די מענער, קאָנקורירט מיט זיי אויף אַלע געביטן, זאָגט זיך אָפּ פון אַ קאָרסעט מיט אייזנס, און לאַכט זיך אויס פון די שניידער, וואָס שאַפן די מאָדעס. אָט דידאָזיקע נייע ווייבלעכע באַשעפעניש איז פונקט אַזוי אימשטאַנד דורכצופירן גאַנץ אַנדערע זאַכן, ווי איר מוטער אין איר עלטער.

און די דאָזיקע יוגנט וועט אויסוואַקסן און דערציען אירע קינדער לויט אירע אייגענע אָנשויאונגען, נישט לויט אונזערע!

לאָמיר אויסרעכענען די איינפלוסן פון מאָדערנעם לעבן, וואָס זענען שוין בכלל דאָ דערמאָנט געוואָרן, מער איינציקווייז, כדי זיך דאָס גאַנצע קלאָרער צו מאַכן. עטלעכע זענען גוט, אַנדערע נישט גוט; אָבער מיט אַלע מוז מען זיך רעכענען.

דאָ קומט, נאַטירלעך, קודם־כל דער אויטאָמאָביל — אין גיכן וועט עס זיין די לופט־שיף, ווו דער יונגער עולם וועט אין דער לופטן טרייבן זיין פלירט. — דער טעלעפאָן, דער קינאָ, דאַן דער ראַדיאָ, דער דשאַז־טאַנץ, די דשאַז־מוזיק, די

דשאַז-טרינקעריי, דער דשאַז-זשורנאַליזם, דער מבול „חטאים", די דויערהאַפטע האָרכוואַליע, די אויף אייביק פאַרשווונדענע באַגלייט-דאַמע, דאָס אָפּשאַפן פון גאָרסעט, די ווייבלעכע אינוואַזיע אויפן פריזיר-אַנשטאַלט, העכערע געהאַלטן, עלעקטרישע מכשירים אין דער ווירטשאַפט, אַזוי אַז די פרויען דאַרפן נישט זיין בלויז שייער-ווייבער אין זייערע היימען, באַדצימער דאַמף-הייצונג, כדי די הייזער זאָלן קאָנען באַנוצט ווערן אין פאַרלויף פון גאַנצן יאָר, א. אַ. וו די ווירקונג פון די דאָזיקע אַלע זאַכן איז אויף דער העכסטער שטופע אינטערעסאַנט. אַ סך זענען דירעקטע וועג-ווייזער פאַר פרייהייט, ווילשטאַנד, אומאָפּהענגיקייט, באַקוועמלעכקייט.

די יוגנט פון היינט מיט אירע סאַמע מאָדערנסטע אָנשויאונגען איז דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער גרויסער סימפאָניע פון איינפלוסן. וואָס ס׳מאַכט אָפּט אַזוי שעדלעך, אַזוי צושטערנדיק די דאָזיקע רעכטסטעטיקייט פון מאָדערנעם לעבן, איז אונזער עקשנותדיקע פאָדערונג, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן פאַראייניקן מיט מאַסשטאַבן און ריכטליניען, מיט וועלכע זיי קאָנען מער נישט האָבן קיין שום שייכות.

נעמט, למשל, דעם אויטאָמאָביל און די אויספלוגן אָן אַן עלטערער באַגלייטערין. איר דאַרפט אויסוויילן. אָדער איר מוזט ווייטער אַרבעטן מיט דער באַגלייט-דאַמע, וואָס ס׳איז אוממעגלעך, אָדער אוממאָדעלירן דעם יונגן עולם פאַר דער נייער מידה, זייענדיק גרייט דערצו, אַז ער האָט נישט בלויז אַ פרייוויליק אַנערקענטן, פאַראַנטוואָרטלעכן, גוט איינגעשטודירטן זיטן-געזעץ, נאָר איז אויך געניי באַהאַוונט אין סעקסועלע ענינים.

אויך דער קינאָ איז זיכער ווייטגייענדיק מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר די גרויסע איבערקערענישן פון מאָדערנעם לעבן. ער האָט פאַר קינדער, וואָס האָבן עס נאָך קיינמאָל נישט געזען, אין דראַמאַטישער אויספירונג געוויזן די מייסטע סעקסועלע באַציאונגען. אָבער צי קאָנען מיר צוליב דעם סקאַסירן דעם קינאָ-טעאַטער? צי קאָנען מיר פאַרווערן אַמייסטן

פאַרצוּשטעלן די ליבע, וואָס איז און בלייבט די אַלגעמיינסטע און דראַמאַטישסטע זאַך אין מענטשלעכן לעבן?

ווען אונזער האַרץ זאָל זיין אויפן ריכטיקן אָרט און מיר זאָלן האָבן געווּג מענטשן־פאַרשטאַנד, וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויפשווימען די פראַגע, צי מען מעג טאַנצן, גיין אין קינאָ, מאַכן זאַלבעצווייט אויטאָ־אויספלוגן, רויכערן, אויב עמיצער האָט דערפון הנאה, און געניסן אָן שום מוראָ די פולסטע פריידן פון לעבן, כּדי מעגלעך צו מאַכן אַזאַ גליק, אַזאַ פרייהייט, איז גאָרנישט נויטיק קיין אונטערדריקונג פון אַזעלכע זאַכן, נאָר אַ ריין האַרץ, וואָס ווערט ריכטיק אָנגעפירט דורך אַ גוט פונקציאָנירנדיקן פאַרשטאַנד.

צי דען האָט יעזוס נישט געזאָגט: „ס'איז נישט מחוץ דעם מענטשן דאָס, וואָס ס'וואָלט אים געקאָנט מאַכן געמיין, ווייל ס'געפינט זיך אין אים; נאָר דאָס, וואָס ס'גייט פון אים אַרויס, דאָס איז עס, וואָס ס'מאַכט דעם מענטשן געמיין. ווייל פון אינעווייניק, פון מענטשנס האַרץ גייען אַרויס שלעכטע געדאַנקען, פאַראַט, זנות, מאָרד, גנבה, קאַרגשאַפט, פאַלשקייט, צביעות, מעשים־תּעתּועים, גאָטס־לעסטערונג, חוצפּה, נאַרישקייט; אַלע די דאָזיקע שטיק גייען אַרויס פון אינעווייניק און מאַכן דעם מענטשן געמיין".

מיר אָבער מיינען, אַז מיר ווייסן עס בעסער. מיר האַלטן, אַז דאָס זענען אויסערלעכע זאַכן, וואָס מאַכן „דעם מענטשן געמיין". איך וואָלט וועלן וויסן וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט אויף די מלאכים אין הימל. צי לאַכן זיי זיך דערפון אויס, אָדער זיי וויינען? ס'איז זיכער אַ שטאַרקער נסיון אויף זייער זין פאַר הומאָר.

פופצנטער קאַפּיטל

די מאַסע פאַרבאָטן און צענזור איבער די קלענסטע פּרטים פון אונזער זיטלעכער האַלטונג שאַדן בעיקר דערמיט, וואָס זיי באַפרייען אונז פון יעדערווירקלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פּונקט אַזוי ווי ביים איינצלנעם, ווערט אויך ביי דער קירך, שולע, פאַמיליע אָפּגענומען יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דורכן אַלץ ארומכאַפּנדיקן „דו טאָרסט נישט!" בעת וועלכער נישט איז לעבנס-טעטיקייט, וואָס ווערט פאַלש אָנגעווענדט אָדער שלעכט-אויסגענוצט. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע מענטשהייט זאָל זיין פאַרמשפּט צו גיין אויף קוליעס.

ס'איז נישטאָ קיין שום מיטל קעגן די גייסטיקע קראַנקהייטן, וואָס פאַרפּעסטן אונזער געזעלשאַפט און לאָזן אונז נישט דערגרייכן קיין נאָרמאַלן פּיזישן און פּסיכישן לעבנסשטייגער. זייער פיל האָבן געפּרווט געפינען מיטלען פאַר אַ גרינדלעכער סאַנירונג, האָבן אָבער נישט געהאַט קיין גליק עפּעס אויפצוטאָן, אין איך גופא האָב נישט בדעה אויף זיי מסכים צו זיין און רעקאָמענדירן עפּעס אַ מין אַלגעמיינע רפואה.

און דאָך פאָדערט אונזער אַלגעמיינע לאַגע געוויסע מיטלען פאַר אַ פאַרבעסערונג, און מיט דער צייט מוז אומבאַדינגט בעסער ווערן. דאָס אומגליק פון דער דאָזיקער וועלט איז עפּעס אַ מין זייער מאַסיווער קערפּער. אפשר וואָלטן מיר דאָך געוווען בכח אים צו באַוועגן, ווען מיר זאָלן קאָנען שאַפן

צו דעם צוועק עטלעכע געניאַלע העבלען. עס זענען חידקלעך פאַראַן עטלעכע פאַרהעלטעניסמעסיק פשוטע גרונט־יסודות, וואָס אַלגעמיין אָנערקענט, וואָלטן זיי, מיט דער הילף פון אַ קלוגער געזעצגעבונג, או טאָמאַטיש אויפגעקלערט אונזערע מענטשלעכע אָנגעלעגנהייטן. איך גלויב, אַז די געזעצגעבונג וואָלט נעקאָנט מאַכן אויספירבאַר געוויסע דערציאונגס־יסודות, און אַז אַ ריכטיקע דערציאונג קאָן אַלץ מעגלעך מאַכן, ווייל זי איז די לופט־קלאַפּע, וואָס רעגולירט די מאַשין פון אונזער גייסט.

עטלעכע פון די דאָזיקע פּרינציפּן זענען שוין אין אונז לעבעדיק און רייסן זיך אַרויס מיט געוואַלט ביי אונזער אומרואיקער יינגערער גענעראַציע. אַנדערע נויטיקן זיך בלויז אין דער מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אין פרייערלעכער לופט. אָבער די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זענען אין דער דאָזיקער הינזיכט איינע פון די אַמווייניקסטן פרייע לענדער אויף דער וועלט. ס׳זעט פשוט אויס לעכערלעך, אַז אין אַ לאַנד, ווו ס׳ווערט תמיד און אומעטום פסדר גערעדט וועגן פרייהייט, זאָל דעם יחיד אויפגעצוווּנגען ווערן אַזאַ מין לגמרי צעמאַלנדיקע נאָרמע פאַר געדאַנקען, האַנדלונגען און רעדפאָרמען. נישט בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן אַן אומגעהייערע מענגע טראַדיציעס און מנהגים, נאָר זיי באַהערשן ממש טיראַניש יעדן פרט פון אונזער לעבנסשטייגער. אָך און וויי איז יענעם, וואָס שטעלט זיך זיי אַנטקעגן!

וואָס ס׳פעלט אונז קודם־כל, איז פרייהייט. אָבער נאָר דער אמת קאָן אונז ברענגען די דאָזיקע פרייהייט, און אויף דעם אופן שטייען מיר ווידער פאַר דער אַלטער, אַלטער דערציאונגס־פראַגע און דרייען זיך אין אַ פאַרכשופטן קרייז. ווייל — דאָס ווייסן מיר דאָך — ס׳רוב פון אונזערע שולן און הויכשולן האָבן אַ זאָרגפעלטיק פריער צוגעשניטענעם דערציאונגס־סיסטעם, אין ממשותדיקע זאַכן נ י ש ט צו דערציען, כדי חס וחלילה נישט אָנצורירן עפּעס פאַרווערטס. וואָס פאַר אַ געפערלעכע זאַכן וואָלטן,

למשל, די יינגעלייט געקאָנט אָפּטאָן מיטן אמת, ווען מ'זאָל אים זיי ווירקלעך געגעבן אויפקלערן.

דער איבעריקער עולם ווערט אויסער דעם דורך אַ געוויער צענזור כּלומרשט געוואָרנט פאַר אַלע עווענטועל געפערלעכע, אַנשטענדיקע אמתן, וואָס קאָנען פאַרשפרייט ווערן דורך דער פּרעסע. די דאָזיקע צענזור הויבט זיך אָן פון די געשיכטע-ביכער אין שולע, וואָס שילדערן דעם אמת פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, ביז דער פאַרפאָלגונג פון ביכער, וואָס באַרירן געשלעכטלעכע פראַגן.

און דאָך וואַקסט אויס פאַר אַלע קלוגע מענטשן די שווערקייט, אַז אויך זיי געפינען פאַר נויטיק אַ געוויסע באַגרענעצונג, ווי למשל, אַ צענזור פאַר דער בינע, בעיקר פאַר דער ליטעראַטור, אויב זי פּראָפּאַגירט עפנטלעך פּאָרנאָגראַפיע, וואָס איז נישט נאָר נישט דערציעריש, נאָר קלערט גאָרנישט אויף.

ווו דאַרף בבן זיין די גרענעצן? אין איצטיקן מאָמענט ביי אונזערע געזעצן קעגן שמוץ און צולאָזנקייט. זיי האָבן זיך דוקא דורך דער ריכטיקער אינטערפּרעטאַציע פון אונזערע געשווירענע געריכטן אַרויסגעוויזן פאַר גאַנץ גוט, זענען אָבער לחלוטין עפּעס אַנדערש ווי די מלוכה-צענזור, וואָס איר טיראַנישע און ווירקלעכע מאַכט רויבט אַוועק ביים פאָלק זיינע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט; איר געוואַלט-הערשאַפט איז דעריבער אַ פיל גרעסער אומגליק, ווי דאָס, פון וועלכן זי וויל פאַרהיטן.

אמת, ס'זענען פאַראַן ביכער, ספּעציעל געשריבן צוליב קאָרופּטיווע צוועקן. אָבער פאַרוואָס זאָל טאַקע אַזאַ שונד-ליטעראַטור זיין אימשטאַנד וועמען ס'איז צו קאָרופּטירן?

אַ ריכטיקע דערציאונג פון דער יוגנט אויפן גאַנצן געשלעכטלעכן געביט, וואָלט אָפּגערייניקט די וועלט פון דעמדאָזיקן שמוץ. קיין שום צענזור וואָלט מען מער נישט געדאַרפט; וויל אַן אויפגעקלערטע עפנטלעכע מיינונג וואָלט דורך איר קולטיווירטן געשמאַק און ריכטיקער ווערט-אָפּשאַצונג

געוואָרן איר אייגענע צענזור. אָנשטאָט דעם באַמיען מיר זיך צו קורירן די קרענק פון אומוויסנהייט און באַהעלטעניש דורך אַן אַנדערער מחלה. דאָס גייט אָבער נישט.

ס'זענען פאַראַן ביכער וועגן זאַכן, וואָס לויט די אַלטע טראַדיציעס טאָר מען וועגן זיי נישט רעדן. דידאַקטישע ווערק האָבן אָבער אָן שום ספק זייער געוויסן ווערט פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיי זענען נישט באַשטימט פאַר קיין אומרייפע גייסטער, זיי דאַרפן דערוויי׳טערט ווערן פון דער יוגנט דורך אַנדערע מיטלען, און נישט דורך דער צענזור. די פאַרניכטונג אָדער אונטערדריקונג פון אַזעלכע אמת-קוואַלן זענען אַ צו הויכער פּרייז, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויף דער געזעלשאַפט. קיין איינציקער פון די אַלטע קלאַסיקער וואָלט זיכער נישט געקאָנט איבערלעבן די פאַרשריפטן פון אונזער הייניקער צענזור.

מיר זענען נאָך כסדר די פאַרטיידיקער פון אונזערע קרימינאַל-געריכטן, פון אונזער תפיסה-וועזן א. אַ. וו., מענטשן, וואָס פאַרטיידיקן דעם בוים נאָך דאַן, ווען זיי געפינען שוין אַפילו, אַז זיינע פרוכטן זענען באַשיימפּערלעך און אָן שום צווייפל שלעכט און שעדלעך. אָט האָבן מיר, למשל, שונאים קעגן דעם געבורטן-קאָנטראָל, וואָס זעען אין דער אויפקלערונג און דעם באַנוצן פון פאַרהיטונגס-מיטלען אויסשליסלעך שלעכטע פאָלגן. די שונאים פון עווענטועלע שנוים אין די חתונה-געזעצן געהערן אויך צום דאָזיקן עולם. און דערביי קאָנען זיי דאָך נישט אָפּלייקענען די פאַקטן, אַז מיר האָבן איצט כמעט אַזוי פיל גטן און סעפּאַראַציעס וויפל חתונות. דער גאַנצער מישמאַש, דער אומגליקלעכער תהו ובהו פון אונזער חתונה-אינסטיטוציע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס העכער 50,000 מיידלעך לעבן אין ניו-יאָרק צוזאַמען מיט מאַנסבילן, וואָס זענען נישט זייערע געזעצלעכע מענער, מיידלעך, וואָס וואָלטן געוואָרן מוטערס, ווען זיי זאָלן האָבן דעם מוט זיך אויסצולאַכן פון דער פאַראורטיילונג פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער חתונה-מישמאַש, צוזאַמען מיט דער

בכּיוון פּעסטגעהאַלטענער אומזיסנהייט וועגן געבורטן-קאָנטראָל, וואָס זענען פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר בערך אַנדערהאַלבן מי-ליאָנען אָפּטרייבונגען יערלעך אין אונזער לאַנד.

מוטערשאַפֿט איז אַזאַ מין בכּבֿודיקער ענין, וואָס קיין זאַך אויף דער וועלט — קיין מנהג און טראַדיציע — קאָן עס נישט מאַכן פֿאַר אומבכּבֿודיק. און אַרויסגייענדיק פֿון שטאַנדפּונקט בנוגע דעם קינד, בנוגע דעם רעכט פֿון אומגע-באָרענעם, דאַרף די געזעלשאַפֿט אַרויסווייזן דער אומפֿאַרהיי-ראַטער מוטער פּונקט דיזעלבע אַכטונג און דעמזעלבן אָנזען ווי דער פֿאַרהייראַטער.

די באַהויפּטונג, אַז אַלע אונזערע סעקסועלע נויטן שטאַמען פֿון דער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון אונזער מענטשן-נאַטור איז טעאָלאָגישער אָבערגלויבן. זיי קומען פֿון אומפֿאַר-מיידלעכן פּראָטעסט קעגן אַ געוירשנטן כּלל, וואָס שטימט נישט מיט די פּשוטע, נאַטירלעכע לעבנס-באַדערפֿענישן. איך בין דעריבער לגמרי נישט באַאומרואיקט וועגן דעם, וואָס עס געשעט איצט פֿאַר מיינע אויגן מיט דער חתונה-אינסטיטוציע. וואָס פֿריער דאָס וועט פֿאָרקומען, אַלץ בעסער איז עס. פֿאַר-שטייט זיך, ווי אַזוי דאָס וועט זיך בכּלל אויספֿאָרמירן, קאָן מען נישט פֿאָראויסזאָגן. אָבער די ווירטשאַפֿטלעכע אומאָפּהענגיקייט פֿון דער פֿרוי, דער געבורטן-קאָנטראָל, דיביידע פֿאַקטאָרן, וואָס האַלטן זיך כּסדר אין אַנטוויקלען, וועלן זיך פּונקט אַזוי דורכזעצן ווי אַ גלאַטער גט מיט דער איינוויליקונג פֿון ביידע צדדים, וואָס ווערט שוין איצט גאַנץ אָפֿט געמאַכט אונטער אַ דעקמאַנטל, ווייל אָפֿיציעל איז עס נאָך נישט גילטיק.

אויך אַנדערע אומוואַנדלונגען קומען, כאָטש זיי שוימען נאָך לעת-עתּה העפּטיק קעגן שטראָם פֿון געזעלשאַפֿטלעכע סאַנקציעס. ווי למשל׳ דאָס רעכט פֿון אומפֿאַרהייראַטע פֿרויען צו האָבן און דערציען קינדער, אויב זיי ווילן עס; ווי דאָס רעכט פֿון אַ פּראָבע-חתונה, וואָס אַ גרויסער עולם איז קעגן דעם, ווייל זיי האַלטן, אַז דאָס עפֿנט טיר און טויער פֿאַר דער שרעקלעכסטער אויסגעלאַסנקייט. וועגן די דאָזיקע צווי

ענדערונגען איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי זיי וועלן זיך אַרויס-
ווייזן, שלעכט, צי גוט. לכל הדעות איז אָבער די סעקסואַל-
עטיק אין די פאַרשידענע וועלט-טיילן אַזוי פאַרשידנאַרטיק
און האָט צו טאָן מיט די באַדערפעניש פון אַזוי פיל פלער-
לייאיקע ציוויליזאַציעס, אַז ס'איז אויף דער העכסטער שטופע
נאַריש צו באַטראַכטן אונזערע היינטיקע געשלעכטלעכע זיטן
און אָנשויאונגען אַלס עפעס פאַר אונזער פאָלק אויף אייביק
גילטיקס.
באמת לעבן שוין צווישן אונז די אַלע דערמאָנטע ענ-
דערונגען אַ לענגערע צייט, און ס'וואָלט ממש געווען אַן
אומדערהערטע עולה צו באַשולדיקן אין „אומזיטלעכקייט" דווקא
די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן. די
דאָזיקע מענטשן לעבן אפשר אומקאָנווענציאָנעל, זעען אָבער
אין דער ליבע עפעס לגמרי הייליקס און ריכטן זיך לויט דעם
אין זייערע געמיינזאַמע באַציאונגען, זיי לעבן אָפט, ווי מיר
שיינט, אַ סך זיטלעכער ווי פאַרהייראַטע פּאָרלעך, וואָס האָבן
זיך נישט ליב.
איך האָב שוין געזאָגט, אַז מ'קאָן האָבן פאַרשידענע
מיינונגען וועגן דעם רעכט און דעם שכל פון זייערע אָפּוויי-
כונגען פון טראַדיציאָנעלן. אָבער איך האַלט שטאַרק, אַז מ'טאָר
זיי נישט פון העלער הויט אַריינלייגן אין חרם; ווייל איך
ווייס, אַז דאָס זענען מוטיקע און אויפריכטיקע מענטשן. זיי
פאַרטרויען מיר זייערע געשיכטן. דאָס הייסט פיל פון זיי.
אַנדערע האַלטן אַלץ זייער בסוד, ווייסן אַפילו נישט וועגן
יענע, וואָס לעבן אַזוי ווי זיי. ס'מאַכט דעם איינדרוק פון אַ
געהיימען בונד, וואָס זיינע מיטגלידער קענען נישט איינער
דעם צווייטן, ער האָט נישט קיין פּראָל און קאָן נישט אָנ-
געטאַפּט ווערן, ווייל ער איז נישט אָרגאַניזירט. קוים וועט ער
אָבער איין פאַר אַלע מאָל באַקומען אַ פּרצוף און זיך אין אַ
באַוווסטער עפנטלעכער מיינונג קריסטאַליזירן, דאַן קאָן מען
נאָך אונזערע איצטיקע חתונה-פאָרמען אָפּזאָגן אַ רבנן-קדיש.
די געפאַרן, וואָס דאָס וואָלט געבראַכט, ליגן אויפן

האַנט. איך קלער גאָרנישט זיי צו פאַרקלענערן. דער געשלעכטס-אינסטינקט איז דער שטאַרקסטער, וועלכן מיר קענען. פאַלש אָנגעווענדט קאָן ער ברענגען דער געזעלשאַפט מער שאָדן ווי אַלע אַנדערע. מ׳קאָן דעריבער פאַרשטיין, ווי דער עולם איז צעטראָגן. זיי מיינען, נעמלעך, אַז יעדע ענדערונג פון די חתונה-געזעצן וועט דערפירן צו דער באַוווסטער „פרייער ליבע״ און אונטער „פרייע ליבע״ פאַרשטייען זיי אויסגעלאַסענע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע און אומבאַגרעניצטע פּראָמיסקויאיטעט, *) ס׳הייסט אַ ווילדער מישמאַש און צוזאַמענלעבן פון די געשלעכטער. די דאָזיקע מורא באַזירט אויפן גלויבן, אַז די מענטשהייט פאַרמאָגט צו ווייניק אינטעליגענץ און גלייכגעוויכט, כדי נישט צו פאַרוואַנדלען יעדע פרייהייט אין קאָרופּציע, אין אויסגעלאַסנקייט. מיין ענטפער דערויף איז דאָס דאָזיקע בוך וואָס באַמיט זיך צו באַווייזן דעם היפּך דערפון, וואָס דאַרף איבערצייגן, אַז ביי נאָרמאַלער פרייהייט נעמט די מענטשהייט קודם-כל דאָס גוטע און נאָר ביי אויסערלעכע צוואַנגסמיטלען שטערונגען איז זי נוטה צום אומבאַטירלעכן, און דאָס געשעט אין סעקסועלער הינזיכט פונקט ווי אין יעדער אַנדערער. לכל השתות וועגן פרויען איז עס פעסטגעשטעלט; צי ביי מענער אויך; מכח דעם וועל איך נאָך שפּעטער רעדן.

בינו לבין עצמו וועל איך פעסטשטעלן, אַז פרייע ליבע און חתונה, ווי זיי זעען איצט אויס, האָבן איין געמיינזאַמען שטריך: ביידע פירן צו אחריותלאָזיקייט. יעדער באַגרייפט תיכף פון וואַנען דאָס נעמט זיך ביי דער פרייער ליבע. ווי אַזוי זי דרינגט אָבער אַריין אין הייראַטס-לעבן, דאָס דערקענט בלויז אַ שאַרף אויג. ביי דער הייראַט מאַכט עס די אַנטגילטיקייט, מיט וועלכער זי איז באַוואָפנט. פאַרהייראַטע מענער טיראַניזירן זייער ווייבער און ווייבער זייערע מענער אויסשליסלעך צוליבן איינציקן מאָטיוו, וואָס דאָס געזעץ האָט זיי געגעבן אַזאַ מאַכט פון איינעם איבער אַנדערן, פון וועלכער

*) . באַנאַנטשיקע ווייבער,

ז׳איז שווער זיך אַרויסצודרייסן. אַנדערע קירכן און מלוכות מאַכן די זאַך נאָך ערגער, דערמיט וואָס זיי לאָזן בכלל נישט צו קיין גטן. נאַטירלעך, איז עס איינע פון די הויפּט־מאָטיוון פאַר פרייער ליבע.

פון מיין פּראַקטיק פאָלגנדיקע ביישפּילן:

דער ערשטער פאַל געשעט מיט אַ מוטער פון צוויי קינדער. זי איז רוימיש־קאַטוילישע, דערציילט מיר, אַז שוין גאַנצע דריי יאָר האָט זי נישט מיט איר מאַן קיין געשלעכט־לעכן פאַרקער, אַז זי פאַראַכט און פאַרהאַסט אים.

— אָבער, דערקלערט זי מיר, אונזער קירך דערלויבט נישט קיין גט. איך וויל בלויז, ער זאָל מיר געבן 150 דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר מיר מיט די קינדער.

— דאָס קאָנט איר אויך פאָדערן אפילו נאָכן גט, האָב איך איר געזאָגט. אָבער אויף דעם פּונקט איז זי צוליב רע־ליגיעזע טעמים שטאַרק פאַרעקשנט.

איר מאַן, אַזוי בין איך שפּעטער דערגאַנגען, לעבט, כאָטש ער איז אַ קאַטאָליק, מיט אַ יונגער פרוי, וועלכע ער ליבט און וואָלט מיט איר חתונה געהאַט, ווען ער זאָל זיך קאָנען גטן. די דאָזיקע יינגע פרוי איז מעוברת און איז מקריב איר מוטער־האָפענונג דעם אָפּטרייבער אויס מורא פאַר די קאָנסעקווענצן פון אן אומגעזעצלעכער מוטערשאַפט.

און אָט האָבן מיר דאָ ווידער דעם מאָרד פון אומגעבאָרענעם מענטשן און דערצו די פאַרקריפּלונג פון פּרויענטום. און אַלץ צוליב די צו שטרענגע קירכן־געזעצן, וואָס טאָלע־רירן נישט קיין נאַטירלעכע לייזונג.

אַ צווייטער פאַל דעמזעלבן טאָג: ווידער אַ קאַטוילישע פרוי.

— איך האָב מיין מאַן שוין לאַנג נישט ליב, האָט זי געזאָגט, ביי אונז איז דאָך אָבער קיין גט נישט מעגלעך, און איך מוז מיט אים ווייטער לעבן, כדי ער זאָל זאָרגן פאַר אונזערע קינדער. אויך איר האָב איך גאַנץ גענוי אויפגעקלערט, אַז איר מאַן וואָלט פּונקט אַזוי געמוזט זאָרגן פאַר איר און די קינדער, ווען זי זאָל זיך מיט אים אפילו גטן. זי זאָגט

אָבער, אַז זי האַלט עס פאַר אַ פליכט צו לעבן צוזאַמען מיטן דאָזיקן אומגעליבטן מאַן. מ׳האָט איר, ווי עס שיינט, איינגערעדט, אַז צוליב די קינדער מוז זי ברענגען דעם דאָזיקן קרבן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם פאָטער, וואָס פאַרדינט אַ סך געלט און קאָן פאַר זיי פיל אויפטאָן.

— אָבער ער פאָדערט זיינע רעכט אַלס מאַן, האָט זי ווייטער גערעדט, און אונזער קירך פאַרווערט צו באַנוצן זיך מיט פאַרהיטונגס-מיטלען.

דערצו האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זי האָט שוין דריי מאָל אָפּגעטריבן, און איר געזונט איז דורכדעם אַזוי רויִנירט געוואָרן, אַז זי קאָן זיך שוין אַפילו נישט אָפּגעבן מיט אירע דריי שיינע לעבעדיקע קינדער. און דאָס אַלץ לשם אַ בלינדן אונטערוואַרפן זיך אונטער אַ קירך-געזעץ, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אַ געזעץ פון גאָט!

צי קאָן „פרייע ליבע" אַרויסרופן נאָך אַ מין ערגערן, אומזיטלעכערן, אומגליקלעכערן צושטאַנד ווי דער?

די חתונה, ווי מיר האָבן זי ביי היינטיקן טאָג, איז אַבסאָלוט. אַלס אינסטיטוציע נעמט זי אויף זיך אַזאַ שווערע לאַסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס לויט די אַקטן פון אונזערע גט-געריכטן, איז זי בשום אופן נישט אימשטאַנד זי צו שלעפּן. אַפילו אויסגעפּרוווטע חתונות זענען מער אָדער ווייניקער אַ דעספּאָטיזם טאַקע צוליב זייער שטרענגער אַנטגילטיקייט און טראָגן דעריבער לכתחילה אין זיך דעם קערן פון אַ מעגלעכער צעשטערונג.

אויב מיר ווילן באמת מאַכן פון דער חתונה אַ גוט ווירקנדיקע אינסטיטוציע, מוזן מיר קודם כל צוגעבן, אַז מענטשלעכע באַשעפעניש קאָנען אָן פרייהייט נישט לעבן, קאָנען נישט אויסהאַלטן אָן פּרינציפּ פון דער פרייהייט, וועגן וועלכער מיר האַלטן אין איין רעדן און לויט וועלכער מיר לעבן אָבער. אַזוי זעלטן! אויב מיר געטרויען נישט דער מענטשהייט, אַז זי קאָן פאַרטראָגן פרייהייטלעכע פאַרהעלטעניש און לעבן אונטער דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אייגענע

פרייוויליקע באַגרעניצונגען, דאַרפן מיר בעסער אין גאַנצן צומאַכן אונזער געוועלב און זיך אַריבערבעקלען אויף אַ נייעם פּלאַנעט, אויב עס לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן מיט דער פריי-ער זעלבסטבאַגרעניצונג, וואָס איז דער פּראָדוקט פון אַן אויסגעבילדעטער נייגונג צום בעסטן און העכסטן; אויב אונזער קולטור דאַרף קינסטלעך געשטיצט ווערן און יעדע חתונה מוז געגאָסן ווערן אין גיפּס; אויב אומקענטעניש פון געבורטס-קאָנטראָל מוז געזעצלעך געפאָדערט ווערן, כדי צו זיכערן דעם קיום המין, די פּריה ורביה פון דער מענטשהייט, — דאַן דאַרפן מיר בעסער באַגיין מאַסן-זעלבסטמאָרד. ווייל דאָס וואָלט געבליבן דער איינציקער מיטל זיך צו ראַטעווען פון אונזער עלנט.

די חתונה אין איר הייניטיקער פאָרם, איז פאַרן רוב, וואָס טרעטן אין איר אַריין, אַ פּשוטער גיהנום. ווער עס האָט געזען די לאַנגע, לאַנגע פּראָצעסיע פון צעבראָכענע לעבנס, פון אומגליקלעכע מענער און פרויען, פון עלנטע, היימלאָזע, פאַריתומטע קינדער, ווי זיי האָבן זיך געשלעפּט דורך מיין געריכטס-הויף, דער קאָן נישט קומען צו קיין אַנדער באַשלוס.

מיט דער טעאָלאָגישער אָנשויאונג פון זיווגים, וואָס ווערן געשלאָסן אין הימל — ווו מען האָט, אַגב, אַליין נישט אַזאַ מין אינסטיטוציע! — מיט דערדאָזיקער אָנשויאונג, פון וועלכער מיר וועלן ליידער אַזוי גיך נישט פּטור ווערן, פאַלט צוזאַמען די אידייע, אַז ליבע און געזעצלעכע חתונה איז איינס און דאָסזעלבע. געוויס פאַראייניקן זיי זיך דאָ, ווו מאַן און ווייב ליבן איינער דעם צווייטן און ווילן צוזאַמען האָבן קינדער, אָבער נישט געקוקט דערויף, קאָן מען ליבע און חתונה באַטראַכטן גאַנץ באַזונדער. ווייל די געזעצלעכע חתונה איז אַ לעגאַלע און סאָציאַלע פאַראייניקונג, בעיקר צום שוץ פון די קינדער. ווען נישט דאָס, וואָלט זי בכלל געווען אי-בעריק, אָדער העכסטנס אַן אָפּמאַך צווישן מאַן און פרוי צו לעבן צוזאַמען אַזוי לאַנג, כל זמן זיי וועלן עס געפינען פאַר ווינטשנסווערט.

פראָבע־חתונות און ליבע אָן געזעצלעכער חתונה האַלטן כּסדר איין אײן וואַקסן. זיי האָבן עד היום דעם גרויסן פּע־לער, וואָס מען וויל נישט האָבן קיין קינדער, ווייל דאַן וואָלטן זיי זיך דאָך געמוזט אויפלייזן אין דער געזעצלעכער חתונה; ווייל קוים קומט באמת אַ קינד, האָט מען טאַקע סרוב חתונה.

זעכצעטער קאַפּיטל

איך דערמאָן זיך אָן אַ פּרעכטיק מיידל, וואָס האָט געלעבט אין אַ „פּראָבע־חתונה”. דאָס יונגע פּאָר באַטראַכט זייער פאַרבינדונג פאַר פולשטענדיק אין אָרדענונג. דער פּראָבע־מאַן באַזוכט רעגלמעסיק זיין געהיימע פרוי אין איר עלטערן־הויז און איז דאָרט שטאַרק אָנגעזען. די עלטערן האָבן זייער „איידעם” גאַנץ גערן, נישט אַנגענדיק, אַז ער איז דאָס פאַקטיש. די יונגע פּראָבע־פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן האָבן אַ קינד, ווען עס זאָל ביי זייער איצטיקער פאַרהעלטעניש באַטראַכט ווערן אַלס אָנשטענדיק. איך האָב זי געפּרעגט, פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה. זי האָט געענטפערט, אַז אַלע אירע חברטעס, וואָס האָבן חתונה געהאַט, וואָלטן געוואָלט, אָדער האָבן זיך שוין געגט, אַזוי אַז איר אייגענע פאַרבינדונג זאָגט שוין גיכער צו צו זיין עפּעס דויערהאַפטיקס. און ווי עס שיינט, איז עס טאַקע אַזוי, ווייל איינע פון אירע חברטעס האָט שוין צוויי מאָל חתונה געהאַט און זיך געגט, בעת איר פּראָבע־חתונה האַלט זיך אויסגעצייכנט.

ווען מיינע לעזער זאָלן קאָנען דאָס דאָזיקע מיידל און מיט איר פאַרטרויליך זיך דורכרעדן, וואָלטן זיי זיכער אַרויסגעפונען עפּעס גוטס אויף צו פאַרטיידיקן איר שטאַנדפּונקט. לויט איר מיינונג איז אַ הייראַט אָן ליבע פּשוט פּראָסטיטוציע, און ווייזט אָן אויפן אונטערשיד צווישן איר און עטלעכע חברטעס, וואָס האָבן זיך געלאָזן אָנרעדן פון זייערע מוטערס

צו אַ קאָנוועניאַנס-הייראַט. אַזעלכע חתונות אונטערשיידן זיך פֿון געוויינלעכער פּראָסטיטוציע בלויז דערמיט, וואָס די לעצטע טרייבט דאָס געשעפֿט מיט עטלעכע. — ווער עס האָט חתונה אָן ליבע, האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט, קריכט אַריין אין חובות, וואָס ער קאָן זיי קיין מאָל נישט באַצאָלן. און דאָס איז נישט ערלעך. להיפּך זענען מענשטן, וואָס לעבן, נישט חתונה האָבנדיק, פֿון ביאָלאָגישן און גייסטיקן שטאַנדפּונקט פּאָרט זיטלעכער, כאָטש אַפֿילו געזעלשאַפֿטלעך קאָנען זיי באַטראַכט ווערן אַלס אוממאָראַליש.

דערדאָזיקער געדאַנקען-גאַנג פֿון דער מאָדערנער יוגנט באַווייזט דייטלעך, אַז ס'קאָן נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, ווען די געזעלשאַפֿט זאָל נאָר, זיך ריכטנדיק אויף אַ קינד, אומבאַדינגט באַדערן דאָס חתונה-האָבן און דאַן קאָן מען דערוואַרטן, אַז די עלטערן זאָלן ווייניקסטנס ביזן פֿאַרענדיקן די דערציִונג פֿון קינד בלייבן צוזאַמען, כדי דורכצופֿירן די אַרבעט מיט געמיינזאַמע קרעפֿטן. אויב זיי וועלן אויף אַזאַ אופֿן איבערלעבן געמיינזאַם פֿרייד און לייד, איז פֿאַראַן אַן אויסזיכט, אַז זיי זאָלן אויך זייערע לעצטע ביסל יאָרן פֿאַרברענגען צוזאַמען.

ס'איז קלאָר, אַז ביי אַזעלכע ענדערונגען אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער חתונה וואָלט מען געמוזט אינסטרוירן די יוגנט, אַז זיי דאַרפֿן ווירקלעך טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿון דער עלטערנשאַפֿט אַפֿילו מיט גרויסע פּערזענלעכע קרבנות, אַ געדאַנק, וואָס קומט גאָר בכלל נישט אַרויף אויפֿן זינען אַפֿילו אַ סך געזעצמעסיק פֿאַרהייראַטע פּאָרלעך. נאָך דעם ווי די דאָזיקע פֿליכטן וועלן אָבער אָנערקענט און דערפֿילט ווערן און די קינדער וועלן אויפֿוואַקסן, וועט אפשר די צוקונפֿטס-געזעלשאַפֿט קאָנען לאָזן די עלטערן, אויב זיי זאָלן עס וועלן, אַריינטרעטן צוריק אין אַ לויזער פֿאַרבינדונג, לויט דער פֿאָרם פֿון דער פֿריערדיקער „פּראָבע"-חתונה.

צי וועט זיך דערדאָזיקער פֿרייער סיסטעם איינגעבן?

צי טויג דען דער איצטיקע פאַרגליווערטער? מכח דעם לוינט אַ טראַכט צו טאָן.

צו דער דאָזיקער נייער אָרדענונג פּאַסט זיך אויסגעצייכנט, אַלס זיכערהייטס-פאַקטאָר, דער געבורטן-קאָנטראָל. קוים האָט נאָר די וויסנשאַפט געפונען גענוגנדיקע, לייכטע און זיכערע פאַרהיטונגס-מיטלען, באַטייט אַ געבורטן-קאָנטראָל בלויז דאָס, אַז ס'איז אין צרגעץ נישטאָ מער קיין אומגעוווּנשענע קינדער. דאָס הייסט ווידעראַמאָל: ווייניקער פלוצלינגע, אומגעלומפּערטע חתונות. דער ליבע-אינסטינקס וואָלט געפונען אַ פרייע, נאָרמאַלע באַפרידיקונג אין אַן אַרט הייראַט, וואָס קאָן לייכט אויפגעלייזט ווערן; און מענטשן, וואָס געפינען נאָך אַ געוויסער צייט, אַז זיי זענען איינער פאַרן אַנדערן צוגעפּאַסט און וועלן גערן נעמען אויף זיך די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָלטן לויט אַ פרייער אָפּשאַצונג געקענט ברענגען אויף דער וועלט קינדער. אַנדערע ווידער, וואָס וואָלטן זיך בנוגע דעם פּונקט וועגן יורשים נישט געקאָנט אַזוי גוט פאַרשטענדיקן און דאָך געפונען באַפרידיקונג אין זייער געמיינזאַמען ליבעלעבן, וואָלטן ווייניקסטנס נישט געדאַרפט באַגיין דאָס פאַרברעכן פון ברענגען אויף דער וועלט אומגעוווּנשענע קינדער, פאַר וועלכע זיי קאָנען נישט שאַפן קיין גליקלעכע היים און קיין געהעריקע פלעגע. נאָך מער: אומטויגלעכע, ס'הייסט גייסטיק אָדער פיזיש מינדערווערטיקע מענטשן וואָלטן אויסגעמיטן דעם נאָך פיל גרעסערן פאַרברעכן צו ברענגען אויף דער וועלט קינדער מיט געירשנטע פאַרקריפּלונגען. זייער פאַרלאַנג נאָך פאָטער- און מוטערשאַפט וואָלטן זיי דאַן באַפרידיקט דורכן אַדאָפּטירן קינדער פון טויגלעכע עלטערן. אַזאַ אַנטוויקלונג וואָלט אין משך פון עטלעכע דורות די מענטשהייט לגמרי סאַנירט און אַז דערצו זאָל נאָך צוקומען די ריכטיקע דערציונג, וואָלטן מיר געהאַט מענטשן, וואָס אַזעלכע האָט נאָך די אַלטע ערד קיינמאָל נישט געזען.

בײַ אַזאַ מין סאָציאַלער אָרדענונג — ווען זי זאָל ווירקלעך ווען נישט איז געשאַפן ווערן — וואָלטן פאַקטיש אַלע

אומטויגלעכע סוף־כּל־סוף אויפגעהערט זיך צו פּרוכּפּערן. די סאָציאַלע לאַגע וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אין אַזאַ ריכ־טונג, אַז די מלוכה זאָל פֿאָדערן אַ געבורטן־קאָנטראָל פֿון די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין דערלויבעניש צו האָבן קינדער. אַזאַ דערלויבעניש וואָלט געקאָנט צוגעגעבן ווערן אַלס דער־גענצונג צום הייראַטס־אָפּמאַך, אַזוי אַז מיר וואָלטן דאַן באמת געהאַט צוויי מינים הייראַטס־קאָנטראַקטן: איינעם, וואָס שליסט איין אין זיך די דערלויבעניש אויף קינדער האָבן און אַ צווייטן נאָר פֿאַר אַ געזעצלעכן צוזאַמענלעבן. דאָס וואָלט, אייגנטלעך, געווען בלויז די ווייטערדיקע קאָנסעקווענץ פֿון אַ פֿאַראָרדענונג, וואָס עקזיסטירט שוין אויך איצט אין עטלעכע שטאַטן, ווו די הייראַטס־דערלויבעניש הענגט טאַקע אָפּ פֿון אַ קערפּערלעכער אונטערזוכונג און פֿעסטשטעלונג וועגן דער טויגלעכקייט פֿאַר אַ פֿאַמיליען־לעבן. מיטן געבורטן־קאָנטראָל צוזאַמען האָט די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג געקאָנט זיין אויספֿיר־באַר, ווייל דאַן וואָלט די אומטויגלעכע פֿאַרבאָטן געוואָרן נישט די הייראַט, נאָר דאָס קינדער־האָבן און דאָס וואָלט שטאַרק פֿאַרלייכטערט די שווערע אויפֿגאַבע צו פֿאַרהערן אַ נאָרמאַלע און אָנשטענדיקע באַפֿרידיקונג פֿון די געשלעכטלעכע באַדערפֿענישן. אַז דאָס זאָל זיי זיין דערלויבט, וואָלטן די אומטויגלעכע אין ס׳רוב פֿאַלן זיכער רעזיגנירט פֿון האָבן קינדער. אַזאַ באַגרענצונג וואָלט געווען קלוג, נישט אומדער־טרעגלעך און אויך נישט אַזאַ פֿאַרלעצונג פֿון פּערזענלעכער פֿרייהייט ווי די אַלע פֿאַרבאָטן, וואָס מיר באַטראַכטן איצט פֿאַר ריכטיק, אָבער מוזן זיי כּסדר עובר זיין, ווייל זיי זענען אומאויספֿירבאַר.

דער הייראַטס־אָפּמאַך פֿון צוזאַמענלעבן אָן קינדער וואָלט אין דער נייער אָרדענונג געווען אַמלייכטסטן צו שליסן און אויפֿצולייזן; וואָלט אָבער אומבאַדינגט געמוזט באַזירן אויף טרייער, ערלעכער ליבע פֿון איין מאַן צו איין פֿרוי, ווייל נאָר דאָס איז אמתע הייראַט. ביידע צדדים וואָלטן גע־פֿילט, אַז זיי געפֿינען זיך נישט אונטער קיין שום צוואַנג,

נאָר בלייבן תמיד פרייוויליק איינער בײַם אַנדערן און די טויגלעכע וואָלטן שטענדיק געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן זייער אָפּמאַך אין דעם זין, זיי זאָלן מעגן האָבן קינדער.

צי וואָלטן אונטער אַזעלכע אומשטענדן געקאָנט אַנטשטיין אויסגעלאַסענע פאָרמען פון געשלעכטלעכן מישמאַש? איך ווייס, ס׳זענען פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס זענען דערין איבערצייגט. געוויס וואָלטן פאָרגעקומען אַזעלכע פאַלן. אָבער די גרויסע מאַסע נאָרמאַלע מענטשן וואָלט זיך אין דער בייער ליניע ריכטיק באַהויגן, און טאַקע צוליב פאָלגנדע מאָטיוען:

קודם כל, ווייל די פרוי וואָלט געווען ווירטשאַפטלעך אומאָפּהענגיק, און די געמיינזאַמע זיטלעכע האַלטונג וואָלט געווירקט אַזוי דעצידירנדיק, אַז זי זאָל אַפילו מיט אירע אומגעבוירענע קינדער בלייבן געשיצט. דאָס וואָלט אומפאַרמיידלעך געשען אויפן סמך פון אומבאַדינגט-נויטווענדיקע ביאָלאָגישע מאָטיוון. און דער דאָזיקער פאַקט גופא דערליידיקט שוין די מורא פאַר אויסגעלאַסנקייט.

ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך אַן אַנדער מאָטיוו, וואָס איז פונקט אַזוי דרינגנדיק.

די רערפאַרונג באַווייזט, אַז די מענטשלעכע נאַטור ענטפערט מיט אויסגעלאַסנקייט, נאָר ווי מיט אַ קלאַפּ צוריק. זי האַלט זיך אומבאַשעדיקט בײַם לאַנג נישט דערגרייכבאַרן, פאַרבאָרגענעם. אַ בולטער בײַשפּיל זינט דעם נאַציאָנאַלן אַלקאָהאָל-פאַרבאָט איז דער אַמעריקאַנער בנוגע דעם פונקט טרינקען אין דער היים און אין דער פרעמד. לאָזט מען אונז אַליין, זענען ס׳רוב פון אונז פאַר מעסיקייט. איך זע עס אויך תמיד בײַ קינדער. יעדער קליגער לערער ווייס, אַז די אומאָרנטלעכקייט אין אַ שולע שטייט גאַנץ גענוי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרויס פון אירע פאַרבאָטן, און אַז די קינדער טוען דאָס ריכטיקע און רעכטע, אויב דער לערער האָט געניג מוט און צוטרוי זיי צו געבן פולשטענדיקע פרייהייט. מײַנע יונגלעך גייען פרייוויליק איז פאַרבעסערונגס-אַנשטאַלטן, אַז איך היים

זיי. איך „היפּנאָטיזיר“ זיי נישט, ווי דאָס זאָגן אַפילו מיינע פריינט. איך זאָגט זיי דעם אמת, און זיי באַגרייפן פולשטענדיק, אַז די כּלומרשטע פרייהייט און מעגלעכקייט צו אַנטלויפן איז באמת פאַר זיי אַן ערן־זאַך, אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז זיי קאָנען האַלטן וואָרט.

דער אונטערשייד צווישן מיר און אַנדערע באַשטייט נאָך דערין, וואָס איך גלויב אין דעם. און איך גלויב אין דעם, ווייל איך זע, אַז ס׳איז ריכטיק. און ס׳ווייזט זיך אויך אַרויס ריכטיק אין סעקסועלע באַציונגען. ס׳וואָלט זיך אויך אַרויסגעוויזן ריכטיק אין חתונה־פּראָבלעם, אין דער גט־פראַגע, ווען מיר זאָלן קאָנען דערגיין דערצו, אַז מיר זאָלן גלויבן אין דער מאַגישער קראַפט פון פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס די פרייהייט גיט דעם מענטשלעכן האַרצן.

אַ צווייטן פונקט וויל איך דאָ באַרירן, הגם ער איז אַפילו פאַר אַנדערע „שאָקינג“. מיר גיבן צו אַ מין אָבערגלויבישע באַדייטונג און לייגן אַן איבערטריבענעם ווערט אויף דעם, וואָס מיר רופן ריינקייט. באַזונדערס ביי פרויען. לגמרי זעלבספאַרשטענדלעך ווערט אויפגעפאַסט די אידייע, אַז אומגעזעצלעכע סעקסועלע דערפאַרונגען פאַרענדערן די פרוי אויף אַ געהיימניספולן אופן, אַז די ווירקונג אויף איר איז דערביי לחלוטין אַן אַנדערע, ווי ביי אַ געזעצלעכער חתונה. אויב זי מאַכט, למשל, אַזאַ דערפאַרונג מיט אַ מאַן, וואָס זי דאַרף מיט אים מאָרגן חתונה האָבן, און ער שטאַרבט פּלוצלונג, איז זי שוין אומריין און נישט טויגלעך פאַר אַן אַנדער מאַן. גיט זי זיך אָבער אָפּ דעם מאַן אויף מאָרגן נאָך דער חתונה, און איר מאַן שטאַרבט איבערמאָרגן, איז זי אלמנה און פולשטענדיק ריין און טויגלעך פאַר יעדן אַנדערן מאַן.

און דאָך איז זי די־זעלבע פרוי אין ביידע פאַלן, און די אויפפאַסונג, אַז זי איז עס כּלומרשט נישט, איז לויט אונזערע אָבערגלויבישע פאָרשטעלונגען איינע פון די סאַמע טייוולאָנישע. זי האָט פוגע געווען די געזעלשאַפטלעכע כּללים, געוויס. אָבער ס׳זענען פאַראַן זאַכן, וואָס זענען אַ סך אַנטי-

סאָציאַלער ווי דאָס, און דאָך פאַלט נישט אויף זיי אַזאַ שטרענגער אורטייל ווי אויף סעקסועלע פעלטריט.

אומריין! מיינע אייגענע באָבאַכטונגען איבער מענטשן פון פלייש און בלוט באַשטעטיקן מיר, אַז מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט געשלעכטלעכע דערפאַרונגען, זענען פונקט די זעלבע ווי אַנדערע מיידלעך און אַז זיי גייען אויסגעצייכנט פאָרווערטס, אויב די געזעלשאַפט אַנטדעקט נאָר נישט צופעליק, אַז זיי זענען אַוועק אויף אַ „שלעכטן וועג”.

אָט איז, למשל, געווען אַ שיין, פיין מיידל, נאָך אין שולע. זי האָט זיך מיט אַ יונגל צו אינטים אַריינגעלאָזן, האָט אָבער שפּעטער אַזוי שטאַרק דערויף חרטה געהאַט, אַז זי האָט ממש קאָנוולסיוו געלעכצט נאָך מיטגעפיל, הילף און טרייסט. זי איז אַוועק צו איינער פון אירע לערערינס, אַן אַלטער בתולה, וואָס וואָלט זיכער געווען אַ סך אַ בעסערער, קליגערער און באַרעמהאַרציקער מענטש, ווען זי זאָל אין דער יוגנט האָבן באַגאַנגען דעמזעלבן פעלטריט ווי דאָס קינד, וואָס איז זיך געקומען פאַר איר מתודה זיין.

ביי איר איצטיקער פסיכאָלאָגיע האָט זי דעם פאַל גלייך איבערגעגעבן אַ צווייטער אַלטער בתולה, וואָס האָט די געשיכטע צופּויקט ביז זי איז דערגאַנגען צום שול-פאַרוואַלטער. יענער האָט זיך אַ נעם געטאָן צום יינגן מיידל, איר אָנגעשראָקן און געפּייניקט, געכאַפּט די סמאַיע פון די פּרטים פון איר געשיכטע און דערנאָך, זי אַרויסגעוואָרפן פון שולע אַלס אַ זיטלעכע סכנה פאַר די איבעריקע תלמידות. זי איז כלומרשט געווען שלעכט, אָנגעשטעקט, אומריין.

צום אומגליק האָט זי געגלויבט אין דעם דאָזיקן אורטייל, און די גייסטיקע ווירקונג איז ממש געווען פאַר איר קאַטאַסטראָפאַל. איך האָב שפּעטער געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט, זי צו איבערפייגן, אַז זי איז נישט רואינירט אויף אייביק, אַז זי איז פּשוט באַגאַנגען אַ פעלער און קאָן אים נאָך אויסבעסערן, און אַז אירע ריכטער זענען בלויז אַ באַנדע פראים, מיט פאַרעלטערטע, אָפּגעשטאַנענע אָנשויונגען. דעם

קאָן האָט זי שוין אָבער קיינמאָל מער נישט אויפגעהויבן. די משא פון געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז פאַר איר געווען צו שווער. סוף כל סוף איז זי אַוועק פון דענווער. און איז דאָך באמת געווען אַ גוט קונד, וואָס איז מאָראַליש געשטאַנען אומענדלעך פיל העכער פון די צוויי קעץ, וואָס האָבן זי אַרייַנגעצויגן אין שמוץ, און פון די אידיאָטישע פעדאַגאָגן, וואָס האָבן זי געפונען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט און אַנשטאָט זי צו ראַטעווען, קודם אַהין אַראָפּגעשטויסן. דיביידע אַלטע בתולות זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַקטיווע מיטגלידער פון אַ גרויסער קירך אין דענווער, גייען יעדן זונטאָק דינען גאָט און געהערן צו דער בעסטער געזעלשאַפט. זיי האָבן ערלעך פאַרדינט, מ'זאָל זיי אַוועקשיקן אין אַן אויסבעסערונגס-אַנשטאַלט.

אַנדערע מיידלעך, וועלכע איך האָב געקענט, זענען פון אַזאַ מין פאַרפאָלגונג לחלוטין צו גרונט געגאַנגען. פולשטענדיק אומבאַגרייפלעך איז עס פאַר מיר, אַז כלומרשט קלוגע מענטשן, וואָס טעאָרעטיש אָנערקענען זיי די אומגערעכטיקייט און ברוטאַלקייט פון אַזעלכע מעשים, און דאָך שטימען זיי געווייִנלעך מיטן גאַנצן כאָר און לייאַרמען וועגן „אומזיטלעכקייט״, בעת זיי קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיט אַ קאָנקרעטן פאַל.

זיבעצעטער קאַפּיטל

אין אַ העפט פון דער צייטשריפט „Atlantic Monthly" האָב איך לעצטנס געפונען אַ בריוו פון אַ לעזערין, וואָס וואַרפט אַ באַזונדער ליכט אויף דער פראַגע וועגן הייראַט און זיטלעכקייט.

דער בריוו דערציילט מכּח אַ יונג פּאָר פאָלק אין דרום-אַמעריקע, וואָס באַמיט זיך צו פאַרשפּרייטן ציוויליזאַציע צווישן די איינגעבוירענע. קודם-כּל האָבן זיי געפּרווט דעם גאַנצן עולם אויף די פּלאַנטאַציעס, וואָס לעבט אין ווילדע געשלעכטלעכע באַציאונגען, געזעצלעך חתונה צו מאַכן. די מענער האָבן גלייך מסכּים געווען, אָבער צו זייער גרויסן דערשטוינען — דווקא די ווייבער האָבן פּראָטעסטירט.

— סוף כּל סוף, אַזוי גיט איבער די בריוו-שרייבערין ווייטער, האָט מיר אַן אַלטע פרוי אויפגעקלערט דעם דאָזיקן ענין. זי איז צווישן די איבעריקע געווען אַ גרויסע דאַמע, ווייל זי האָט באַקומען אַ געוויסע דערציאונג און געהאַט זייער אינטעליגענט. זי איז צו מיר געקומען, וואַנדערנדיק מיילנווייט איבער ווילדע בערג, כּדי מיך צו בעטן, אַז איך זאָל באַגרע-ניצן מיין הילפסטעטיקייט פאַר איר פאָלק נאָר מיט דער דער-ציאונג פון די קינדער און אונטעריכטס-קורסן פאַר עלטערע מיידלעך. די דאָזיקע צוויי זאַכן זענען איר געווען נאָנט צום האַרצן.

— אָבער, סעניאָרע, האָט זי צו מיר געזאָגט, פירט

נישט אַרויף די מענטשן אויפֿן געדאַנק, אַז זיי טוען אַן אומרעכט, אויב זיי לעבן צווישן זיך נישט חתונה האָבנדיק. כּל זמן די פֿרוי לעבט פֿרייוויליק מיט אַ מאַן, באַהאַנדלט ער זי מיט רעספּעקט, איז איר טריי און זאָרגט גוט פֿאַר די קינדער. קוים מוז זי אָבער מיט אים לעבן, ווערט ער צו איר שלעכט, נעמט בײַ איר צו דאָס געלט, וואָס זי פֿאַרדינט, און גייט אויך אָפּן צו אַנדערע ווײַבער. און אויב די קינדער געהערן אים, פֿאַרדינגט ער זיי ערגעץ ווו, נעמט צו פֿאַר זיך זייער לוין אָדער פֿאַרקויפֿט זיי אינגאַנצן. אָה, סעניאָרע, צידען זעט איר נישט, אַז מיר האָבן מער גליק און פֿרייהייט און אַז אונזערע מענער זענען צו אונז בעסער, ווען מיר ווערן צו זיי נישט צוגעשמידט, ווען מיר קאָנען צונויפֿבינדן דאָס פּעקל און זיי איבערלאָזן, ווי נאָר זיי באַגייען זיך מיט אונז נישט אָנשטענדיק?

דער דאָזיקער בריוו אַנטהאַלט די מאָדערנסטע אָנשויאונגען וועגן דער חתונה-אינסטיטוציע, וואָס איך האָב ווען נישט איז באַגעגנט. און דאָס, וואָס איך האָב אַליין דורכגעמאַכט, אונטערשטרייכט אַן איבעריקן מאָל, אַז דאָס חתונה האָבן ווירקט בײַ אונז פּונקט אַזוי ווי בײַ די פּעאָנען אין דרום-אַמעריקע. דאָס וואָס די אַלטע דאַמע זאָגט דאָ, איז דער ריינער אמת; פּונקט אַזוי איז די מענטשלעכע נאַטור אומעטום.

איך ברענג דאָ גלייך נאָך אַ בריוו. ער איז געשריבן צו מיר גופא פֿון אַן אַכצניאָריקע מיידל, וואָס איך האָב אַמאָל אַרויסגעהאָלפֿן פֿון אַ נויט און עד-היום האָט זי צו מיר דעם פֿולסטן צוטרוי:

— איך גיי איצט מיט אַ געווויסן יינגנמאַן. ער איז אַלט 28 יאָר און איז דער ערלעכסטער, דער אַנשטענדיקסטער יינגער מענטש, וואָס איך האָב ווען נישט איז געטראָפֿן. איך וועל אפשר מיט אים חתונה האָבן. מיר גייען שוין צוזאַמען צוויי חדשים, טרעפֿן זיך יעדן אָוונט און זונטאָק. איך ווייס, ער וועט אייך אויך געפֿעלן. ער פֿאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן

אונזער פֿאַרהעלטעניש מאַכן אָנשטענדיק. אָבער — איך מוז אייך זאָגן דעם אמת — איך אַליין יאָג זיך נישט אַזוי שטאַרק נאָך דעם. איך האָב אים ווירקלעך ליב, און האָב מורא, ער זאָל נישט גיין צו אַנדערע פֿרויען, כּדי ביי מיר צו בלייבן אַבסטינענט. און איך וואָלט אים דאָך בעסער אַלץ דערלויבט, אַבי ער זאָל צו קיין אַנדערע נישט גיין. ער האָט עס מיר, אמת, געזאָגט, אָבער איך בין וועגן דעם נישט רואיק.

די דאָזיקע ווערטער קאָן מען פֿאַרשידן אויספֿאַסן. איינער וועט זאָגן, אַז דאָס מיידל איז כּלומרשט אוממאָראַליש און מאַכט חוזק פֿון דער „הייליקער חתונה-אינסטיטוציע". אַן אַנדערער ווידער וועט טראַכטן, אַז זי האָט אַן אָנשויאונג וועגן חתונה האָבן, וואָס איז אַ סך נאָרמאַלער, געזונטער, לעבעדיקער און ערלעכער ווי אַלץ, וואָס ס'ווערט פֿאָרגעזען פֿון דער „אינסטיטוציע", אַן אָנשויאונג, אמת, וואָס איז צו ערלעך און זיטלעך, אַז די געזעלשאַפֿט מיט אירע שטרענגע פֿאָרשריפֿטן זאָל קאָנען מיט איר מסכּים זיין. אָבער לפּחות איז עס אַן ענטפֿער פֿאַר די אַלע, וואָס האַלטן, אַז „אָפּגעלאָזנקייט" אין די דאָזיקע זאַכן וועט דערפֿירן די מענטשהייט צו אַן אָרגיע פֿון פּראָמיסקויִטעט. דער איינערלעכער קערן פֿון דאָזיקן בריוו איז די אָנערקענונג פֿון דער ליבע צווישן איין מאַן און איין פֿרוי.

דאָס דאָזיקע מיידל איז אינסטינקטיוו מאָנאָגאַם ווי אַלע נאָרמאַלע פֿרויען. דערמיט מיין איך נישט, אַז זי וואָלט נישט זיין פֿעאיק צו האָבן סעקסועלע באַציאונגען מער ווי מיט איין מאַן; איך מיין אָבער, אַז איר מוטער-אינסטינקט, וואָס פֿאַרטראַכט זיך וועגן איר אייגענעם און וועגן גליק פֿון אירע עווענטועלע קינדער, לייגט אויף איר אַרויף געוויסע באַגרענעצונגען. די מענער פֿילן זיך נישט אַזוי שטאַרק געהאַמעוועט, ווייל זייערע ביאָלאָגישע באַציאונגען צו די עווענטועלע קינדער זענען נישט אַזוי נאָענט. אויך דאָס איז איינער פֿון די עיקר-פֿאַקטן, וועלכער איז ס'רוב

פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די אייביקע רייַבונגען צווישן די געשלעכטער, פֿאַר דער „אומטריישאַפֿט" פֿון מאַן און דער ליירנשאַפֿטלעכער אייפֿערזוכט פֿון די פֿרויען, וואָס ווילן האָבן דעם מאַן פֿאַר זיך אַליין און ווערן נאָך דער חתונה טיראַניש.

דאָס מיידל, וועגן וועלכער איך רעד, וויל דעריבער זיין מאָנאָגאַם און זען איר ליבהאָבער, דעם פֿאָטער פֿון אירע קינפֿטיקע קינדער, אויך מאָנאָגאַם. זי איז אָבער אַן אויסנאַם צווישן פֿרויען דערמיט, וואָס זי פֿאַרשטייט זיין שטאַנדפּונקט גענוי אַזוי גוט ווי איר אייגענעם. זי באַגרייפֿט, אַז איר ליבסטער איז מענטשלעך, און ווי אַלע מענער אינסטינקטיוו פּאָליגאַם, און איז דעריבער ערלעך באַזאָרגט, אַז ער וועט נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון. זי ווייס אויך, אַז ער קאָן זיך אַרומזען וועגן אַנדערע פֿרויען, באַשולדיקט אים אָבער נישט צוליב דער דאָזיקער נאַטירלעכער מענלעכקייט. זי פֿאַרמאָגט אַ וויטן קוק, ליבע, אַ גרינטלעכע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער מענטשלעכער נאַטור, ווייל זי האָט פֿון אירע אייגענע פֿעלערן און צרות זייער פֿיל געלערנט. ווען עס זאָלן זיין אַ סך אַזעלכע פֿרויען, וואָלט זיכער אויף דער וועלט געווען פֿיל בעסער, און די מענער וואָלטן זיך גיכער געהאַלטן, שוין צוליב דעם געפֿיל אַליין, וואָס זיי ווערן ליבעפֿול פֿאַרשטאַנען.

אַן אַנדער אָרט אין דעם דאָזיקן בריוו באַלויכט דאָס צופּאַסן זיך צו דער טראַדיציע. דאָס דאָזיקע מיידל וואַרפֿט זיך אונטער אויסערלעך, ווי אַ סך פֿון אונז, אַ זיטן-געזעץ, מיט וועלכן איר אינערלעכער אורטייל איז לגמרי נישט מספּים. זי זאָגט למשל: — וואָס איך קלער וועגן „מאָדערנעם מיידל": דאָס זעלבע, וואָס איך האַלט וועגן „דורכשניטס-מאַן". אַזאַ מין בריה איז בכלל נישטאָ. מ'קאָן נישט אָנווייזן מיטן פֿינגער אויפֿן מאָדערנעם מיידל, ווייל יעדעס מיידל איז אַנדערש, און יעדע איז אויף איר אייגענעם שטייגער מאָדערן. נעמט, למשל, מאַדעליינען, זי איז זייער מאָדערן און פֿון דער צווייטער זייט ווידער זייער קאָנווענציאָנעל. דעריבער קאָן מען תּכן נישט

זאָגן, אַז אַלע מאָדערנע מיידלעך זענען אומקאָנווענציאָנעל־בעמט מיך גופא. איך בין מאָדערן און אויסערלעך קאָנווענציאָנעל. אינערלעך באַגרייף איך נישט, פאַרוואָס איך רויכער נישט אויפן גאַס, בעת איך טו עס אין רעסטאָראַן און אין אַנדערע עפענטלעכע ערטער. איך ווייס נישט פאַרוואָס בין איך עפענטלעך מיט אַ מאַן נישט אַזוי צערטלעך, ווי ביי זיך אין אינדערהיים: און אַזוי זענען פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס איך קאָן פשוט נישט טאָן, כאָטש איך בין מאָדערן. אין פיל פאַלן מוז איך זיין קאָנווענציאָנעל.

און ווייטער פון דאָזיקן אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס איז אַזוי אָפן און ערלעך, ווייל איך פארשוין מיינע ייַנגע פריינט מיטן „דו מעגסט" און „דו טאָרסט נישט".

— איך האַלט, אַז די עובדות פון די „פלאַפּערס" זענען נישט מער ווי פּאָזע. זיי טוען אַלץ פאַרן עפעקט, נישט צוליב אייגענע באַפרידיקונג. צי האָט איר ווען נישט איז געזען אַ פלאַפּער־מיידל עפּעס „טאָן", ווען זי איז געווען אַליין, אָן אַ פּובליקום? איך קיינמאָל נישט. זיי באַווייזן זיך אַלע נאָר פאַרן פּובליקום, וואָס מער זיי שפּירן אויף זיך די אויגן פון אַנדערע, אַלץ מער שטעלן זיי זיך אין פּאָסאָן. הייַנט הייסט עס זיין אָריגינעל. לאָמיר עס אַלזאָ פּרווון, וואָס אָריגינעלער אַלץ בעסער. אָבער נישט מחמת דעם, ווייל מיר ווילן עס אַזוי שטאַרק, נאָר ווייל דערמיט ציען מיר אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון ייַנגן מאַן ביים דערבייאיקן טישל און ווייל אונז פאַרכאַפּט דערביי אַן אָנגענעמער געפיל, וואָס דאָס עטוואָס עלטערע פּאָרל לעבן אונז פאַרפאָלגט אונז מיט פאָרווורפספולע בליקן. וואָס מער מען קוקט אויף אונז, פאַר אַלץ דערפאָלגרייכער האַלטן מיר זיך".

נאַטירלעך האָט מיין בריוו־שרייבערין נישט געזוכט דעם מאָטיוו, פ אַ ר וו אָ ס מען יאָגט זיך אַזוי נאָך דער אויפמערקזאַמקייט און פ אַ ר וו אָ ס עס נעמט אַדורך אַן אָנגענעמער שוידער, בעת מען רופט אַרויס די אומצופרידנהייט פון די עלטערע מענטשן. וואָס האָט דען דער דאָזיקער ייַנגער עולם

צו די עלטערע מענטשן מער ווי דאָס, וואָס ער פילט אומבאַוווסטזיניק, ווי פולשטענדיק פאַרקערט עס איז די אַלטע אָרדענונג פון די זאַכן, אַזוי אַז אַלץ וואָס עס ווייכט אָפּ דערפון, מוז דעריבער זיין ריכטיק? דאָס איז נישט קיין אויפבויענדיקער, נאָר ערשט רעכט אַ צושטערנדיקער גייסטיקער צושטאַנד, וואָס צילט אָבער באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק אויף ווייטערבוי. ער איז נישט קיין לעזונג אַן און פאַר זיך, אָבער אַ טריט דערצו.

אָט וועל איך אייך דערציילן אַן אַנדער געשיכטע.

איך האָב געקענט אַ מיידל, וואָס איך וויל זי אָנרופן אימאַגען. פון אַ גאַראַזש האָט מען עפּעס געהאַט אַרויסגעגנבעט, און אימאַגען, דעמאָלט אַ קינד פון צוועלף יאָר, איז געווען אַן עדות. זי איז געקומען מיט איר מוטער צום משפּט און אָפּגעגעבן איר עדות־דערקלערונג. איין איינציקער בליק אין איר געזיכט איז פאַר מיר געווען גענוג, כּדי צו בעטן איר מוטער, אַז זי זאָל נאָך דער זיצונג צו מיר קומען.

— צי ווייסט איר, אַז אייער טעכטערל איז געשלעכטלעך איבעראַנטוויקלט? האָב איך זי געפרעגט. קאָנט איר מיר זאָגן, צי האָט זי שוין געהאַט אינטימע באַציאונגען מיט ייִנגלעך? באַטירלעך האָב איך זיך אויסגעדריקט נישט צו שטאַרק, נאָר געגעבן די דאָזע אַזוי פּאָרזיכטיק און טאַקטפול, ווי נאָר מעגלעך. פונקט אַזוי, פאַרשטייט זיך, איז די מוטער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע. סוף כּל סוף האָב איך אויף איר געווירקט. זי איז געתאָרן צעשראָקן אומרואיק, איז אַוועק צום שול־דירעקטאָר פון איר קליינער טאָכטער און געפרעגט, צי האָט ער באַמערקט עפּעס וואָס אומנאַטירלעכס אין דער באַנעמונג פון איר קינד.

— ניין, האָט געזאָגט דער הער שול־דירעקטאָר. אַזאַ מין אָנקלאַגע איז לגמרי אומבאַגרינדעט. אָבער אַזעלכע מעשיות זענען מצד דעם ריכטער לינדזיי קיין נייעס נישט.

באַלד דערנאָך איז ער אין גרויס כּעס אַראָפּגעקומען צו מיר. „דאָס דאָזיקע קינד”, האָט ער זיך געכּעסט, איז געווען

אונטער מיין אויפזיכט פון איר קינדערגאָרטן־צייט אָן. איר אומשולדיק געמיט איז פאַר מיר אַן אָפענער בוך. וואָס צו אַלדי רוחות מיינט איר מיט אייער אָנקלאַגע?

— איך קלאָג נישט אָן, האָב איך געזאָגט. איך ווייס נאָר, אַז אויב מיט איר איז נאָך קיין בייז נישט געשען, געפינט זי זיך אָבער אין אַ גרויסער סכנה, אַז מיט איר זאָל עפּעס פּאַסירן.

סוף כל סוף האָט די מוטער געבראַכט אימאגען צו מיר, און איך האָב דער פרוי אַרויסגעשיקט פון צימער, כדי צו רעדן מיטן קינד אונטער פיר אויגן. אין פאַרלויף פון פופצן מינוט בין איך ביי איר דערגאַנגען, אַז זי האָט זיך שוין מיט יינגלעך ווייט אַריינגעלאָזן.

ביים געדאַנק, אַז איך קאָן זי פאַראַטן איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ טויטשרעק. איך האָב זי אָבער פאַרזיכערט, אַז אָן איר הסכמה וועל איך קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן; ענדלעך האָט זי מיר דערלויבט אָנצופּאַרטרויען די זאַך אויך איר מוטער, מיט וועלכער איך האָב אויך גערעדט אונטער פיר אויגן. איך האָב דער פרוי, נאַטירלעך, ווי געהעריק צוגעגרייט און דעריבער האָט זי אַריבערגעטראָגן דעם געשעענעם פאַקט פאַרהעלטנישמעסיק רואיק. אַז איך האָב זי געפרעגט, צי וויל זי נישט שיקן אימאגען פון צייט צו צייט צו מיר, האָט זי מוטיק געענטפערט: ניין, זי וויל אַליין אַכטונג געבן אויף איר טאָכטער. און זי האָט עס הירקלעך געטאָן.

מיט פינף יאָר שפּעטער האָט מיך באַזוכט אַן אָנציענדיק מיידל פון אַ יאָר זיבעצן. דאָס איז געווען אימאגען.

— הער ריכטער, האָט זי געזאָגט, מיין צוזאָג, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט געגעבן — בנוגע די יינגלעך — האָב איך געהאַלטן ביז מיט פיר וואָכן צוריק. איצט האָב איך אים געבראָכן. איך האָב געמוזט אהערקומען און אייך דאָס זאָגן.

און זי האָט דערציילט איר געשיכטע. זי האָט באַזוכט אַ זייער עקסקלוזיווע מיידל־שולע. זי און נאָך אַ שיין מיידל

זענען מיט צוויי יינגלעך געגאַנגען אויף אַ טאָגן־אָוונט און אויפן וועג אַהיים דערלויבט די יינגלעך צערטלעכקייטן.
— עס איז גאָרנישט געווען זייער שולד, האָט אימאַגען געזאָגט. מיר, מיידלעך, האָבן פונקט דיזעלבע שולד ווי זיי.
זי האָט זיך אויפגערעגט און געשראָקן פאַר די דאָזיקע צערטלעכקייטן. צי קאָן דערפון נישט עפּעס אַרויסקומען? איך האָב איר אויפן דרינגלעכסטן אופן געוואָרנט פאַר דער נאַרישקייט און דער געפאַר פון אַזאַ האַלטונג. נישט געקוקט אויף דעם איז זי מיטן זעלבן יינגנמאַן געגאַנגען אויף אַ צווייטער פאַרווייַלונג. און דאָסמאָל איז עפּעס „פאָרגעקומען".
— איך וויל גאָר עפּעס אַזוינס נישט טאָן, האָט זי זיך שפּעטער פאַר מיר מרדה געווען. איך וועל טאָקע פּרוּוון דאָס קיינמאָל נישט טאָן. אָבער עס איז מיר שרעקלעך שווער זיך זיך צו האַלטן מיט די מענער אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן נישט אַוועקגיין צו ווייט. פאַרוואָס קאָן איך נישט זיין אַזוי ווי דאָראָטע? מיט איר פּאַסירט אַזוינס קיינמאָל נישט.
— עס איז ווירקלעך אַ גרויסער שאָד, האָב איך געזאָגט. אָבער אַזוי זענט איר שוין, אימאַגען. אייער געשלעכטס־לעבן איז צו פרי וואַך געוואָרן. איר האָט בעסער געדאַרפט חתונה האָבן. קומט אָפּטער צו מיר און פּרוּווט צו האַנדלען וואָס בעסער.
דאָס האָט זי טאָקע געטאָן און אַ צייט לאַנג איז אַלץ געגאַנגען זייער גוט. אין איין שיינעם טאָג איז זי אָן איבער־גליקלעכע געקומען צולויפן צו מיר מיט דער בשורה, אַז זי ליבט אַ יינגנמאַן פון 22 יאָר, און ער זי אויך און בעט זי אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.
ביי איר אַ צווייטן באַזוך איז עס שוין אָבער ווידער געשען אַ טיפער אומגליק. אירע עלטערן דערלויבן איר נישט צו שרייבן תנאים. זיי ווילן זי פריער אַוועקשיקן אין אַ שולע אין מזרח פון לאַנד אין פאַר פינף־און־צוואָנציק יאָר זאָל זי בכלל נישט קלערן וועגן חתונה האָבן. כמעט אַכט יאָר דאַרף זי נאָך, הייסט עס, וואַרטן!

— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! האָט זי אויסגע־שריגן. אָ, איך בעט אייך, מאַכט אונז חתונה אָן דעם וויסן פון מיינע עלטערן! דערנאָך וועל איך פאָרן לערנען און זיך זען מיט אים בעת די וואַקאַציעס. און אַז איך וועל האָבן אַ קינד, וועל איך זיי דאַן זאָגן, אַז איך האָב חתונה געהאַט.

— איך קאָן עס נישט טאָן, האָב איך פּראָטעסטירט. איר זענט מינדעריאָריק און מוזט אומבאַדינגט האָבן די איינווילי־קונג פון אייערע עלטערן.

— אָבער איר גיט דאָך אַזוי אָפט חופּה מינדעריאָריקע אָן דער הסכמה פון די עלטערן, הער ריכטער. איר ווייסט דאָך, אַז ביי אַן אומגעזעצלעכער פאַרבינדונג, בעת מען ריכט זיך אויף אַ בעבי, קומען קודם־כּל אין באַטראַכט די רעכט פון נאָך אומגעבוירענעם קינד. און אַז דאָס יוגנט־געריכט מעג צוליבן קינד געבן חופּה אַפילו אָן דער הסכמה פון די גרויס־עלטערן. איר האָט דאָך סאַדיע בראָון אויך געגעבן חופּה אונטער אַזעלכע אומשטענדן. זי האָט מיר איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט, וואָס איר האָט גערעדט מיט אירע עלטערן".

דעם דאָזיקן פאַל האָב איך נישט געקאָנט באַהאַלטן. איך האָב איר געוואָרנט פאַר אַזאַ האַלטונג. אַ פאַרטראַכטע איז זי פון מיר אַוועק און אין עטלעכע וואָכן אַרום געקומען נאָכאַמאָל.

— איצט קאָנט איר אונז געבן חופּה, האָט זי געזאָגט. איך האָב אים נישט געזאָגט, אַז דאָס איז צוליב דער חתונה, אָבער איך האָב זיך מיט אים אָפּגעגעבן.

איך בין געווען נישט ווייניק אויפגעבראַכט.

— צי ווייסט איר, אַז אייער חתן קאָן אייך, נאָך אַזאַ עובֿדה, גאָרנישט וועלן האָבן פאַר קיין פרוי?

— אָ, דאָס קאָן נישט זיין! דאָס ווייס איך בעסער, האָט זי געזאָגט. ער ליבט מיך.

— ער קאָן דאָך נאָך אייך אַפילו נישט דערנערן, האָב איך געטענהט. און קוים גייט איר חתונה האָבן איז עס אַן איבערייס מיט אייערע עלטערן. איר מוזט צוווארטן.

— איך וויל אייך בעטן, אַז איר זאָלט עס זאָגן דער מוטער, האָט זי צוגעגעבן. זאָגט איר אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן און ווי מיין צושטאַנד איז, און קלערט איר אויף, אַז מיר מוזן חתונה האָבן.

איך האָב, נאַטירלעך, געשיקט נאָך דער מוטער און איר איבערגעגעבן די גאַנצע זאַכלאַגע. זי איז געווען פאַרצווייפלט. דער פאָטער וועט בשום אופן נישט מסכים זיין. ער האָט די טאָכטער געוואָלט בילדן, לפּחות ביז זי וועט אַלט ווערן 25 יאָר.

— ער וועט דאָס מיידל רואינירן, האָב איך געזאָגט. אַזאַ אָפּלייג וואָלט ממש געווען אַ פאַרברעכן. זי איז אַ גוט קינד, און קאָן אָבער נישט ווערן אַנדערש ווי זי איז. נעמט דעריבער נישט אָפּ ביי איר די מעגלעכקייט צו בלייבן גוט.

— ווען איך זאָל דערציילן איר פאָטער, וואָס זי האָט געטאָן, וואָלט ער זי זיכער דערהרגעט.

— זאָגט אים, אַז זי וועט מיט איר ליבהאָבער אַנטלויפן, און אויב ער וויל אויסמיידן אַ סקאַנדאַל, מוז ער זי לאָזן חתונה האָבן.

אַזוי איז עס אויך געענדיקט געשען. דער פאָטער איז איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס. זי האָט געזאָלט נאָך אויף איין יאָר פאָרן זיך לערנען און דערנאָך חתונה האָבן. די חתונה האָט מען געפייערט אין אַ יאָר אַרום, אַ גרויסע, גלענצנדע געזעלשאַפטלעכע געשעעניש, און היינט איז אימאַגען אַ גליקלעכע פרוי און מוטער, און אַ „פירנדיקע דאַמע פון דער געזעלשאַפט”, איר בכבודיקייט שטייט אויסער יעדן צווייפל.

איך האָב איבערגעגעבן די דאָזיקע געשיכטע, כּדי צו ווייזן ווי פיל, אוממעגלעך פיל סיטואַציעס אין מענטשלעכן לעבן טראָגן אין זיך די מעגלעכקייט פון שרעקלעכע טראַגעדיעס און אָן וואָסערע ווילדע פלענער און טריקס דער עולם באַפּט זיך אָן, זייער נאַטירלעכער באַגער גייט קעגן שטראָם פון געזעלשאַפטלעכע (בעיקר הייראַטס-) כּללים. אין געגעבע-

בעם פאַל איז מיר געלונגען דעמדאָזיקן פּלאָנטער פונאַנדערצוּוויקלען. אָבער אין ניין פון צען פאַלן וואָלט זיך אַזאַ מעשה געענדיקט מיט אַ גרויסן אומגליק.

פון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט האָט דאָס חתונה-האָבן געזאָלט זיין לייכט, נאַטירלעך, ספּאָנטאַן, די נאָרמאַלע באַפרידיקונג פון נאַטירלעכע אינסטינקטן. זי האָט צוליב ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון נישט געזאָלט אָפּגעלייגט ווערן. פריע חתונות האָבן געדאַרפט מעגלעך ווערן דורך דעם, וואָס עס זאָלן אויסגעמיטן ווערן אומגעוווּנטשענע קינדער. עס איז נישט געווען קיין שום גרונט קעגן דעם, אַז אימאַגען זאָל חתונה האָבן מיט איר ליבהאָבער, אויסער דעם, וואָס דער בחור איז נאָך געווען צו יינג און האָט נישט געקאָנט דערנערן קיין פאַמיליע. די מעגלעכקייט, אַז עס קאָנען קומען קינדער איז בכן געווען דער איינציקער שטערונגס-מאָטיוו. און דאָך — ווי אומגעלומפּערט! האָט דווקא אַ קינד געקאָנט זיין דער איינציקער גרונט, צוליב וואָס זיי וואָלטן צו יעדער צייט געמוזט חתונה האָבן! וואָס פאַר אַ מין משוגעת!

אכצענטער קאַפּיטל

ווען מיר זאָלן דעם געבורטן-קאָנטראָל איבערגעבן לגמרי אין רשות פון די עלטערן, וואָס דאַרפן די דאָזיקע קינדער ברענגען אויף דער וועלט, וואָלטן זיכער די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וואָס פאַרוואַנדלען היינט צו טאָג יעדע הייראַט כמעט אין אַ טראַגעדיע, אין גרעסטן טייל פאַרשוווּנדן. היפּש יינגע פּאָרלעך וואָלטן געקאָנט, ביי קליינע פאַרדינסטן, גליקלעך לעבן, ווען זיי זאָלן נישט האָבן קיין קינדער! שפּעטער, ווען זייער פאַרדינסט וואָלט געוואַקסן און זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען זיך פאַרפעסטיקט, וואָלטן זיי געקאָנט האָבן קינדער — און טאַקע געהאַט. אַזוי ווי עס איז איצט, האָט מען אָבער חתונה פאַרדינענדיק ווייניק, מ'האָט קינדער, בעת מען קאָן עס זיך נאָך נישט דערלויבן, און מען נעמט אויף זיך לכתחלה אַ דריקנדיקע לאַסט, וואָס איז פאַר יינגע אַקסלען צו שווער. די פרוי ווערט אַ נערוועזע אַרבעטס-חיה, דער מאַן באַטראַכט דאָס לעבן אַלס אַן אויסשליסלעכע טרעט-מיל, זייערע שיינע חלומות ווערן פאַרשוווּנדן, און מען נאַרט כסדר איינער דעם צווייטן, כל-זמן עס לאָזט זיך, אויב עס ווערט לגמרי אוממעגלעך, גט מען זיך.

ביי איין סיסטעם וואָלטן זיי געקאָנט האָבן אַ פולן, גליקלעכן לעבן. די פרוי וואָלט נישט פאַרלאָרן איר שיינקייט, איר האַלטונג, אירע נערוון, דער מאַן זיינע יוגנטלעכע האָפענונגען און ענערגיע. ביים צווייטן סיסטעם האָבן זיי פאַר-

גוואַלטיקט יעדן וויכטיקן לעבנס-געזעץ און מוזן דערפאַר אָפּקומען אַ ביטערע שטראָף. די חתונה וואָלט זעלטן אויסגעפאַלן שלעכט ביי ריכטיקע ביאָלאָגישע אוןווירטשאַפטלעכע תנאים, און זי קאָן פונקט אַזוי זעלטן גוט אויספאַלן, ווען אַזעלכע תנאים פעלן.

עס איז, באמת, אַ וווּנדער וואָס אונזערע גט-געריכטן האָבן נישט צוויי מאָל אַזוי פיל צו טאָן ווי איצט! די חתונה איז אַן אינסטיטוציע, וואָס וואָלט זיך זייער גוט געלאָזט דורכפירן און געקאָנט האַלטן, ווען מען זאָל איר נאָר געבן די לעבנסמעגלעכקייט פון דער אַנטוויקלונג און עלאַסטיציטעט. אָבער אומוויסנהייט, אָרעמקייט, קערפּערלעכע און גייסטיקע מינדערווערטיקייט, אומגעווונטשענע קינדער, דאָס אַלץ צוזאַמען דערדריקט פולשטענדיק איר ווירקזאַמקייט און אַנטוויקלונג. עס איז אַ פאַרברעכן, וואָס אונטער אַזעלכע אומשטענדן ברענגט מען אויף דער וועלט קינדער. עס איז אַ פאַרברעכן, וואָס מיר דערלויבן אונז זיך צו פאַרמערן און פרוכפּערן ווי די זשאַבעס.

אומוויסנהייט באַטייט מער ווי די אומפעיקייט לאָגיש צו דענקען, וואָס ווערט דורך אונזער היינטיקן דערציִונגס-סיסטעם אַזוי פלייסיק אונטערשטיצט. איר פעלט די קענטניש פון וועזנטלעכע פאַקטן, מיט וועלכע מען קאָן ערשט בכלל אָנהויבן אַ ריכטיקן דענקפּראָצעס.

פאַר דער הייראַט הייסט עס אַ מאַנגל אין קענטניש פון געשלעכטלעכע פאַקטן. מענער ווי פרויען האָבן בכלל די סאַמע נעפּלהאַפטע פאָרשטעלונג וועגן דער ראָל, וואָס דאָס געשלעכטלעכע שפּילט אין זייער לעבן. סרוב האַלטן, אַז זייערע סעקסועלע באַציִונגען. זאָרגן פאַר זיך אַליין. אויף דעם אופן פאַרנאַכלעסיקן זיי דאָס גאַנצע, פאַרנעמען זיך נישט מיט דער זעלבסטדערציִונג, צו וועלכער דאָס פאַרפליכטעט זיי, און מאַכט פון זייער לעבן אַ פאַרווילדעטן גאָרטן, ווו דאָס געשלעכטלעכע איז בלויז אַ נעבנזאַך, אָנשטאָט הייליקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

קיין שום קונסט זאָרגט נישט פאַר זיך גופא. און ליבע איז די וויכטיקסטע, די לעבנסוויטאַלנדיקסטע פון אַלע קונסטן, ווייל עס איז דער ביאָלאָגישער און פיזישער וואָרצל פון אַלע איבעריקע.

אַנדרע טרידאָן זאָגט וועגן דעם אין זיין גרויסאַרטיקן ווערק איבער „פסיכאָאַנאַליז און ליבע": אַז מען באַטראַכט דעם קינסטלעכן כאַראַקטער פון דער חתונה-פאַרבינדונג און מען קלערט גלייכצייטיק וועגן דער פסיכאָלאָגישער וויכטיקייט פון איר דויערהאַפטיקייט, ווי ווייט דאָס איז נוגע דעם געזונט פון די קינדער, וואָלט עס געדאַרפט זיין איינע פון די דרינגלעכסטע פליכטן פון דער געמיינשאַפט (וואָס זי דערפילט זי אָבער קיינמאָל נישט) צו געפינען אַלע דענקבאַרע מיטלען און וועגן, כדי דאָס סעקסועלע פאַרלאַנגען פון מאַן און ווייב זאָל אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך בלייבן פריש און שטאַרק.

טרידאָן זאָגט ווייטער, אַז די פערזענלעכע אָנציִונגס-קראַפט און שיינקייט פון מאַן און ווייב זענען אומגעהייער וויכטיק און דאַרפן דערהאַלטן און געפלעגט ווערן, ווען עס איז נויטיק, מיט קינסטלעכע מיטלען, כדי דאָס עראָטישע אין זיי זאָל נישט אָפּשטאַרבן אונטער דער איינטאָניקייט און געוויינהייט פון טאָגטעגלעכן לעבן. שוין מחמת דעמדאָזיקן עראָטישן גרונט, אויב נישט צוליב קיין שום אַנדערן, וואָלטן שיינקייט און געזונט געדאַרפט זיין אַ פליכט פאַר דער מענטשהייט.

אָרעמקייט העלפט אַ סך מיט אוממעגלעך צו מאַכן די דערהאַלטונג פון שיינקייט און געזונט. די כסדרדיקע מורא, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט דער אָרעמקייט, שטערט דאָס ליבע-לעבן אין דער הייראַט, ווייל ליבע דאַרף האָבן זיכערקייט, פרייע צייט, באַקוועמלעכקייט.

נאָך אַ צווייטע זאַך פאַרשאַפט גרויס אומגליק אין דער הייראַט. זי איז אַ פּראָדוקט פון אומוויסנהייט, מורא, אָרעמקייט און דריקט זיך אויס אין שטרעבן פון מאַן און ווייב צו אונטערדריקן די פערזענלעכקייט פון צווייטן, נישט געקוקט

אויף דעם, וואָס בעת דער ליבע פ אַ ר דער חתונה האָט מען זיך קעגנזייטיק אָנערקענט און געאַכט. די ליבע פאַרשווינדט אָבער גאָר לייכט צוזאַמען מיטן רעספעקט פאַרן צווייטנס א י ך. דעריבער איז אויך פאַלש די געוויינלעכע אָנשויונג, אַז מאַן און ווייב מוזן זיך שקלאַפיש צופאַסן איינער צום צווייטן. איך באַקעמף דאָס אַנטשיידן. קיינער דאַרף זיך אין דאָזיקן זין צו ווענען עס איז נישט צופאַסן. אויב מען פאַסט זיך צו, אונטערדריקט מען זיך. „צופאַסונג" איז אַן אומאיידעלע פאָרם פון היימישן פאַציפיזם, ביים „שלום פאַר יעדן פרייז", פאַרשאַכערן די שוואַכע מענטשן פוןביידע געשלעכטער זייערע נשמות פאַר אַ טאָפ לינזן. זיי ווילן באַקוועמלעכקייט און געפינען די צייטנווייז. אָבער איין ליגן און איין העפלעך אויסבאַהאַלטן פירט צו אַנדערע, און די שטאַרקערע פערזענלעכקייט צוברעכט מיט איר טיראַניי פאַמעלעך אָבער זיכער די זיך „צופאַסנדיקע" צווייטע. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פאַרהייראַטע לייט באַצאָלן פאַר אַזעלכע אונטערדריקונגען פון זייער מהות מיט נערוועזע שטערונגען און אַלע מעגלעכע דערפון אַנטשטייענדיקע קראַנקייטן. דער שוואַכערער טייל פון אַזאַ פאָרפאָלק פאַרלירט אָפט זיין סעקסועלע פעיקייט, די איינציקע אַרט פון נקמה, וואָס עס קאָן נעמען דאָס חרוב געוואָרענע אינטערבאַוווסטזיין, און די דאָקטוירים פלאָגן זיך נישט ווייניק מיט די פאָלגן, וועלכע עס רופט אַרויס דידאָזיקע אומגליקלעכע נקמה.

וואָס מאַן און ווייב דאַרפן, דאָס איז אָנשטאָט צופאַסונג אַ קרעפטיקן עגאָיזם, פאַרבונדן מיט קעגנזייטיקן רעספעקט און ריכטיקער סבלנות, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ גרינדלעכן ווידערשטאַנד קעגן דעם ווייבלעכן „קוואַקן" און דעם מענלעכן „ליאַרעמן", וואָס טאָרן נישט דערלאָזט ווערן נאָך דער חתונה, פונקט ווי זיי זענען נישט פאָרגעקומען פריער. די אומפאַרלעצבאַרקייט פון פערזענלעכן מהות, וואָס איז מעגלעך נאָר דורך אומאָפהענגיקן דענקען און האַנדלען און פריי זיין פון מורא, באַטייט אין פאַמיליען-לעבן אַזוי אומענדלעך פיל, וויל

זי איז דאָס איינציקע, וואָס פאַרשאַפט מאַן און ווייב דעם קעגנזייטיקן פּערמאַנענטן רייץ אין געשלעכטלעכער באַציונג.

אונטער גינסטיקע אומשטאַנדן קאָנען מאַן און ווייב בלייבן איינער פאַרן צווייטן געשלעכטלעך אָנציענדיק אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון זייער פיזישער פעיקייט. דערנאָך דאַרף דער רייכער סימבאָליזם פון דאָזיקן סעקסועלן לעבן זיין אין זיי אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז זייערע באַציונגען פון איינעם צום צווייטן אַלס זיך ליבנדע זאָל ווערן עפּעס פּערמאַנענטעס און בלייבן שטאַרק און לעבעדיק ביזן סוף פון זייער לעבן. ליידער מאַכן די פאַרהעלטענישן אַזאַ מין אמתדיקע הייראַט געוויינלעך אוממעגלעך. און דאָס איז איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס פון אונזער ציוויליזאַציע.

אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט פון מורא איז אוממעטום שווער צו דערגרייכן און אויפצוהאַלטן, ווי איין טייל פון דער צונויפגעבונדענער פאַרטיי איז אָפּהענגיק פון צווייטן, פון וועמענס חסד ער לעבט. דערביי איז אויך נישט מעגלעך קיין ריכטיקע פאַרטנערשאַפט. אַנדערע מענטשן האָבן אַזוי ווייניק זעלבסטאַכטונג, אַז דאָס שטערט זיי נישט. עס זענען פאַראַן מענער, וואָס האָבן חתונה מיט רייכע פרויען און זענען באַשיימפערלעך דערמיט צופרידן, וואָס זיי לעבן אויפן חשבון פון דעם ווייבס קאַפּיטאַלן; פונקט אַזוי זענען פאַראַן פרויען, וואָס האָבן חתונה מיט מענער אויסשליסלעך, כדי זיי אויסצונוצן. דאָס איז הייראַטס־פּראָסטיטוציע.

די ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט פון די פאַרהייראַטע פרויען וואָלט זיכער פיל צוגעהאָלפן צו לייזן דעם הייראַטס־פּראָבלעם. עס איז אָבער זייער שווער, ביי אונזערע איצטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַר אַזאַ מעגלעכער און ווירקזאַמער אומאָפּהענגיקייט. די ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט פון דער פרוי פאַר דער חתונה איז שוין איצט אַ געוויינלעכע דערשיינונג, וואָס ווערט כסדר אַלגעמיינער. און קוים איז שוין די פרוי געוועזן אַ מאָל זעלבסטשטענדיק און ווייס, אַז זי קאָן פאַר זיך פאַרדינען, וועט אין

איר תמיד בלייבן עפּעס אומאָפּהענגיקס, וואָס איז שטאַרק משפּיע אויף די באַציונגען צו איר מאַן. זי קאָן אים שטענ־דיק איבערלאָזן, איז נישט אָנגעוויזן צו לעבן אויף זיין רעכענונג ווי אַ פּלגש, וואָס גיט זיך אָפּ נאָר פאַרן געלט.

— און דאָך אַלץ צוזאַמענגענומען: ווער עס פאַרדינט אין פאַמיליען־לעבן דאָס געלט, דער האָט די איבערגעוויכט, האָט, ווען ער וויל, אַ גאַנץ באַשטימטן יתרון.

דער מאַן קאָן דעמדאָזיקן יתרון תמיד פולשטענדיק אויס־נוצן און ברעכן דעם קלאָרן אָפּמאַך פון אַ פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטער פאַרטנערשאַפט, ווו דאָס ווייב האָט מייסטנס אַריינגעטראָגן מער ווערטן ווי דער מאַן.

דאָס אומגליק איז, וואָס ביי די הייגטיקע באַדינגונגען איז נאָך די פרוי כסדר אין דער געוואַלט פון מאַן, איבער־הויפּט בעת זי האָט און דערציט קינדער. קוים וויליקט זי גאָר איין צו האָבן קינדער, איז זי ערב פאַרן גליק מיט איר אייגענער פּערזאָן. ווען באַקאָן האָט געזאָגט, אַז אַ מאַן, וואָס האָט חתונה, איז ערב פאַרן גליק מיט זיין פּערזאָן, האָט ער געדאַרפט צוגעבן, אַז דעם מאַנס פרוי טוט עס נאָך פיל מער. לכל הדעות איז עס אַ מאָטיוו, צוליב וועלכן אַ סך פאַרהייראַטע פרויען האָבן מורא פאַר דער מוטערשאַפט, וואָס לויט זייער נאַטור ווינשן זיי עס אַממייסטן.

פאַרן דאָזיקן צושטאַנד איז נישטאָ קיין באַזונדערער, פיקס־און־פאַרטיקער היילמיטל, ווייל עס איז קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן ענין פון פּערזענלעכער האַלטונג, וואָס באַזירט פיל מער אויף אינערלעכע ווי אויף אויסערלעכע שטערונגען. אַ ריכטיקע געזעצגעבונג קאָן אין אויסערגעוויינ־לעכע פאַלן עפּעס אויפטאָן, אָבער זי דערגרייכט נישט די נויטן פון די מענטשן, וואָס ווילן זיך גאָר נישט ווענדן וועגן דעם צום געריכט און טראָגן ליבערשט זייערע ליידן אין דער שטיל.

מ׳האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די מלוכה זאָל שיצן מוטערס און קינדער דורך אַ רענטע־פאַרזאָרגונג. איין מוטער האָט אָבער לגמרי אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען ווי די צווייטע; איינע

זוינט אין צווײ, די אַנדערע אין צוועלף צימערן. דאָס, וואָס עס קאָן פאַר איין מוטער באַדייטן אַ גרויסע הילף, וועט פאַר דער צווייטער זיין בלויז אַ טראָפּן אויף אַ הייסן שטיין. עס דאַרף נישט זיין קיין רענטע פאַר מוטערס, נאָר הילף פאַר קינדער, ווי עס איז שוין, למשל, איינגעפירט אין שטאַט קאָלאָראַדא. דער שטאַט האָט פונקט דעם זעלבן לעבנס-אינטע־רעס פאַרן קינד ווי דער פאָטער און די מוטער און דאַרף דעריבער צוליב זיך גופא דעם קינד העלפן, באַשטימענדיק אָבער די עלטערן אַלס פאַרוואַלטער מיט דער הילף-סומע.

כסדר מוז איך מיט געוואַלט צווינגען די פאַמיליען-פאָ־טערס צו זאָרגן פאַר זייערע קינדער און דראָענדיק מיט תּפיסה-שטראָף, פאָדערן פון זיי געוויסע פּראָצענטער פון זייער הכנסה. אָבער וואָס טויג עס סוף כּל סוף אין גאַנצן, אויב עס דערגייט צום ערגסטן, און איך מוז דעם מאַן לאָזן אַרעסטירן? דעמאָלט בלייבט די פאַמיליע ווידער אָן אַ גראָשן. יאָ, ווען דער מאַן דער זאָל אין תּפיסה קאָנען ווי געהעריק פאַר־דינען! ביז איצט האָבן מיר נאָך אָבער אַזעלכע איינריכטונ־גען נישט געשאַפן. קאַליפאָרניע האָט עפּעס יאָ געמאַכט אַ פּרוּוו אין דער דאָזיקער ריכטונג, און קאָלאָראַדא וועט אין קומענ־דיקן יאָר אויך עפּעס אונטערנעמען. ריכטיקע געזעצן וואָלטן דאָ, נאַטירלעך, אויך געקאָנט פיל אויסבעסערן, דאָס איינציקע אָבער, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען דויערנדע פאָלגן, איז די זאָרג וועגן אַ גלייכמעסיקער דערציִונג פון אַלע, פון די עלטערן און פון די קינדער. און דאָס — — איז נאָך זייער ווייט! איך האָב פאַר די לעצטע יאָרן דערלאַנגט אין קאָלאָ־ראַדא פאַרשידנאַרטיקע פּראָיעקטן וועגן אָבליגאַטאָרישן אונ־טערריכט פאַר עלטערן, באַזונדערס וועגן סעקסועלער היגיענע און קינדער-דערציִונג. אַזוי ווי דער שטאַט האָט נישט בדעה צו דערציען די קינדער פאַר דער עלטערנשאַפט, וואָלטן מיר אפשר, האָב איך געקלערט, געקאָנט עפּעס אויפטאָן דורך דער דערציִונג פון די עלטערן.

פאַר אונז, וועלכע האַלטן, אַז מיר האָבן אַ קלאָרע

פאַרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַלץ האָט געזאָלט זיין, קומען די דאָזיקע שנוים מיט פאַרצווייפלטער לאַנגזאַמקייט. זייער אָפּט נעמט עס אָפּ דעם גאַנצן מוט. פון אַן אַנדער שטאַנד-פּונקט אָבער קומען זיי נישט לאַנגזאַם, נאָר, להיפּך, מיט קאָפּשווינדלדערישער גיכקייט. עס איז דערשטוינלעך, אַז אַלע פאַרענדערונגען, וועגן וועלכע איך רעד אין דעם דאָזיקן בוך, זענען אַ פּראָדוקט פון די לעצטע צען יאָר, כאָטש דענקנדע מענטשן האָבן עס שוין אַ סך פריער באַמערקט און פאָרויס-געזען, וואָס עס טראָגט זיך אין דער לופט. אַזוי האָבן, למשל, פיל פּאַהייראַטע לייט אַ ווייט גערעכטערע אויפפאַסונג פון הייראַט-פאַרהעלטעניש אין פינאַנציעלער און ווירטשאַפט-לעכער באַציונג, אַן אויפפאַסונג, וואָס זיי האָבן איר אין שולע קיין מאָל נישט געלערנט, נאָר וואָס איז דורכן גייסט פון דער צייט אין זיי געוועקט געוואָרן. די אַלטע אידעע, אַז דאָס, וואָס דער מאַן פאַרדינט, געהערט אים, און אַז אַלץ, וואָס ער גיט ווייב און קינדער, איז אַ פרייוויליקע גאָב פון זיין גנאָד און גרויסמוטיקייט — די דאָזיקע אַלטע אידעע איז שוין אַרויס פון דער מאָדע. די פרויען אונטערוואַרפן זיך נישט מער הכנעהדיק דער דאָזיקער אָנשויונג. זיי טראָגן אַריבער די פּראַקטישע יסודות פון גלייכבאַרעכטיקונג און געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד, וואָס זיי האָבן פריער געלערנט אין גע-זעלשאַפט-לעבן, אויף דער הייראַט. צו דער שאַנד פון די קירכן און שולן מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן צו דער דאָזיקער אַנטוויקלונג גאַנץ ווייניק צוגעהאָלפן. פריער זענען די פרויען געווען לגמרי אומווויסנדיק, און דער מאַן האָט דעצידירט וועגן די ווירטשאַפטלעכע יסודות פון פאַמיליען-לעבן, איצט איז די פרוי אויפגעקלערט און פאָדערט פון אָנהויב אָן אַן אומבאַדינגטע שותפות און דערקלערט לכתחלה, אַז איר בייטראַג צום פאַמיליען-לעבן האָט פּונקט דעם זעלבן ווערט ווי געלט. געמיינזאַמע באַנק-שיינען זענען איצט פיל מער אָנגענומען, און דער מאַן, וואָס מאַכט זיין פרוי הילפלאָז, לאָזנדיק זי אָרעם, געהערט איצט צום אַלטן וועזן.

איך האַלט פאַר איבעריק צוצוגעבן, אַז מענער, וואָס מאַכן זייערע פרויען אָפּהענגיק פון זיך, רויבן אַוועק ביי זיך גופא דאָס, וואָס זיי האָבן געזוכט אין דער צייט פון זייער ליבע: די פאַרבינדונג מיט אַ צווייטער פרייער פערזענלעכקייט. עס איז דעריבער זעלבספאַרשטענדלעך, וואָס אַזעלכע פרויען, כדי זיך צו באַלוינען פאַר זייער הילפלאָזיקייט, רייצן זיך, פאַראומערן איינאַנדער דאָס לעבן און ווערן אייפערזיכטיק און קליינלעך.

איך גלויב אין דער מעגלעכקייט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער מענטשהייט איז שוין באַלד רייף פאַר דער דאָזיקער אידעע פון אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג פון צוויי אומאָפּהענגיקע מענטשן אין הייראַטס-לעבן. די רעוואָלוציע פון דער מאָדערנער יוגנט מאַרשירט דייטלעך אין דער דאָזיקער ריכטונג.

נײַנצנטער קאַפּיטל

די הײנטיקע געזעצלעכע חתונה מוז װי יעדער בױם באַאורטײלט װערן לױט דער פּרוכט. װען די פּרוכט טױג נישט און דאָך באַהױפּטעט מען נאָך, אַז דער בױם איז גוט, אַזױ װי ער איז, אומבאַשניטן, אומגעפּוצט און לגמרי פאַרנאַכלעסיקט פֿון מענשטלעכער קונסט, דאַן מוז מען דאָך װײניקסטנס קאָנען באַװײַזן, פ אַ ר װ אָ ס דער בױם זאָל נאָך גוט זײַן.

באַטראַכטן מיר די הײנטיקע פּרוכטן, װאָס מיר שנײַדן פֿון דאָזיקן אוראַלטן, פֿאַרנעכלעסיקטן חתונה-בױם, מוזן מיר זאָגן, אַז זײ זענען נישט פיל בעסער װי די פּרוכט פֿון װילדן פעלד-װאַלד- און לאָנקע-קוסט. אױף יעדער הײראַט איז אין דענװער אין יאָר 1922 אױסגעקומען אײן סעפּאַראַציע, אױף יעדער צװײטער הײראַט אײן גט-פּראָצעס, און די דאָזיקע צאָלן גילטן נישט בלױז פאַר דענװער. זײ באַשטעטיקן זיך אין אַ סך שטעט פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. פריער איז אױסגעפאַלן בערך אײן גט אױף פיר חתונות.

אין 1922 זענען ביז בעצעמבער, לױט די געריכטס-אַקטן, געװען אין דענװער 1492 גטן אױף די צאָל פֿון 2908 חתונות. אין דער זעלבער צײַט האָבן מײַנע אײגענע אַקטן געװיזן 1500 פאַלן פֿון בײזװיליקן פאַרלאָזן די פרױען און נישט דערפילן די אױסהאַלטונגס-פליכטן, דערצו קאָן מען נאָך צו-געבן אַ געװיסע צאָל, װאָס זענען דערלײדיקט געװאָרן פֿון דער האַנט, נישט צוקומענדיק צו קײן אַקטן. צוזאַמען זענען

יעהען 2992 גטן און סעפּאַראַציעס. ביז ענדע יאָר זענען צו־
געקומען בערך נאָך אַ 50 גטן און 100 חתונות, סך־הכל הייסט
עס 1542 גטן אין 3008 חתונות. די צאָלן פאַר 1921 זענען
געווען 1497 גטן און 3626 חתונות, דאָס הייסט אַז אין 1922 איז
דער צוּוואוקס פון גטן געשטיגן אויף 45 און דער פאַרלוסט פון
חתונות געפאַלן אויף 618. אין 1920 זענען נאָך אין דענווער
געווען 4002 חתונות, זאָל מען עס פאַרגלייכן מיט די 3008 אין
יאָר 1922! די מענטשן ווערן ערשט קלוג נאָכן שאָדן!

אין טשיקאַגאָ זענען אין 1922 געווען 39000 חתונות און
13000 גטן. אויב אָבער 13000 גטן זענען פאַרגעקומען אָפיציעל,
הייסט וויפל פאַרלעך, מיינט איר, זענען געווען אַזעלכע, וואָס
האָבן זיך געוואָלט שיידן, און האָבן עס אָבער נישט געוואַגט?
ווייל אַ גט איז נאָך שטענדיק אַ זייער אויפרעגנדיקע און
אומאָנגענעמע זאַך, אויף וועלכער מען אַנטשליסט זיך, ווען עס
ווערט שוין באמת אומדערטרעגלעך שווער אַריבערצוטראָגן.
אויב אין טשיקאַגאָ זענען אין יאָר פון גליק 1922 פאָרגעקו־
מען 39009 חתונות, איז עס אַ העכסט קאָנסערוואַרטיווע אָפּ־
שאַצונג, אַז גאַנצע 26000 צו די 13000, וואָס האָבן זיך געגט,
וואָלטן זיך אָפּגטן, ווען זיי זאָלן האָבן דערצו די מעגלעכקייט.
די דאָזיקע אָפּשאַצונג באַזירט ביי מיר אויף מיינע דערפאַ־
רונגען מיט פאַרהייראַטע לייט, וואָס קומען צו מיר בסוד זוכן
אַן עצה און אַ טרייסט, און וואָס וועלן זיך בשום אופן נישט
אַנטשליסן אויף קיין גט, ווי שטאַרק זיי זאָלן עס נישט וועלן.
איך האַלט, אַז זייער צאָל איז אַ סך אַ גרעסערע פון די,
וואָס גייען צום געריכט.

אין אַ סטאַטיסטישן באַריכט פון דער „United Press“
וועגן חתונות און גטן פאַרן יאָר 1924 געפינען איך פּאָלגנ־
דיקע צאָלן:

אַטלאַנטאַ, גא:

חתונות... 3350, גטן... 1845

לאָס אַנזשעלעס:

חתונות... 16605, גטן... 1882

קאנזאס סיטי:
חתונות... 4824, גטן... 2400
שטאט אהיאָ
חתונות... 53,300, גטן... 11,285
דענווער:
חתונות בערך 3000, גטן... 1500
קלעוולאַנד:
חתונות... 10132, גטן... 5256

נאָך שטעט מיט ענלעכע צאָלן זענען געווען פּאָרטלאַנד, סיטלע, מעמפיס, אָמאַהאַ א. אַ. וו.

לויטן דאָזיקן אַרטיקל זענען געווען בערך פיר מאָל אַזוי פיל חתונות ווי גטן אין צוואַנציק פון אונזערע הויפּט־שטעט און שטאַטן. אָן שום ספק זענען עס געווען אַזעלכע שטעט און שטאַטן, ווי די גט־געזעצן זענען ליבעראַלע. אין אַנדערע, ווו דאָס איז נישט אַזוי לייכט, פאַלט די צאָל פון געזעצלעכע גטן מחמת די אומגעהייער גרויסע געלט־סומען. וואָס די מענער דאַרפן איינצאָלן פאַר נישט דערפילן זייערע אויסהאַלטונגס־פליכטן, ווי דורך סעפּאַראַציע „פון טיש און בעט” און אַנדערע פאָרמען, וואָס ווערן באַנוצט דאָרט, ווו עס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן אַ געזעצלעכן גט. עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס דוקאַ ביי אַזעלכע צו־שטאַנדן פאַרשטאַרקט זיך כּסדר די צאָל פּאַראַטן.

פאַרגלייכט מען די אויבן געבראַכטע צאָלן מיט די פון פריערדיקע יאָרן, זעט מען גאַנץ דייטלעך, אַז די צאָל סע־פּאַראַציעס און גטן האַלט אין איין וואַקסן און דערגרייכט שוין באַלד די צאָל חתונות.

פּאַקטיש שטייען זיי שוין גלייך אויף גלייך, ווי איך האָב עס באַוויזן אין מיינע אַקטן, וואָס ברענגען נאָך נישט אייגנטלעך אַלע יענע פאַלן פון סעפּאַראַציע און אַנולירונג פון דער חתונה אָן אַ געריכטלעכן גט.

מיר האָבן טויזנטער פאַלן, וואָס אַפילו אָן דער געזעצ־לעכער באַשטעטיקונג, קענען זיי באַצייכנט ווערן אַלס אַנולי־

־ונג פון די באַטרעפנדע חתונות. עס איז נישטאָ קיין שום גרונט זיי נישט אַריינצורעכענען אין דער קאַטעגאָריע פון גטן, ווייל זיי וואָלטן דאָך זיכער געווען לעגאַלע גטן, ווען נישט עפּעס אַן אומשטאַנד אָדער וועלכע נישט איז פאַרהעל־טעניש וואָלטן דערצו נישט געשטערט. אינערלעך און אוי־סערלעך געהערן זיי לכל הדעות צום זאַמל־באַגריף „חתונות וועלכע האָבן זיך נישט איינגעגעבן".

אַ גרויסע צאָל אומגליקלעכע חתונות דערגייען בכלל נישט צום גטן־געריכט, ווייל ביידע צדדים ווילן נישט מקריב זיין זייער היים און זייערע קינדער. געזעצלעכע פאַרפליכטונ־גען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן גט, פאַרשטאַרקן נאָך דידאָ־זיקע מורא.

אַ צווייטער גרונט, וואָס דערלאָזט נישט צו קיין גט, איז די אָפּשוואַכונג פון דער ענערגיע דורך דער טעגלעכער געוווינהייט. מאַן און ווייב לערנען זיך אויס איינער דעם צווייטן צו פאַרטראָגן, כאָטש אינערלעך בלייבן זיי זיך פרעמד.

נאָך אַ וויכטיקערער גרונט איז דיווירטשאַפטלעכע אָפּ־הענגיקייט פון דער פרוי. די מייסטע אָנקלאַגעס וועגן גטן קומען מצד די פרויען, און אויב עפּעס איז זיכער, איז עס דאָס איינע, אַז וואָס מער פרויען עס וועלן ביים נייעם לעבנס־שטייגער דערגרייכן אומאָפּהענגיקייט, אַלץ מער פון זיי וועלן זיך, נישט געקוקט אויף אַלע רעליגיעס און קאָנווענצן, אַרויסרייסן פון די מענער, וועלכע זיי האָבן נישט ליב. דע־ריבער איז שוין היינט די וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע זעלבסט־שטענדיקייט פון דער פרוי דער הויפּט־מאָטיוו פאַר דער פאַר־גרעסערטער צאָל גטן ווי אויך פאַר דער צאָל פון פריי־פאַרבינדונגען, און דידאָזיקע צאָלן וועלן אַזוי לאַנג שטייגן, ביז עס וועט דערגרייכט ווערן אַ געוויסער גראַד גלייכגע־וויכט.

דעמאָלט וועט אָבער די זעלבסטשטענדיקייט פון דער פרוי דוקא פאַרקלענערן די צאָל גטן. דאָס מיידל וועט לכתחלה פיל ערנסטער און פאָרזיכטיקער אויסוויילן איר חבר

די פרייע פאַרבינדונגען וועלן דאַן גאָך מער שטייגן. קוים וועט אָבער די פרוי הייראַטן, וועט זי וויסן וואָס זי טוט, און וועט זיך שאַפן אַזאַ אומאָפּהענגיקע לאַגע אין פאַמיליען-לעבן, וואָס זאָל אוממעגלעך מאַכן אַלע יענע רייבונגען און שפּאַנונגען, וועלכע שטאַמען אויסשליסלעך פון דער דערניי-דערנדיקער אָפּהענגיקייט פון דער פרוי.

פריער האָט אַ פרוי בכלל נישט געקאָנט טאָן מער ווי זיך אונטערוואַרפן, אָדער דעם מאַן דורך יאָדען און שעלטן אַזוי דערעסן, אַז זי זאָל שפּילן די ערשטע פידל. די מייס-טע סאַטירעס, ס'רוב הומאָר איבער דער חתונה באַזירן אויף דערדאָזיקער טיראַניי פון דער שוואַכקייט, דורך וועלכער די פרויען האָבן פון די אוראַלטע צייטן אָן געפּרוווט באַהאַלטן פון זיך גופא און פון אַנדערע זייערע אינערלעכע הילפלאָזע אומאָפּהענגיקייט, זייער האַלב אומבאַוווסטע מורא. זייער שקלאַ-פעריי האָבן זיי פריער געהאַלטן פאַר עפּעס זעלבספאַרשטענ-דלעכס, נאַטירלעכס, פון גאָט אַליין געוואָלטס.

די קאַמפן און שפּאַנונגען זענען נאָך פאַראַן, זיי גע-פינען אָבער ביסלעכווייז אַן אויסוועג אין מעשים. די ענדערונג קומט פאָר, און ווען מיר זאָלן נישט טרייבן קיין שטרויס-פּאָליטיק, האָבן מיר זי געדאַרפט באַגריסן און אַנטוויקלען. עס קאָן זיין, אַז פאַר אונז איז טאַקע בעסער, אַז די צאָל גטן זאָל זיך וואָס גיכער פאַרגרעסערן, כדי מיר זאָלן סוף-כל-סוף פטור ווערן פון די אַלטע פוסטע געזעצן און מאָראַל-פאַר-שריפטן. נאָר איין באַגרעניצונג מאַך איך דערביי: פאַמיליעס מיט קינדער זאָלן ווי ווייט מעגלעך זיך נישט גטן. אָבער אפילו אין אַזעלכע פאַלן איז עס אָפט ריכטיקער, מקריב צו זיין די היים און דאָס פאַמיליען-לעבן, ווייל אַן אומגליקלעך צוזאַמענלעבן פון די עלטערן ווירקט געפערלעך אויף די קינדער.

צוואנציקסטער קאפיטל

מיין שטעלונג צו דער חתונה און מיינע איבערצייגונגען וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זי טראָגט אין זיך, האָף איך צו האָבן גענוג קלאָר געשילדערט. און דאָך צווייפל איך נישט, אַז אַ סך פון מיינע לעזער זענען עס בשום אופן נישט משיג, ווי קאָן אַ פּאַרטיידיקער פון דער חתונה-אינסטיטוציע זיך באַציען טאָלעראַנט צו מענטשן, וואָס זינדיקן קעגן דעם קאָנווענציאָנעלן טייל פון איר היינטיקער פאָרם. אפשר וועט מען מיינע אָנשויאונגען געפינען פאַר ווייניקער אומלאָגיש, אויב מען וועט אַ טראַכט טאָן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע מאָטיוון פאַר מיין שטאַנדפּונקט איז דאָס רעכט און גליק פון די אומגעבוירענע קינדער. פון זייערטוועגן פאַרלאַנג איך, אַז די געזעלשאַפט זאָל רעספּעקטירן אַלע יענע פרייע פאַר-בינדונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען און האַלטן זיך אין גוטן גלויבן, מיטן גוטן ווילן צו ליבע און טריישאַפט. אויב די עלטערן באַשטייען דערויף, צו געשטאַלטן זייער לעבן אויף אַזאַ אופן, איז עס אַן אומרעכט פון דער געזעלשאַפט זיי אַזוי צו באַהאַנדלען, אַז זיי זאָלן נישט וואַגן צו האָבן קיין קינדער. זייער אָפּט זענען דוקא זיי די מענטשן, וואָס דאַרפן האָבן קינדער, ווייל זיי זענען בכח זיי מיטצוגעבן ווינשנס-ווערטע קערפּערלעכע און גייסטיקע פעאיקייטן. פאַרוואָס צווינגט מען זיי נישט בלויז אויסצומיידן דאָס האָבן קינדער, וואָס זייער אָפט ווילן זיי עס אַזוי שטאַרק, נאָר אַפילו זייערע

אומגעבוירענע קינדער צו מאָרדן, אויב עס קומט דאָך פאַר אַ שוואַנגערשאַפט ?

אַז די דאָזיקע האַלטונג פון דער געזעלשאַפט איז אויפן העכסטן גראַד נישט קלוג און זינדהאַפטיק, באַווייזן מיר כסדר די צעשטערטע פאַמיליע־לעבנס, צו וועלכע איך קוק זיך צו, און וואָס זענען בשום אופן נישט אַזעלכע ווי זיי האָבן גע־זאָלט זיין לויטן געזעץ, און ווי זיי מאַכן צביעותדיק דעם אָנשטעל כלומרשט צו זיין. די דאָזיקע שקרים, צביעות און געצן־דינסט שטייען מיר שוין אין האַלדז. באַזונדערס האָב איך פיינט תכלית־שנאה דאָס, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע באַשיימפערלעכע פאַקטן, בלייבן די קירכן עקשנותדיק ביי זיי־ערס, פאַרוקן דאָס גאַנצע אומגליק פון דער זינדיקער, פאַר־דאָרבענער מענטשן־נאַטור ערגעץ אין אַ ווינקל, אָנשטאָט, ריכטיקער, דאָס אַרויפצוואַרפן אויף די פאַרדאָרבענע, אומ־פולקאָמע געזעצן און כללים, לויט וועלכע די מענטשן האָבן געזאָלט באַפרידיקן זייערע גאַנץ נאַטירלעכע און בשום אופן נישט זינדיקע סעקסועלע באַדערפענישן און האָבן קינדער.

איך פאַרלאַנג דעריבער אין די אינטערעסן פון די אומגעבוירענע קינדער, וואָס ווערן נאָך פאַר זייער געבורט באַדראָט מיט מאָרד און שפּעטער מיט שאַנד, אַז דער סאָציאַ־לער שאַנד־פלעק אויף די פרייע פאַרבינדונגען זאָל פאַרשווינדן, און אומפאַרהייראַטע פּאָרלעך, צי זיי האַנדלען ריכטיק אָדער נישט, קלוג אָדער נאַריש, זאָלן קאָנען האָבן קינדער אָן שום מורא, אַז אונזערע קאָנווענציאָנעלע פּראַים וועלן אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און שרייען. „אומריין! אומריין! איך פאַרלאַנג ווייטער, אַז די געמיינשאַפט זאָל פ ר י ע ר דורך דערציאונג ריכטיק מדריך זיין און נישט ש פּ ע ט ע ר פאַר־לאַנגען, ווען דער שאָדן איז שוין געמאַכט, צו פאַרפאָלגן מיט אַן אכזריות, וואָס טרייבט צו פאַרצווייפלונג, אַפילו צו מאָרד.

איך בין קודם־כל פאַר די קינדער, ווייל איך בין קודם־כל פאַר דער געמיינשאַפט. די קינדער פון היינט זענען די געמיינשאַפט פון מאָרגן. איך פאַרטיידיק דעריבער דאָס רעכט

פון קינר געבוירן צו ווערן, איך פראָקלאַמיר, אַז קיין אומגעוועצלעכע קינדער קאָנען און דאַרפן בכלל נישט זיין. איך פאָדער פאַר דער אומפאַרהייראַטער מוטער, אַלס פאַרן הייליקן קאַנאַל פון לעבן, דיזעלבע אַכטונג און יראת-הכבוד ווי פאַר דער פאַרהייראַטער, ווייל מוטערשאַפט איז עפעס קאָסמישעס, און קוים איז ווי פאַראַן, טאָרן זי קיין שום קאָנווענצין נישט מחלל זיין.

פאַר מיין אינערלעכן אויג שטייט איינע פון יענע עלגטע מיידלעך, ווי איך פלעג זיי אין אַ לאַנגער פראָצעסיע זען פאַרבייגיין פאַר מיין יוגנט-געריכט. זי האָט זיך געלאָזן אָפּטרייבן איר קינד מחמת מורא פאַר דער עפנטלעכער שאַנד.

— איך האָב אין אַ געוויסן זין קעגן דער געזעלשאַפט געזינדיקט, האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ שמערצפולן טאָן, וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַלץ וואָלט איך זיך געקאָנט מוחל זיין, אָבער נישט דאָס, וואָס איך האָב מיר געלאָזן אָפּנעמען מיין קינד. אָ, פאַרוואָס פאַראורטיילט מען אַ מיידל, אַז אַז זי טוט עפעס גוטס און איידלס און ברענגט אויף דער וועלט אַ קינד, און מען זאָגט איר קיין וואָרט נישט, אויב זי טראָגט עס נישט אויס?

מענטשן, וואָס אַכטן נישט דאָס רעכט פון די אומגעבוירענע, פלאַפלען ווי פאַפוגעס וועגן דעם, אַז מיט דער אָנדערקענונג פון פרייע פאַרבינדונגען סאַנקציאָנירט מען די עפנטלעכע אוממאָראַליטעט. אויב דאָס זאָל אָבער הייסן אַ סאַנקציע פון אומזיטלעכקייט, הײנט וואָס זאָל מען שוין זאָגן צום מאָרד פון ווייניקסטנס אַנדערהאַלבן מיליאָנען אומגעבוירענע קינדער יערלעך אין דאָזיקן לאַנד, און צום מאָרד פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער נאַטירלעכע, אָבער אומגעזעצלעכע ניי-געבוירענע? די אָפּטרייבונג און מאָרדן זענען דירעקטע פאָלגן פון דער עקשנות פון דער געזעלשאַפט נישט אָנצודערקענען קיין פרייע פאַרבינדונגען און נישט אויפהערן צו פאַרפאָלגן די אומפאַרהייראַטע מוטערס. ווען מיר זאָלן האָבן די ברירה צווישן אַ סאַנקציאָנירונג פון דער זיטלעכקייט,

וואָס טרייבט אָנגעשראָקענע מיידלעך צו אָפּטרייבונג און צום קינדער-מאָרד, און צווישן דער אָנדערקענונג פון אַזויגערופענעם „אומזיטלעכן” צושטאַנד פון אַ פרייען צוזאַמענלעבן, טאָ לאָמיר, כ׳בעט אייך, סאַנקציאָנירן די „אומזיטלעכקייט” אָדער לפּחות מודה זיין, אַז זי איז דאָס קלענערע פוןביידע אומגליקן. איך בין זיכער, אַז גאָט אַליין וואָלט דערמיט צופרידן זיין, און אויך זיינע מיליאָנען דערמאָרדעטע קינדער!

צי איז עס נאָך פּאָר עמעצן אומווירקלעך און אומגלויבלעך, אַז אַזעלכע זאַכן קומען ביי אונז פּאָר שטענדיק, טאָג-טעגלעך? איך מיין, אַז עס זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס זענען נאָך נישט תּופס די גאַנצע זאַך אַרום און אַרום אַלס פאַקטישע, פּערמאַנענטע געשעענישׂ. איך אָבער שטיי טאָג-טעגלעך אין רעכטן מיטן, האָב שטענדיק צו טאָן מיטן דאָזיקן יונגן עולם, וואָס אויסער זיך פון שרעק, איז ער גרייט צו טאָן א ל ץ, אַלץ אין דער וועלט, כּדי אויסצומיידן דעם דראָענדיקן חורבן פון זיין לעבן. פון וואַנען זאָל איך נעמען די ווערטער אויף איבערצייגן אַנדערע, אַז א ז ו י א י ז ע ס פ אַ ק ט י ש? מיינע הילפסמיטלען זענען שוואַך אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי זיי האָבן געזאָלט זיין. דאָך אָבער בין איך אימשטאַנד דורך די מלוכהשע מאַכטמיטלען, וואָס זענען דעם יוגנט-געריכט אָנערקענט געוואָרן, מיטצוהעלפן ס׳רוב מיידלעך, וועלכע קומען צו מיר, אַז זיי זאָלן זיך אומפאַרלעצט אַרויסדרייען פון זייער לאַגע. איך זאָרג פאַר אַ מקלט אויף דער צייט פון טראָגן און געבוירן, פאַר דער פלעגע פון זויג-קינד. די קינדער גיב איך אָפּטערס אָפּ בלויז צייטווייליק, ביז די מוטערס קאָנען זיי אומבאַמערקט אַדאָפּטירן.

זייער אָפט דערלויב איך קינדערלאָזע עלטערן די אַדאָפּטאַציע. דערביי שפּילן זיך אָפּט אָפּ אומגלויבלעכע טראַגעדיעס. איינע פון די שווערסטע אָנגעלעגנהייטן, מיט וועלכע איך האָב כּסדר צו טאָן — איז אָפּצורייסן אַ ניי-געבוירן קינד פון זיין צעמאַטערטער מוטער. אָפּטמאָל זעט עס אויס, אַז לכתּחלה

שפּירן זיי די שיידונג נישט אַזוי שטאַרק. אָבער שפּעטער, אָפטמאָל אין חדשים און אפילו אין יאָרן אַרום, קומען זיי צו מיר און בעטן זיך רחמים אָפּצוגעבן זיי צוריק דאָס קינד. און דעמאָלט קאָן איך עס שוין נישט! אַלץ וואָס איך קאָן דאַן, איז זיי צו באַרואיקן, טרייסטן; ווי ווייט עס לאָזט זיך. שפּעטער האָבן זיי חתונה, האָבן אַנדערע קינדער, וועלכע זיי דאַרפן נישט אַוועקגעבן, אָבער קיינמאָל פאַרגעסן זיי נישט יענץ, דאָס איינע, וואָס זיי האָבן נישט געטאָרט לאָזן ביי זיך, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אויף דער וועלט, און זיי ווייסן נישט ווו.

דאָ גיב איך איבער אַ בריוו פון אַן אומפאַרהייראַט מיידל, וואָס האָט געבוירן אַ קינד און מחמת דעם געוואָרן „אוממאָראַליש". דער בריוו איז געווענדט צו דער פרוי, וואָס האָט דאָס קינד גלייך נאָכן געבורט אַדאָפּטירט. לייענט אים אויפמערקזאַם דורך און זאָגט מיר, צי געפינט איר אין אים אומזיטלעכקייט. אי ך געפין עס נישט. דעם בייגעלייגטן בריוו צו מיר גיב איך פריער:

— עס זעט מיר אויס, אַז עס איז שוין אַ גאַנצע אייביקייט, זינט איך האָב זונטאָג נאָכמיטאָג אָפּגעגעבן מיין בעבי, און איך מוז אייך פרעגן, צי האָט די פרוי, וועגן וועלכער איר האָט מיר דערציילט, מיין קינד צוגענומען. און גייט עס דעם קליינעם ליבלינג גוט, ווען איך האָב נישט די מעגלעכקייט אים אַליין צו נערן? איך בין כּסדר אומרואיק וועגן דעם, צי נעמט זי דאָס פּלעשל. אָ, איך קאָן אייך גאָר נישט זאָגן, ווי ליב איך האָב עס געהאַט! גאָט אַליין ווייס, אַז מיין האַרץ איז מיר צעבראָכן! אָבער וואָס קאָן איך טאָן? מיינע אָרעמס ווייטאָקן פון בענקעניש נאָך דעם, צו האַלטן מיין בעבי. זי איז דאָך אָבער פּאָרט מיין קינד, מיינס! מיינס! איך ווייס נישט ווי אַזוי האָב איך זיך דערוויף אַנטשלאָסן, איך ווייס אָבער, אַז פאַר איר איז עס דאָס בעסטע. אָפּטמאָל קלער איך, ווען איך זאָל דאָך געווען פריער שטאַרבן! ווען מען זאָל מיר געוועז לאָזן צייט זיך צו באַקלערן, דער

פאָטער האָט אָבער געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע איז אַ גיכע אַנטשיידונג.

גיט איבער, איך בעט אייך, דעם בייגעלייגטן בריוו דער נייער מוטער פון מיין קינד. איך לאָז אים אָפן, כדי איר זאָלט זען, אַז איך זאָג איר נישט, ווער איך בין.

אָך, אפשר וואָלט איר געבעטן צו גאָט פאַר איר און פאַר מיר ? עס איז אַזוי שווער. גאָט ווייס, ווי איך בענק נאָך מיין קינד, און איך בעט אייך זייער, שרייבט מיר לפּחות, ווי איר דערגייט און צי איז די נייע מוטער צו איר גוט.

דערנאָך דער בריוו צו דער אַדאָפּטיוו-מוטער :

ליבע אומבאַקאַנטע פריינדין !

דאָס וואָס איך האָב אָפּגעגעבן מיין קינד אין אַנדערע אָרעמס, אַן אַנדערן עס צו פלעגן, באַטייט נישט, אַז איך האָב עס נישט ליב. איך מוז אייך אָבער דאָס זאָגן, אַז דעם דאָזיקן גרויסן, גרויסן קרבן האָב איך געבראַכט פון ליבע, פון אַ ליבע, וואָס איז צו טיף, מען זאָל זי קאָנען אויסדריקן מיט ווערטער.

מיין ליבלינג איז געקומען אויף דער וועלט פון גרויסער ליבע צו איר פאָטער, ווייל מיין ליבע איז נישט געווען קיין שוואַכקייט.

איך בעט צו גאָט, אַז ער זאָל אָפּהיטן מיין בעבי און שאַפן פאַר איר אַן אָרט אין אייער האַרצן און אויך אין האַרצן פון איר נייעם פאָטער. גאָט אַליין האָט עס זיכער געוואָלט, אַז איך זאָל זי אייך אָפּגעבן, און איך האָב צוטרוי צו אייך, אַז איר וועט עס צערטלעך און זאָרגזאַם פלעגן.

יעדן אָוונט, נאָך דעם, ווי עס גייען אַוועק די לאַנגע, מידע, בענקענישפולע טעג, קוק איך אַרויס אין דער פינ- סטערניש און קלער וועגן דעם, אַז מיין בעבי איז וואַרעם און גליקלעך און האָט אַלע שיינע זאַכן, וואָס זי קאָן זיך נאָר ווינטשן. זי האָט זיכער געירשנט מיין נייגונג צו שיינע זאַכן. איך האָב די דאָזיקע ווונטשן קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרידיקן. איך בעט אייך, גיט מיין קינד אַלץ, אויב עס איז נאָר מעגלעך.

ערגעץ ווו, ערגעץ ווען וועט אפשר עמיצער ברענגען
אַ טרייסט מיין אומגליקלעך, בענקנדיק האַרץ. דערווייל טרוי
איך אייך און גאָט, אַז איר וועט ברענגען זונען־שיין אין
לעבן פון מיין קינד".

איך בין גליקלעך איבערצוגעבן, אַז אין דעם דאָזיקן
פאַל האָט די מוטער דורך די באַמיאונגען פון אונזער געריכט־
הויף איר קינד צוריקבאַקומען. די פרוי, וואָס האָט דאָס
קליינע מיידעלע אַדאָפּטירט, איז אַזוי געריךט געוועז פון
שמערץ פון דער יינגער מוטער, אַז זי האָט זיך פון קינד
אַנטזאַגט, כאָטש זי האָט עס שוין אויך אַזוי ליב געהאַט ווי
אַן אייגנס. זי האָט זיך נאָך עד־היום נישט באַרואיקט פון איר
בענקעניש נאָך אים.

דעם מיידלס פאָטער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ
ווילדן כעס איבער דער עובדה פון זיין טאָכטער, אַז ער האָט
אַנטפּלעקט פאַר זיינע פריינט די „חרפּה", וואָס האָט פאַרפלעקט
זיין משפּחה. די יינגע מוטער פלעגט אָבער און דערציט מוטיק
איר קינד, נישט רעכענענדיק זיך לגמרי מיט דער פאַראור־
טיילונג מצד דער גאַנצער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי לעבט.
זי האָט אוניווערסיטעטס־בילדונג און איז זייער גוט דערצויגן.
דעם קינדס פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, האָט
מיט איר קינדער און פאַרדינט נישט פיל, קאָן אַלזאָ ווייניק
העלפן.

דאָס גאַנצע אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן אין אוניווער־
זיטעט, ווו זיי האָבן צוזאַמען שטודירט. זיי האָבן באַזוכט פיל
פאַרוויילונגען, ווו דער עולם סטודענטן און סטודענטינס האָבן
אָרגאַניזירט פאַרשידענע שפּילן, און ווו עס איז אויך געלעגנטלעך גע־
קומען צום סעקסועלן פאַרקער. דאָ האָבן זיי זיך ביידע גע־
טראָפן. זי האָט זיך פאַרליבט, ביי איר איז עס טאַקע געווען
אַווירקלעכע טיפע ליבע, וואָס האָט זי געטריבן דערצו, זיך
אינגאַנצן אָפּצוגעבן.

איצט איז זי די דאָזיקע פעלערן און פאַרבלענדענישן
גרינטלעך אַריבערגעוואַקסן. און מיט וואָס פאַר אַ רעכט ווערט

זי נאָך אַלץ כּסדר פאַרפאַלגט! אויב זי איז דעמאָלט געווען קראַנק, קאָן מען דאָך נישט זאָגן, אַז זי איז נאָך איצט אויך קראַנק, בעת זי איז פאַקטיש געזונט! ווייל זי איז איין מאָל געווען „אוממאָראַליש!" סאָראַ מין באַגרעניצטקייט, וווהין עס שלעפּן אונז נאָך כּסדר די טראַדיציאָנעלע שקרים און צביעות! אויף וואָס פאַר אַ משונהדיקע וועגן זי טרייבט אָפּט די דאָזיקע מיידלעך, דאָס קאָן נאָר וואָגן איבערצוגעבן אַ בוך, וואָס פאַרנעמט זיך כּסדר מיט אַזעלכע פאַקטן. אין דער דיכטונג וואָלט מען אַזעלכע געשיכטן פּשוט אָפּגעלייקנט. זיי זענען אומוואַרשיינלעך. נעמען מיר, למשל, פאָלגנדיקע:

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז צו מיר אין ביוראָ געקו-מען אַ מיידל און געבעטן איר צו געבן אַן אוידיענץ אונטער פיר אויגן. זי האָט געעפנט איר בייטל און מיר געוויזן אַ גרויסע סומע געלט. דאָס געלט האָט מען איר געגעבן צו באַצאָלן פאַר דער אָפּטרייבונג.

לאָמיר זי אָנרופן מערי יעזופ. זי איז געווען איינער פון די פריוויַעטיפע טיפּן, שיין און אָנציענדיק. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ ליבע-שפּיל מיט אַ רייכן סוחר אין דענווער. דער מאַן איז געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט קינדער. כּדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל און ראַטע-ווען זיך און דאָס מיידל, האָט ער איר געגעבן דאָס געלט אויפן אויבן דערמאָנטן צוועק. זי האָט אָבער באַשלאָסן צו גיין פריער צו מיר, און איך האָב איר דאַן איינגערעדט צו ברענ-גען בעסער דאָס קינד אויף דער וועלט.

אַז איך בין שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, האָב איך גע-פּרוווט איר אויפצוקלערן, צו דערציילן די געשיכטע איר מוטער. דערפון איז זי לכתּחלה געוואָרן אַ פּאַרציטערטע. איך האָב איר אָבער געזאָגט, אַז עלטערן באַגייען זיך זעלטן אַזוי שטרענג מיט זייערע קינדער, ווי יענע מיינען, און סוף כּל סוף האָט זי איינגעוויליקט. די זייער אינטעליגענטע מוטער האָט געטאָן דאָס, וואָס איך האָב פון איר דערוואַרט. נאָך דעם ווי עס איז אַריבער די ערשטע שרעק, האָט זי זיך באַצויגן

צו דער אָנגעלעגנהייט מיטן געהעריקן ערנסט און דער טאָכ־טער צוגעהאָלפן. פאַרן קרייז באַקאַנטע איז די טאָכטער כּלומרשט געווען אַוועקגעפאָרן, פּאַקטיש אָבער זיך געפונען אין אַ פּרי־וואַטער קינפּעטאָרינס־אַנשטאַלט.

מיט עטלעכע חדשים פריער, איידער מערי יעזוף איז צו מיר געקומען, האָט מיך געפרעגט אַ יונגע, עלעגאַנטע, רייכע פרוי ריטשאַרדזאָן, צי האָב איך נישט פאַר איר עפּעס אַן אַדאָפּטיוו־קינד. זי און איר מאַן ווילן זייער צונעמען אַ ניי־געבוירן קינד. עס זאָל קיינמאָל נישט וויסן, אַז עס איז נישט זייער אייגנס.

איך האָב איר געענטפערט, אַז עס קאָן זיך זיכער טרעפן, ווי נאָר איך וועל האָבן עפּעס אַן אויסזיכט, וועל איך גלייך צוויסן טאָן.

נאָך דעם ווי מערי יעזוף איז ביי מיר געווען, האָב איך גלייך געמאָלדן פרוי ריטשאַרדזאָן; זאָל זי דערווייל סימולירן, אַז זי איז כּלומרשט שוואַנגער. אַ דאָקטאָר, וואָס אַרבעט מיט איר צוזאַמען, קאָן איר דערביי מיטהעלפן.

אַז עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, האָט זי דורכ־געמאַכט דאָס כּלומרשטע האָבן, און דאָס קינד האָט מען איר געבראַכט פון אַנשטאַלט, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן.

נישט זי, נישט דער דאָקטאָר, האָבן נישט געוווּסט פון וואַנען ס'איז געקומען, און די אמתע מוטער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, וווהין מען האָט עס אַוועקגעטראָגן. איך איינער בין נאָר געווען אינפאָרמירט וועגן אַלע פּרטים, און האָב גע־שטעלט די אַדאָפּטיוו־עלטערן איין באַדינג: אַז זיי זאָלן גלייך אָפּשרייבן דעם קינד אַ טייל פון זייער פאַרמעגן און קיינמאָל אים נישט מעביר נחלה זיין.

אַזוי זענען אַוועק צוויי חדשים. אין איין שיינעם טאָג איז צו מיר געקומען יעזוף. בלייבנדיק מיט מיר אונטער פיר אויגן, האָט זי זיך צעוויינט. די פאַרהייראַטע שוועסטער פון איר חברטע, האָט זי געזאָגט, האָט כּמעט אין דער זעלבער צייט ווי זי געבוירן אַ בעבי זי איז אַהינגעגאַנגען, האָט

דער יינגער מוטער גראַטולירט, געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט, דערנאָך פלעגט זי אָפּט אַהינגיין, און וואָס אַמאָל מער, אַלץ שטאַרקער געבענקט נאָך איר אייגן קינד.

— עס איז דאָס האַרציקסטע בעבי אויף דער וועלט, האָט זי געזאָגט, און פרוי ריטשאַרדזאָן לאָזט מיר עס נעמען אויף די הענט און ליב האָבן. און איך האָב עס ליב, ווי ס'זאָל זיין מיין אייגנס. וואָס מער איך קוק עס אָן, אַלץ שטאַרקער בענק איך נאָך מיין קינד. איך וויל, איך מוז עס האָבן צוריק! איך וועל שטאַרבן, אויב איך וועל עס נישט צוריקבאַקומען. איך קאָן נישט, נישט עסן, נישט שלאָפן, נישט טראַכטן. איך שפּיר זיך ווי אַ פאַרברעכערין, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן מיין קינד. איר מוזט עס מיר שאַפן צוריק, הער ריכטער, איר מוזט!

איך האָב זי זיכער אַ שטאַרק צעטומלטער געמוזט אָנ-קוקן. כאָטש איך בין געוווינט צו די משונהדיקסטע סיטואַציעס, אָבער דאָסמאָל האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שווינדל, דאָס צימער האָט זיך געדרייט מיט מיר צוזאַמען. מערי יעזופ האָט, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, געהאַלטן אויף די הענט איר אייגן קינד, און איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז דיביידע פרויען קענען זיך!

עס איז מיר פּאַקטיש נישט לייכט אָנגעקומען זי צו באַרואיקן, איך האָב געפּרווּט איר אויפקלערן, אַז דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט, איז ממש אוממעגלעך. איך האָב זי דאָך פריער געוואָרנט.

טאָג איין טאָג אויס איז צו מיר געקומען, געהאַלטן אין איין בעטן, איך צוריקצוגעבן דאָס קינד. ענדלעך איז אויך איר מוטער צו מיר געקומען — פול מיט געוויסנפּיין.

— איך האָב נישט געדאַרפט אָנרעדן מערין אָפּצוגעבן דאָס קינד, האָט זי געקלאָגט. איך מוז דאָס אומרעכט אויס-בעסערן, און איך וויל אייך זאָגן, אַז איך וועל נעמען אַן אַדוואָקאַט, ער זאָל מיר אויפזוכן דאָס קינד און אַנולירן די אַדאָפּטאַציע.

איך בין נאַטירלעך געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. קודם

כּי אָבער האָב איך בײַ איר געפּועלט, אַז זי זאָל נישט אונטער־נעמען קיין שום שריט, ביז איך וועל פריער נישט רעדן מיט דער אַדאָפּטיװ־מוטער.

פרוי ריטשאַרדזאָן, מיט וועלכער איך האָב גלײַך נאָכדעם געהאַט אַ געשפּרעך, האָט. פאַרשטייט זיך, געקלאָגט און גע־וויינט. איך האָב איר אַלץ איבערגעגעבן, געשילדערט דעם שמערץ פון דער אמתער מוטער, אָבער אומזיסט.

— עס איז לחלוטין אוממעגלעך, האָט זי געיאָמערט. עס איז דאָך שוין לגמרי ווי מײַן אייגן קינד! און איך האָב עס אַזוי ליב! און וואָס וועלן מענטשן אויף דעם זאָגן? וואָס וועט די פאַמיליע קלערן, זעענדיק, אַז איך גיב אַוועק מײַן אייגן קינד?

— יאָ, האָב איך געזאָגט, עס איז באמת לגמרי אוממעגלעך.

און מיט אַ שווער האַרץ האָב איך אויפן צווייטן טאָג געשיקט רופן מערי יעזופּ.

— איך האָף, אַז איר האָט צו מיר צוטרוי, האָב איך אָנגעהויבן. לכתחלה האָט איר בכלל נישט געוואָלט האָבן אייער קינד. איך האָב אײַך ערשט געמוזט אײַנרעדן. אָן מיר וואָלט, הייסט עס, דאָס קינד איבערהויפּט נישט געווען. אין דעם פאַל וואָלט איר דעם איצטיקן שמערץ נישט איבערגעלעבט, אָבער די פרייד, וואָס דאָס קינד ברענגט אין לעבן פון איר פלעגע־מוטער וואָלט אויך נישט געווען. דאָס לעגאַלע רעכט איז אויף דער זייט פון דער אַדאָפּטיװ־מוטער, און זי וועט זיך פון איר רעכט נישט אָפּזאָגן, וואָס פאַר אַ שריט מיר זאָלן דערצו נישט אָננעמען. זי וויל דאָס קינד בשום אופן נישט אָפּגעבן. איך מוז אײַך בעטן, איר זאָלט גאָר נישט פּרוּוון עס ווידער צו פאָדערן. די גאַנצע זאַך איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע אומ־שטאַנדן, וואָס איך קען זיי אײַך נישט דערקלערן. אָבער איך זאָג אײַך, אַז עס וועט אַנטשטיין אַן אומגעהײַערע טראַגעדיע, אויב איר זאָלט אונטערנעמען עפּעס אומזיניקע און אומגע־לומפּערטע שריט. איר וועט סוף כּל סוף חתונה האָבן און

האָבן קינדער, וואָס וועלן בלייבן ביי אייך. דערווייל דאַרפט איר וויסן, אַז דאָס קינד האָט אַ שיינע, צערטלעכע מוטער, וואָס פאַרזאָרגט עס וווּנדערבאַר, און איר דאַרפט נישט פאַרגעסן אַז ביי די פליגעלטערן וועט עס האָבן אַ סך אַ בעסערן און לייכטערן גורל ווי ביי אייך, דער אומפאַרהייראַטער מוטער, אָן אַ פאָטער.

נאָך נישט איין שמועס האָב איך מיט איר געהאַט, ביז ענדלעך אין איין שיינעם טאָג איז זי צו מיר געקומען, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן אַריין און מיט ציטערנדיקע ליפּן געזאָגט:

— איך מיין, אַז איצט ווייס איך שוין, אַז איר זענט גערעכט. זאָגט איר, אַז זי קאָן לאָזן ביי זיך מיין קינד.

און אַנונגסלאָז האָט זי ווייטער באַזוכט און געצערטלט איר אייגן קינד ביי פרוי ריטשאַרדזאָן אין הויז.

אַ סך מענטשן וועלן זיך ווּנדערן, אויף וואָס פאַר אַן אופן איך וואַרף אָפּט אָפּ די געזעלשאַפטלעכע קאָנווענצן, ווי לייכט איך באַצי זיך צו זיי בעת מיין אַמטלעכער אַרבעט. אפשר וועט די נאַר וואָס דערציילטע געשיכטע טאַקע העלפן אויפצוקלערן מיין שטעלונג. איך פאַרנעם זיך אויסשליסלעך מיט די ווירקלעכקייטן פון לעבן.

דאָס מיידל, וואָס פאַרלאַנגט צוריק איר קינד, דרייט זיך אַרום מיין געריכט ווי אַ געשפּענסט. זי איז כסדר, כמעט שטענדיק אַרום מיר.

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

קינדער וועבן אַ מערקווירדיקן מוסטער אין לעבן פון די מענטשן, און דער מוסטער ווערט אַלץ מערקווירדיקער דערמיט, וואָס איינע בענקען לײדנשאַפטלעך נאָך קינדער און האָבן זײ נישט, אַנדערע ווידער, וואָס וואָלטן געקאָנט האָבן, שרעקן זיך, טאָמער וועלן זײ האָבן. געוויינלעך באַזירן די שוועריקייטן, פעלטריט און טעותים אויף דעם, וואָס די גע־זעלשאַפט דערלויבט נישט די מענטשן אויסצוקעמפן זייערע אייגענע פּראָבלעמען אויף זייער אייגענעם אופן, און צווינגט זײ זיך צו שפּילן אין באַהעלטענישן, כאָטש זײ גייען פאָרט אויף אייגענע וועגן. פיל פון די גרעסטע ווערק פון אונזער וועלט־ליטעראַטור ווערן געבויט אויף דידאַקטיקע קאָנפליקטן, אָבער זייער וויכטיק באַשעפטיקן זיך מיט דער זיטלעכער פּראַגע, מכח דער גערעכטיקייט, נויטווענדיקייט און חכמה פון די אַלע געזעצן און כללים, וואָס רופן אַרויס דידאַקטיקע קאָנ־פליקטן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז צו מיר געקומען אַ פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אויסלענדער. ער איז געווען אַ יונגערער זון פון אַ מיוחסדיקער פאַמיליע, וואָס איז גע־קומען קיין אַמעריקע — ווי קיפּלינג זאָגט — „זיך אויסצו־בויען אַן אייגענע היים". עטלעכע יאָר נאָך זיין חתונה האָבן אים פאַרשידענע טויטפאַלן צווישן זיינע קרובים פאַרשאַפט די מעגלעכקייט צו ירשנען דעם טיטל און דעם יחוס פון דעם

ראש-המשפחה. ער האָט געמוזט פאָרן קיין אייראָפּע איינאָרדנען זיינע געשעפטן.

זיין פרוי איז דערווייל געוואָרן אומרויק. זי האָט געווּסט ווי וויכטיק עס איז געווען פאַר איר מאַן צו האָבן אַ יורש, ווייל זי האָט געקאָנט זיין וועלטאַנשויאונג און זיין דערציונג און די אַלטע טראַדיציעס, אין וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן. כאָטש ער האָט זי ליב געהאַט, האָט זי אָבער דאָך באַמערקט זיין אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס זי האָט נישט קיין קינדער. זי האָט מורא געהאַט ער זאָל זיך איצט מיט איר נישט גטן, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי, וואָס וועט אים האָבן קינדער.

דעריבער האָט זי זיך אַנטשלאָסן אויף אַ קאָמבינאַציע. ווי נאָר איר מאַן איז געקומען קיין אייראָפּע, האָט זי אים געשריבן, אַז צו איר אייגענעם גרויסן דערשטוינען געפינט זי זיך אין אַנדערע אומשטענדן און שוין אַזוי ווייט, אַז דאָס קינד וועט נאָך זיכער געבוירן ווערן פאַר זיין צוריקקומען קיין אַמעריקע. באַקומענדיק זיין טעלעגראַפישן איבערגליקלעכן ענטפער, איז זי אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטער שטאָט זיך אויסגעוויילט אין אַ פינדלהויז אַ נייגעבאָרן קינד און עס אַדאָפּטירט. אין עטלעכע מאָנאַט אַרום איז זי געקומען אַהיים און דערציילט פאַר אירע פריינט, אַז איר קינד איז געבאָרן געוואָרן אויף מזרח, וווּ זי האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט. ווען איר מאַן איז געקומען פון אייראָפּע, איז ער געווען אַנטציקט מיט זיין זון.

אין אַ יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן דער פאָרשטייער פון פינדלהויז, און אַזוי ווי ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוווּסט וועגן דער אַדאָפּטאַציע, איז זי איצט געווען פולשטענדיק זיכער מיט איר גרויסן סוד.

זיבן יאָר האָט די קליינע פאַמיליע אָפּגעלעבט אין גרויס גליק. איר מאַן האָט ליב געהאַט דאָס קינד, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין זון, און קיין שום וואָלקנדל האָט נישט פאַרטונקלט דעם האָריזאָנט.

דאַן — אין איין שיינעם טאָג, בעת ער איז געשטאַנען אויפן וועג אַרויסצוגיין פון שטוב, האָט אים דער בריוו־טרעגער דערלאַנגט עטלעכע בריוו, און איינעם מיטן שטעמפּל פון פינדלהויז. שטייענדיק לעבן אים, האָט זי עס רעכטצייטיק באַמערקט, נישט געקוקט אויפן אינערלעכן ציטערן, אַ נעם געטאָן דעם בריוו און מיט אַ גלייכגילטיקער באַמערקונג באַהאַלטן.

— צי איז דאָ נאָך עפּעס פאַר מיר? האָט זי אַ פרעג געטאָן.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ צווייטן בריוו, זיך געזעגנט מיט איר און אַוועקגעגאַנגען.

— איך האָב זיך געשפּירט ווי אַ גנבטע, ווי אַ פאַרברעכערין, האָט זי זיך שפּעטער מודה געווען, דערציילנדיק מיר די געשיכטע. און גלייכצייטיק האָב איך אין דעם מאָמענט ווירקלעך דערשפּירט, וואָס דאָס קינד באַטייט פאַר אונז.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בריוו האָט בלויז אַנטהאַלטן אַ פאָרמעלע מעלדונג. די היים האָט געדאַרפט צושטעלן אַ סטאַטיסטיק, און דער איצטיקער לייטער פון דער אַנשטאַלט האָט אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס איינס פון די קינדער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אָנגענעם הויז. ער בעט דער חשובער פלעגעמוטער צו זיין אַזוי גוט און אים איבערשיקן אַ באַריכט וועגן קינד פאַר זיינע סטאַטיסטישע ביכער.

דער צווייטער בריוו, וואָס דער מאַן האָט איר איבערגעגעבן דעמזעלבן טאָג, איז געווען פון איר מוטער. ער איז אויך געלעגן ביי מיר אויפן טיש און האָט אויסגעזען צו זיין אַ זעלטזאַמע באַשטעטיקונג פון דעם, אַז אַדאָפּטיוו־קינדער ווערן ענלעך אויף זייערע פלעגעלטערן, וואַרשיינלעך אַלס פּועל יוצא פון גלייכן לעבנסשטייגער, פון גלייכער גייסטיקער האַלטונג. אין בריוו האָט זיך געזאָגט: „מיר האָבן זיך אַזוי געפרייט מיט זשאַנס בריוו ער ווערט פון טאָג

ענלעכער צום פאָטער. אַפילו אין קליינע זאַכן מאַכט עס דער קלענער פונקט ווי דער גרויסער״.

אַ צושראָקענע און פאַרזאָרגטע איז איצט די פרוי געקומען צו מיר מיטביידע בריוו. זי האָט נישט געוואַגט צו ענטפערן אויפן בריוו פון פינדל-היים. „אויב מיין מאַן זאָל ווען נישט אין דערגיין דעם אמת, בין איך קאַפּוט, האָט זי געזאָגט״.

איך האָב איר דערקלערט, אַז איך וועל אַליין ענט־פערן אויפן בריוו און זיך פערזענלעך דורכרעדן מיטן פאָר־שטייער, ווי נאָר איך וועל זיין אין יענער שטאָט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך אויף מיין רעפּעראַטן־רייזע געווען נישט ווייט פון יענעם פינדלהיים. איך האָב באַ־זוכט דעם פאָרשטייער און געפונען אין אים אַ יונגן, אינטע־ליגענטן און פאַרשטענדנישפולן מאַן. ער האָט געפונען דעם נאָמען פון דער פרוי אין די אַלטע ביכער פון דער אַנ־שטאַלט, אָבער בלויז מיט אַ בלייפעדער לייכט נאָטירט אויפן ראַנד, אַזוי אַז דאָס איז, וואַרשיינלעך, געווען אַ צייטווייליקע פאַרנאָטירונג פון אַלטן פאָרשטייער, וואָס ער האָט פאַרגעסן אויסצושטרייכן.

איך האָב געזאָגט דעם יונגנמאַן: „דאָ האַנדלט זיך וועגן געוויסע אומשטאַנדן, וואָס איך קאָן אייך נישט דער־קלערן, אָבער איך בעט אייך דעם נאָמען צו פאַרגעסן און פון דאָזיקן בוך אויסצומעקן. נאָך אין מיין געגנוואַרט האָט ער גענומען אַ מעק־גומי און פאַרניכטעט די שריפט, אַז עס איז פון איר קיין זכר נישט געבליבן. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען די קאָפּיע פון בריוו צו דער אַדאָפּטיוו־מוטער און אויפן אָרט פאַרברענט.

— איך מיין, אַז איך פאַרשטיי אייך, האָט ער געזאָגט. גיט איבער דער דאַמע, אַז זי זאָל זיין רויק. איר סוד איז ביי מיר זיכער.

אפשר קלערן מיינע לעזער, אַז איך האָב נישט ריכטיק געהאַנדלט, מיטהעלפנדיק דער פרוי אין איר אָפּנאַרונג, וייל

זי איז דאָך בנוגע איר מאַן באַגאַנגען אַן עולה. דאָס אומ־רעכט איז אָבער פאָרגעקומען מיט יאָרן צוריק. איך האָב מיטן דאָזיקן טייל פון דער געשיכטע קיין שום שייכות נישט געהאַט. פאַר מיר איז איצט בלויז געשטאַנען די פראַגע, צי זאָל איך דעם ענין לאָזן גיין אַזוי ווי עס געהער צו זיין, אָדער מיט־העלפן צו רואינירן דריי לעבנס, צווישן זיי איינס פון אַן אומשולדיק קינד. ווען איך זאָל האַנדלען אַנדערש, וואָלט איך קודם־כל אַליין באַגאַנגען אַן אומרעכט, ברעכנדיק דעם צוטרוי פון דער פרוי און לאָזנדיק זי אָן הילף אין איר גרעסטער נויט. לויט מיין מיינונג וואָלט עס געווען נישט בלויז אומזיט־לעך און אוממענטשלעך, נאָר פשוט אַכזריותדיק. דעריבער אַנטשולדיק איך זיך טאַקע נישט. דריי מענטשן האָבן געלעבט גליקלעך, און איך האָב דאָסדאָזיקע גליק נישט געקאָנט צו־שטערן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב, זעלבספאַר־שטענדלעך, פאַראורטיילט די האַנדלונג פון דער פרוי מיטן אונטערגעוואָרפענעם קינד.

דאָ וויל איך טאַקע איבערגעבן די געשיכטע פון אַ צווייטער קינדערלאָזער פרוי.

זי האָט ליב געהאַט איר מאַן און ער זי. אָבער יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן זיי קיין קינדער נישט געהאַט. ענדלעך איז זי געקומען צו מיר נאָך אַן עצה וועגן אַ מערקווירדיקער אַנגעלעגנהייט. זי האָט זיך אַלס גאַסט אַן אומפאַרהייראַטע פריינדין, און יענע וויל, פון ליבע צו איר, ווערן דורך איר מאַן די מוטער פון אַ קינד, וואָס זי אַליין קאָן נישט האָבן. ביי מיר האָט זי זיך נאָר געוואָלט אינפאָרמירן וועגן דער געזעצלעכער זייט פון אַזאַ ענין. צו קאָן מען שליסן אַ שריפט־לעכן אָפּמאַך, אויב די פריינדין זאָל זיך אָפּזאָגן פון קינד, וואָס וועט עווענטועל געבוירן ווערן. איך האָב איר דערקלערט, אַז אַזאַ אָפּמאַך וואָלט נישט געווען לעגאַל.

דאַן האָט זי געוואָלט וויסן, צו ראַט איך איר צו גלויבן דער פריינדין אויפן וואָרט. איך האָב געענטפערט נעגאַטיוו, ווייל דער מוטער־אינסטינקט וואָלט שפּעטער געווען אַזוי מעכ־

טיק, אַז קיין שום צוזאָג וואָלט אים נישט בייגעשטאַנען. אי־ בריקנס האָט קיין מענטש נישט געקאָנט פאָרויסזאָגן, וואָס איר פריינדין וואָלט געטאָן.

שווייגנדיק האָט זי אַלץ אויסגעהערט, דערנאָך אויפגע־ שטאַנען און געזאָגט:

— און דאָך! איך האַלט, אַז איך קאָן איר טרויען. אַז זי וועט חתונה האָבן, קאָן זי נאָך האָבן גענוג אייגענע קינדער. און איך ווייס, אַז זי האָט מיך ליב.

עס טוט מיר לייד, וואָס די געשיכטע האָט נישט קיין סוף. מער איז די פרוי צו מיר שוין נישט געקומען. און מיר וואָלטווירקלעך געווען זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי דערדאָזיקער האַנדל האָט זיך געענדיקט.

דערפאַר קאָן איך איבערגעבן דעם סוף פון אַן אַנדער געשיכטע אויך מיט אַ זעלטזאַמען אינהאַלט,

נאָרע איז געווען — ווי זאָל איך זאָגן — ממש אַן אויסערגעווייגלעכע, בלענדנדע שיינהייט. זי האָט פאַראייניקט אין זיך די בעסטע קערפערלעכע און גייסטיקע אייגנשאַפטן פון איר אירלענדישן פאָטער און דער סקאַנדינאַווישער מו־ טער. אירע האָר זענען געווען קוילשוואַרץ, אירע אויגן טיף־ בלוי, און זי האָט געהאַט דאָס שענסטע מויל און די פרעכ־ טיקסטע ציין, וואָס איך האָב ווען נישט איז געזען ביי אַ מענטשלעכער באַשעפעניש.

זי איז געווען די אומפאַרהייראַטע מוטער פון אַ בעבי, וואָס וועגן זיין שיינקייט און זיסקייט האָט זי מיר אָנדער־ ציילט אַ פערטל שעה נאָכאַנאַנד. אָבער דאָסדאָזיקע אַנטציקנ־ דיקע קינד וויל מען ביי איר צונעמען. דער פאָטער איז געווען דער מאַן פון איר פריינדין. ווען זי איז געוואָרן שוואַנגער, האָבן זיי ביידע אָפגערעדט צו דערציילן זיין פרוי, איר פריינדין, דעם גאַנצן אמת. און די פרוי האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן זייער טאָלעראַנט און אַליין פראָפּאָנירט אַן אויס־ וועג פון דער שווערער סיטואַציע. אַלע דריי וועלן זיי נעמען אַ וווינונג און אַן אָפּגעלעגענעם שטאָטפערטל, וווּ מען קען

ווי נישט. נאָרע זאָל פאַר דער צייט פון קימפּעט גילטן אַלס די פרוי פון דעם מאַן, און די פרוי גופא וועט שפּילן די ראָל פון אַ וועכטערין.

דאָסדאָזיקע פּראָגראַם איז געווען דורכגעפירט געוואָרן. די געבורט איז רעגלרעכט געמאָלדן געוואָרן, און דאָס קינד פאַרשריבן אַלס די טאָכטער פון פּאָרפּאָלק .N. N. נאַטירלעך האָבן זיי דעמדאָזיקן ליגן געמוזט פאָרטזעצן אַ צייט נאָכאַנאַנד און לאָזן ביי זיך דאָס קינד אַלס זייערס.

אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ביז נאָרע האָט באַמערקט, אַז איר פריינדין האָטווירקלעך אָנגעהויבן צו קוקן אויפן קינד ווי אויף איר אייגנס און דערמיט שטאַרק אָנגערירט נאָרעס מוטער־אינסטינקטן. דאָס האָט געפירט צו רייסעניש צווישן ביידע פרויען, אַז נאָרע האָט צוגעכאַפּט איר קינד און, בעת זי איז צו מיר געקומען, האָט זי עס געהאַט ערגעץ ווו באַהאַלטן.

זי איז געקומען צו לויפן צו מיר, ווייל יענע האָט איר געדראָט אָנצוקלאָגן פאַרן יוגנט־געריכט. זי האָט געזאָגט, אַז אַלס איינציקן באַווייז פאַרן אמת פון איר געשיכטע קאָן זי נאָר ברענגען דאָס עדות־זאָגן פון דאָקטאָר. וועלכער האָט ביי איר אָפּגענומען דאָס קינד.

גיט מיר די חכמה פון שלמה המלך! איך האָב געזען, אַז איך זיץ פעסט. אַנטשיידן האָב איך געמוזט, האָב איך געשיקט נאָך דער צווייטער פרוי, לאָמיר זאָגן פרוי האַלל. יענע האָט דערקלערט, אַז נאָרע האַנדלט בנוגע איר נישט ערלעך. זי האָט איר צוגעזאָגט דאָס קינד אַלס באַפרידיקונג פאַר איר פריינטלעכער האַלטונג און הילף.

— איך האָב זייער געוואָלט האָבן אַ טאָכטער, האָט געזאָגט פרוי האַלל. צוויי יינגלעך האָב איך שוין. נו האָב איך דאָך בעסער געוואָלט האָבן אַ קינד פון מיין מאַן, כאָטש עס איז נישט פון מיר גופא.

נאָרע האָט אָפּגעלייקנט צו האָבן געגעבן אַזאַ צוזאָג. איך האָב איר נישט געגלויבט. וואַרשיינלעך האָט זי עס בעת

דער ערשטער אנגסט יאָ געטאָן, און שפּעטער חרטה געהאַט. אָבער ווער קאָן עס איר פאַראיבל האָבן?

איך האָב עס אַזוי דערקלערט דער פרוי האַלל, איר אויפגעוויזן, אַז נאָרעס מוטער-ליבע צו איר אייגן קינד איז אַ באַרעכטיקטע און מען קאָן ביי איר דאָס קינד נישט צונעמען.

סוף כל סוף האָט זי נאָכגעגעבן, און דאָס קינד איז געבליבן ביי נאָרען. די האַללס האָבן נאָך אַ צייט געוווינט אין פרעמדן שטאָטפּערטל, מער-ווייניקער אינקאָגניטאָ. זייערע פריינט ווייסן גאָר נישט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ קינד. אַזוי האָט זיך אַלץ געענדיקט אָן אַ טראַגעדיע און אָן סקאַנדאַלן. וואָס פאַר אַ קנויל פון אומאַנגענעמלעכקייטן וואָלט עס אָבער פאַר מיר געוואָרן, ווען דער ענין זאָל אַרויס אין דער עפנטלעכקייט!

אַ שווערע אויפגאַבע האָב איך אָבער דאָך געהאַט, צו מאַכן שלום צווישן נאָרען מיט איר מוטער, נאָך דעם ווי זי האָט זיך דערוווסט די גאַנצע מעשה. סוף כל סוף איז מיר דאָס אויך געלונגען. ביידע האָבן זיי גענומען דאָס קינד צו זיך און עס איבערגעגעבן אַלס יתומה פון אַ פאַרשטאָרבענער קרובה. געהערנדיק צו דער בעסטער געזעלשאַפט אין דענווער און זייענדיק גענוג רייך, האָבן זיי צוזאַמען מיטן קינד געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט זיך נאָרע באַקאַנט מיט אַ יינגן אַריסטאָקראַט און זיך אין אים פאַרליבט. אים האָט זי זיך מודה געווען אין דער גאַנצער געשיכטע, ווי איך האָב זי דאָ דערציילט, בלויז מיטן צוגאָב, אַז זי איז שוין פריער געווען פאַרהייראַט און זיך געגט.

וואָס דאַן איז געשען, זעט מיר אויס צו זיין זייער אַן אינטערעסאַנטער און באַדייטונגספולער צייכן פון דער צייט. דער יונגערמאַן האָט זיך נישט פאַרגליווערט אויף דער אַלטער טראַדיציאָנעלער מענלעכער האַלטונג, וואָס האָט אים דיקטירט חתונה צו האָבן מיט אַ „ריינער" מיידל. ער האָט די פרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט אַן אינטימען פאַרקער מיט אַנדערע

אומפערהייראַטע מענער, נישט געהאַלטן פאַר „פאַרדאָרבן". אַנ־שטאָט דעם האָט ער איר פאַקטיש געזאָגט: „עס איז פאַר מיר לגמרי קיין אונטערשייד נישט, צי האָסטו געהאַט דאָסדאָזיקע קינד פון דיין געגטן מאַן אָדער פון אַן אַנדערן, מיט וועמען דו ביסט נישט געווען פאַרהייראַט. איך האָב ליב דיך און האָב ליב דאָסדאָזיקע קינד.

און זיי האָבן חתונה געהאַט.

דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער אַזאַ אויפפאַסונג. עס פאַרמערן זיך כּסדר די פאַלן, ווו מענער האָבן חתונה מיט מיידלעך, וואָס האָבן שוין געהאַט קינדער מיט אַנדערע מענער. מיט צוואַנציק יאָר צוריק זענען אַזעלכע זאַכן פאָרגעקומען זייער זעלטן. די אַלגעמיינע אויפפאַסונג איז נאָך דעמאָלט געווען אַזעלכע, אַז אַ מיידל ווי נאָרע, האָט געגאָלטן אַלס „אומריין" און פאַרדאָרבן. וואָס איז אַלזאָ געוואָרן פון דערדאָזיקער אין פריערדיקע צייטן פעלזנפעסטער מענלעכער איבערצייגונג? איך קאָן אויף דערדאָזיקער פראַגע זייער קורץ ענטפערן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אַנדערש צו טראַכטן. דאָס וואָס דערדאָזיקער מאַן האָט אָנערקענט, איז געווען דער נאַקעטער, פּשוטער, אומבויגזאַמער פאַקט, אַז מוטערשאַפט איז מוטערשאַפט און נאָרעס מוטערשאַפט איז געווען אַ הייליקע, נאַטירלעכע זאַך, אָן אונטערשייד וואָס עס זאָגן וועגן דעם טראַדיציעס און מענטשלעכע געזעצן. איך האָב אין מיין פּראַקטיק געהאַט אַן אומגעהייערע צאָל מענער, וואָס האָבן געלעבט און חתונה געהאַט מיט מיידלעך, וועלכע זענען געווען שוואַנגער פון אַנדערע. זיי האָבן דערביי געוווסט דעם גאַנצן אמת. אַזעלכע חתונות זענען אויפן געביט פון מיינע דערפאַרונגען אויסגעפאַלן זייער גוט, אפשר בעסער ווי אַנדערע. איך האָב אַמאָל גערעדט וועגן דעם מיט אַ יינגנמאַן, וואָס האָט חתונה געהאַט אויף אַזאַ אופן, און ער האָט מיר דערקלערט זיין אויפפאַסונג:

— צי וואָלט איך קלאָרען נישט געליבט און מיט איר נישט חתונה געהאַט, ווען זי זאָל געווען האָבן אַ קינד פון

אַ געגטן אָדער פאַרשטאָרבענעם מאַן? וואָס איז עס פאַר אַן אונטערשיד? זי איז אין דעם פאַל פּונקט די זעלבע, ווי זי וואָלט געווען אין אַנדערן.

די דאָזיקע אויפפאַסונג איז צווישן דער מאָדערנער יוגנט אַ סך אַלגעמיינער, ווי מען שטעלט עס זיך פאָר.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אין דענווער אַ מיידל שוואַנגער געוואָרן, די געשיכטע איז אַריינגעפאַלן אין די צייטונגען און וואָס איז געווען דער סוף? זי האָט באַקומען 150 הייראַטס-פּראָפּאָזיציעס! פון אַלע עקן אין קאַנטן. איינע פון דידאָזיקע פּראָפּאָזיציעס האָט זי אָנגענומען. איר מאַן איז אַ מיליאָנער, און דאָס פּאָרפאָלק לעבט גליקלעך.

דאָס זענען פאַקטן. וואָס זאָלן מיר מיט זיי מאַכן? ווי זאָלן מיר זיי אונטערפּרעטירן? זאָלן מיר זיי דערקלערן אַלס פּאָזיטיווע, אויפבויענדיקע פאַקטאָרן און זען אין זיי אַ גוטן זין, אָדער זיי באַקעמפן מיט אומגוצלעכער, אויסזיכטס-לאָזער צביעות?

אַן אומפאַרהייראַטע טאָכטער פון אַ פּאַסטאָר איז געקומען פון מזרח קיין דענווער היילן אירע לונגען. דער הויז-דאָקטאָר האָט פאַר די עלטערן אָנגערופן דעם פאַל טובערקולאָז און באַהאַלטן פון זיי די שוואַנגערשאַפט. אַזוי ווי דער פאָטער איז געווען אַ מאַן מיט „שטרענגע" זיטלעכקייטס-באַגריפן, האָט מען אים נישט געקאָנט דערציילן דעם אמת.

אַ רייכע דאַמע אין דענווער, די פרוי פון אַ באַנקיר, איז געקומען מיט מיר זיך באַראַטן וועגן דעמדאָזיקן פאַל.

דאָס מיידל האָט זיך איר אָנפאַרטרויט. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זי האָט אַן אומפאַרהייראַטע, רייכע פריינדין, וואָס וואָלט גערן גענומען דאָס נייגעבאָרענע קינד. ווי אַזוי זאָל מען עס איינאָרדנען? איך האָב אַלץ דערליידיקט, נאָך דעם ווי איך האָב געזען און גערעדט מיט דער קינפטיקער אַדאָפּטיוו-מוטער.

עס זענען אַוועק חדשים, און אין איין שיינעם טאָג איז די פלעגמוטער ווידער צו מיר געקומען.

— הער ריכטער, האָט זי געזאָגט, איך האָב ליב דאָס קינד, איך וויל עס שטענדיק ליב האָבן. אָבער עס האָט אויפגעוועקט ביי מיר דעם פאַרלאַנג צו האָבן אַן אייגן קינד. אָבער איך וויל נישט הייראַטן. איך דאַרף נישט קיין מאַן, איך וועל מיט קיין שום מאַן נישט לעבן צוזאַמען. איך האָב ליב מיין אומאָפּהענגיקייט. איך וועל אייך אָבער פרעגן, צי וואָלט איר עס געהאַלטן פאַר אַן אומרעכט, ווען איך זאָל האָבן אַן אייגן קינד, וואָס איך זאָל עס קאָנען ליב האָבן? צי איז עס אייגנטלעך ערגער ווי צונעמען אַן אומגעזעצלעך קינד פון אַן אַנדערער און דאָס פאַרזאָרגן?

— איך קאָן דערויף פאַר אייך נישט ענטפערן, האָב איך איר געזאָגט. אַלס ריכטער קאָן איך אייך נישט געבן קיין עצה, וואָס שטייט אין אַ פולשטענדיקער סתירה צום זיטלעכן מאַסשטאַב פון דער געזעלשאַפט. עס איז זייער באַדויערלעך, וואָס איר ווילט נישט הייראַטן. אָבער נאָר אייער אייגן הארץ קאָן אייך געבן דעם ריכטיקן ענטפער. טוט דאָס, וואָס איר האַלט ווירקלעך אויפריכטיק פאַר אייער רעכט.

אין אַ יאָר אַרום איז זי ווידער געקומען.

— הער ריכטער, האָט זי דאָס מאָל דערקלערט, דער ענין, וועגן וועלכן איך האָב מיט אייך פאַראַיאָרן גערעדט, דאַרף מער נישט באַאומרויקן אייער יוריסטישן מאָראַלגעפיל. איך האָב אויסגעפירט דעם פּלאַן, וועלכן איך האָב געהאַט אין זינען און וועל האָבן אַ בעבי. איך האָב מיר דעם פאָטער פון מיין קינד זייער זאָרגפעלטיק אויסגעוויילט. ער איז אַ סטודענט אויפן טעאָלאָגישן פאַקולטעט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אין אים לגמרי נישט פאַרליבט און אויך נישט אין קיין שום אַנדערן און אַז איך וועל זיך בכלל קיין מאָל נישט פאַרליבן. איך בין אָבער אַ פרוי און האָב רעכט אויף אַ קינד, אויב איך וויל עס. איך וויל אַ קינד און אים אַלס פאָטער דערצו, אויב ער געפינט עס פאַר ריכטיק. מיר האָבן די זאַך ערלעך צווישן זיך באַהאַנדלט, און ער האָט זיך דערויף אַנטשלאָסן.

ער איז געוואָרן דער פֿאָטער פֿון מיין קינד און איצט פֿאַרשטייט ער, אַז ער איז פֿון מיין לעבן אין גאַנצן אויסגעשטראָכן. ער האָט נישט קיין שום טענה צו מיר און נישט איך צו אים. איצט וועל איך עס נאָר אַזוי איינאָרדנען, אַז איך זאָל קאָנען האָבן מיין קינד אָן אַ סקאַנדאַל און נישט פֿאַרלירנדיק די זעלבסטאַכטונג צו זיך גופא. איר האָט אַ סך פּרויען אַרויסגעהאָלפֿן אין אַזעלכע פֿיינלעכע פֿאַלן, און איך זע נישט קיין גרונט פֿאַרוואָס איר זאָלט מיר אויך נישט ביישטיין. צי איז עס נישט ריכטיק?

— אַזוי ווי איר האָט זיך דערפֿירט צו דערדאָזיקער לאַגע, האָב איך געזאָגט, ווייס איך נישט וואָס איך קאָן טאָן אַנדערש ווי אייך צו העלפֿן. איר מוזט אָבער פֿאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איך טו, טו איך נאָר פֿאַרן אומגעבאָרענעם קינד.

פֿאָרט אַוועק אין אַן אָרט, וווּ מען קען אייך נישט. דאָרט וועט איר האָבן דאָס קינד. גיט עס אָפּ אין גוטע הענט און קומט צוריק אַהער. דערנאָך וועט איר מעלדן אייערע באַקאַנטע, אַז איר האָט באַשלאָסן צו נעמען נאָך אַ צווייט קינד. הייסט אייך דאַן ברענגען אייער אייגנס. אַ פֿרוי קאָן עס ברענגען צו מיר און איבערגעבן, אַז די מוטער האָט עס איבערגעלאָזן, איך וועל אייך מודיע זיין, אַז איך האָב פֿאַר אייך נאָך איין אַדאָפּטיוו-קינד, און איר קאָנט קומען מיט אייערע פֿריינט און דאָס קינד אָנקוקן.

זי האָט אַלץ פּינקטלעך און גענוי דורכגעפֿירט, איז געקומען מיט אירע פֿריינט, וואָס זענען אַלע געווען אַנטציקט און האָבן מיר געווונטשן גליק צום געפֿינען אַזאַ קינד. דער בעבי איז ווירקלעך געווען אַ פּראַכטפֿול קינד, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטן אין אַזאַ פֿאַל. איצט לעבן ביידע קינדער זייער גליקלעך צוזאַמען ביי דער מוטער, וואָס האָט אַדאָפּטירט איר אייגן פֿלייש און בלוט.

בנוגע דעמדאָזיקן פֿאַל איז, נאַטירלעך, יעדער איינער באַרעכטיקט צו האָבן זיין אייגענע מיינונג. איך אַליין וויל נאָר אָנווייזן, וואָס עס קומט פֿאָר אונטער דער אויבערפֿלעך פֿון

אונזער לעבן, אַז די טעאָריעס און טעאָלאָגיעס שניידן שלעכט אָפּ, בעת זיי שטויסן זיך אָן אויף פֿאַקטן, און אַז עס איז נוצלעכער, אויפֿצונעמען די פֿאַקטן און זיי קאָנסטרוקטיוו אויסנוצן, איידער אויף זיי אָנצופֿאַלן. זיי קאָנען טעאָרעטיש זיין גערעכט, און איך אומגערעכט, די פֿאַקטן זענען אָבער אומדיסקוטירבאַר. זיי זענען פּשוט פֿאַראַן. איך פּערזענלעך האָב זיך אַנטשלאָסן זיי צו נעמען, ווי זיי זענען, און צו מאַכן דערפֿון דאָס בעסטע. און איך האָף, אַז מיינע פֿאַקטן-באַריכטן וועלן אויך אַנדערע ברענגען דערצו. זיי זאָלן טאָן דאָסזעלבע. ווייל נאָר דערמיט, וואָס מיר נעמען אָן פֿאַקטן, קאָנען מיר דערקענען, ווי די געזעלשאַפֿט זעט באמת אויס, אַז זי איז לגמרי נישט קיין גלאַטע באַקוועמלעכקייט, ווי עס שטעלן זי אונז פֿאָר עם-הארצות און באַוווסטזיניקע בלינדקייט.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מען הערט אָפט די פראַגע: צי וועט נישט די סאָציאַלע אָנערקענונג פון פרייע פאַרבינדונגען, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט, מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער חתונה-אינסטיטוציע?

אָבער אויב דאָס זאָל אַזוי זיין וואָלטן דאָך דידאָזיקע פרייע פאַרבינדונגען אויפגעהערט צו זיין אומגעזעצלעכע. עס וואָלט נאָר דאַן געווען נאָך איינע, אַ פאַרענדערטע, עלאַס-טישערע פאָרם פון הייראַט. באַגרעניצונגען, געזעצלעכע ווי קאָנווענציאָנעלע, וואָלטן נאָך דאַן פאַר דער הייראַט אויך גע-ווען, אָבער לגמרי אַנדערע ווי ביז איצט.

די פראַגע, וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך, איז נאָר די: צי זענען אַזעלכע שנוים פון דער חתונה-פאָרם ווינשנס-ווערט און אומגעפערלעך?

פאַרהעלטניסמעסיק מיט נאָך גאָר אַ קורצער צייט צוריק האָט מען אויף אַ געגטער פרוי נאָך געקוקט אַזוי, ווי זי זאָל געווען זיין די פלגש פון איר מאַן. היינט איז דערדאָ-זיקער שאַנדפלעק לחלוטין פאַרשוווּנדן. שטילשווייגנדיק איז געקומען דידאָזיקע אומוואַנדלונג, להכעיס דער פאַרשידנאַר-טיקסטער אָפּאָזיציע. צי קאָן נישט פאַרקומען פונקט אַזאַ ענדערונג אין אונזער באַציונג צו די אַזויגערופענע אומגע-זעצלעכע פאַרבינדונגען?

— אַן אבסורד! טענהן אַנדערע. וואָס זאָל ווערן מיט

די קינדער פון אַזעלכע אומגעזעצלעכע פאַרבינדונגען? די קינדער בלייבן דאָך לגמרי אָן אַ שום שוץ!

אַן אמת קאָמישער אַרגומענט פון אַ געזעלשאַפט, וואָס שטעמפּלט אַליין די דאָזיקע קינדער מיטן שאַנדפלעק פון אומגעזעצלעכקייט!

דער פּאַסנדסטער ענטפער דערויף איז די קעגנפראַגע: וואָס ווערט פון די קינדער פון געזעצלעכע חתונות? ווער זאָרגט פאַר זיי? ווער גאַראַנטירט, אַז זיי האָבן שוץ? אין אַן אַמעריקאַנישער שטאָט האָט זיך לעצטנס, בעת אַן אונטערזוכונג, אַרויסגעוויזן, אַז 32 פּראָצענט קינדער אין אַ געוויסער שולע האָבן נישט אינדערהיים קיין פאָטערס. די קינדער זענען אַלע געווען „לעגיטימע". אויף אַזעלכע צו־שטאַנדן שטויס איך זיך אָן כּסדר. די איבערטריבענע באַהויפּ־טונג, אַז אונזער איצטיקע לעגאַלע חתונה „שיצט" אויטאָמאַטיש די צוקונפט פון די קינדער, וואָלט געווען קאָמיש, ווען זי זאָל נישט זיין טרויעריק.

די איצטיקע הייראַט גאַראַנטירט נישט קיין קינד די ברכה, אַז עס האָט און וועט האָבן זאָרגזאַמע עלטערן. פאַר אַזאַ מין כשוף איז נישט ערב קיין שום צערעמאָניע. אַזאַ כשוף פאַרמאָגט נאָר אַן אָפענע, אומפאַרבאָטענע ליבע צווישן עלטערן, וואָס פּאַסן קערפּערלעך און גייסטיק צוזאַמען, נישט געקוקט אויף דעם, צי זענען זיי לעגאַל פאַרהייראַט, אָדער נישט. די דאָזיקע ליבע איז די איינציקע, וואָס היילִיקט און שיצט היים און קינדער, און אָן איר איז נישטאָ קיין ווירק־לעכע הייראַט. זי איז דאָס אורוועזן פון דער הייראַט.

אויב דאָס איז אמת, האָט מען דאָך געדאַרפט זאָרגן דער־פאַר, אַז אַזעלכע געזעצן און סאָציאַלע מנהגים, וואָס מישן זיך אַריין, אָן אַ שום נויטווענדיקייט, אין די ליבע־באַציאונג פון עלטערן, שטערן, פאַרבאָטן, פאַרניכטן זיי, — זאָלן ערנסט אויסגעפאָרשט ווערן.

דאָסזעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן די געזעצן, וואָס דערלאָזן נישט קיין געבורטן־קאָנטראָל און פאַרגרעסערן דע־

ריבער די צאָל פון די אומגעאייגנטע, אומגליקלעכע קינדער, בעת מען וויל זיי גאָרנישט האָבן און מען קאָן פאַר זיי נישט זאָרגן.

די דאָזיקע אַלע געזעצן ווייזן אָן אויף פרישות (אבסטינענץ) ווי אויפן איינציקן לעגאַלן פאַרהיטונגס־מיטל. פאַרוואָס זאָל מען נישט זיין ערלעך און צוגעבן, אַז נישט מענער און נישט פרויען זענען נישט קיין פרושים, און ווען עס נישט זיין, און אַז מען וועט דעם געזעץ אַריבערטרעטן, כּל־זמן ער וועט זיין געשריבן אין די ספרים?

נאַטירלעך, וועלן זיך תּמיד, מיט אָדער אָן דער חתונה, געפינען מענטשן, וואָס וועלן זיך שרעקן פאַר די פליכטן פון עלטערנשאַפט. דאָס זענען מענטשן, וואָס זענען פון דער נאַטור אומטויגלעכע, אומגעשיקטע, וואָס ווייזן זיך אַרויס שטענדיק און אומעטום אַלס פּחדנים, ווילן נישט נעמען אויף זיך קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון לעבן, האַלטן פאַר שווער אַלץ, וואָס נאָרמאַלע. ענערגישע מענטשן פירן דורך אָן שום שוועריקייטן. די געבורטן־קאָנטראָל וועט די צאָל פון אַזעלכע מענטשן אַראָפּדריקן ביז צום קלענסטן מינימום, ווייל זי וועט דערמעגלעכן די אומטויגלעכע צו באַפרידיקן זייערע געשלעכטלעכע באַדערפענישן אָן דער געפאַר צו ברענגען אויף דער וועלט קינדער, פאַר וועלכע זיי קאָנען נישט זאָרגן און זיי נישט איבערגעבן קיין שום ווערטפולע קערפערלעכע אָדער גייסטיקע פעאיקייטן.

אונטער די איצטיקע פאַרהעלטענישן איז די וועלט ענלעך צו אַן אומגעפלעגטן גאָרטן. קיין שום שכלדיקער גערטנער וועט נישט פאַרזייען קיין פליעוועס מיט ווייץ צוזאַמען. אונזער נישט קלוגער גערטנער אָבער, די טראַדיציע, פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זייען 90 פּראָצענט פליעוועס און 10 פּראָצענט ווייץ. אויף דעם אופן איז אונזער גאָרטן פון דער ציוויליזאַציע געוואָרן פולשטענדיק פאַרווילדעט.

דער הויפּט־אַרגומענט קעגן געבורטן־קאָנטראָל איז דער, אַז פאַרהייראַטע וועלן דאַן מחמת באַקוועמלעכקייט האָבן צו

ווייניק קינדער און אומפאַרהייראַטע, סעקסועל אומבאַגרעניצט, נישט כורא האָבנדיק פאַר קיין פאָלגן. וועלן זיך לאָזן ווייל גיין שוין גאָר אָן אַ שיעור.

די אָנשויאונג אָבער, אַז ס'רוב מענטשן ווילן נישט קיין קינדער, איז פשוט נישט ריכטיק. מיין רשימה פון פערזאָנען, וואָס ווילן אַדאָפּטירן קינדער איז אַ סך אַ גרעסערע, ווי די צאָל קינדער, וואָס איך קאָן פאַרטיילן. אמת איז אָבער לכל הדעות, אַז קיינער וויל נישט האָבן צופיל קינדער. ווער האָט דאָ אַלזאָ צו אַנטשיידן? וואָס אָנבאַלאַנגט די אומפאַרהייראַטע, באַווייזן די ציפערן פון די אומלעגיטימע געבורטן און אָפּטרייבונגען גאַנץ דייטלעך, אַז אויך אָן דער געבורטן-קאָנטראָל לאָזן זיי זיך לגמרי נישט שטערן אין דער באַפרידיקונג פון זייערע אינסטינקטן. די מורא פאַר די פאָלגן איז נאָך נישט אַזאַ ווירקונגספולע מניעה. הייגט צו וואָס זאָלן מיר נאָך צום אומגליק אויף דער דאָזיקער וועלט מוסיף זיין נאָך אַ צרה, אויפצווינגנדיק דעם דאָזיקן עולם הילפלאָזע קינדער, אומשולדיקע באַשעפענישן, וואָס זאָלן דאַרפן אָפּקומען פאַר די חטאים פון זייערע עלטערן?

א זייער גוטע, אָבער זייער נאַרישע דאַמע, האָט מיר אַמאָל דערקלערט, אַז זי איז קעגן געבורטן-קאָנטראָל, ווייל די מענטשן וואָלטן דאַן געהאַט סעקסועלע באַציאונגען צוליב דיין זינלעכע מאָטיוון. פּונקט ווי זיי וואָלטן ווען נישט איז, זינט די וועלט שטייט, צוליב אַנדערע טעמים געהאַט געפלעגט געשלעכטלעכן פאַרקער! זינטלעכקייט איז אַ גרויס וואָרט! ס'פעלט אים נישט בשום אופן קיין גייסטיקע מיטבאַדייטונג, אויב ס'שליסט נאָר איין אין זיך ליבע. וואָס פאַר אַ קונסט מאַכן מיר אָבער פון דער צביעות, און וואָס פאַר אַ מישמאַש פון לעבן!

דאָ שלאָג איך פאָר אונזערע מאָראַליסטן, אונזער אַדוואָקאַטן פון דאָפּלטער מאָראַל, אונזער דעקלאַמאַטאָרן פון „ריינער ווייבלעכקייט", צוצומאַכן ביידע אויגן, בעת ס'גייט וועגן די שיינע מעשים פון די מאַנסלייט, דאָ גיב איך זיי אַלעמען

איבער די ווערטער פון אַ מיידל, מיט וועלכע זיי זאָלן זיך קאָנען אָנשטאָפּן זייערע ליולקעס און צוזאַמען אויסרויכערן:

— ס'קאָן קיינמאָל נישט זיין קיין גלייכהייט צווישן מיידלעך און מענער, האָט זי געזאָגט, כּל-זמן די מיידלעך וועלן זיך דורך פאַרהיטונגסמיטלען נישט קאָנען גלייכשטעלן מיט די מענער און פּונקט ווי זיי אויסמיידן די געפאַר זיך צו רואינירן, אויב זיי זענען אַוועק צו ווייט.

צביעותדיקע מאָראַליסטן וועלן די שניידנדיקע שאַרפקייט פון דאָזיקן געדאַנק נישט שפּירן, ווייל זיי האָבן נישט קיין געוויסן. אָבער יעדער מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטער מענטש דאַרף עס בחוש שפּירן.

דאָסדאָזיקע מיידל האָט נאָך געקאָנט צוגעבן, אַז אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן וואָלטן די פרויען אויפגעשטעלט אַן איינציקן מאַסשטאַב פון סעקסועלער מאָראַל. דערדאָזיקער מאַסשטאַב וואָלט אויפגעוויזן צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן: ער וואָלט געווען פאַרשטענדיק און ערלעך, און די מערסטע הייניקע זומפּן פון באַהאַלטענע פאַרברעכנס און קאָרופּציע וואָלטן אונטערן איינפלוס פון ליכט און לופט אויסגעטריקנט געוואָרן ביז אָנשטענדיקייט.

די שווערקייט פון דער שוואַנגערשאַפט! באמת! וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר, ביי אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט פאַרהיטונגסמיטלען, אַרויפצוּוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויף דער פרוי? צביעות? דער שטן אַליין מעג קומען צו אונז זיך לערנען!

ליבע איז אַ הייליקע זאַך. און ווי יעדער אַנדער גרונטפּרינציפּ פון לעבן איז זי אַ פּאַראַדאָקס. פרייהייט איז די איינציקע קייט, וואָס האַלט זי געשמידט. דאָס וואָס די קייט קאָן צו יעדער צייט איבערגעריסן ווערן, לאָזט נישט אויפקומען דעם געדאַנק פון אַנטלויפן, בעת אָן דעם, ווערט ער אַ נסיון, וואָס איז שטענדיק גענערט דורך דער אייגענער אָנמאַכט. די ליבע מוז שטענדיק קאָנען זאָגן: איך וואָלט געקאָנט, ווען איך זאָל וועלן, קיין זאַך האַלט מיך נישט, נאָר מיין אייגענער ווונש.

איך האָב ליב, ווייל איך וויל, נישט ווייל איך מוז עס כלומרשט טאָן".

אַזוי זעט אויס די פרייהייט, וואָס איך זאָג פאָרויס אַלע הייראַטן.

אומבאַשטענדיקייט — יאָ, מיר וועלן תמיד האָבן אומבאַשטענדיקייט, כאָטש איך פּראָטעסטיר דאָס אַזוי אָנצורופן. איך האַלט אַז טעות, פאַרזען, פעלטריט וואָלטן געווען אַ סך בעסערע אויסדרוקן פאַר דעם, וואָס ס'ווערט דערונטער געמיינט. מענער ווי פרויען וועלן כסדר מאַכן פעלטריט ביי דער אויסוואַל פון זייערע חברים. דאָס קומט פאָר אין די בעסטע פאַמיליעס. ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין, ווען זיי מוזן דאָס גאַנצע לעבן שטעלן אין קאָן אונטער פאַרהעלטעניש, וואָס גיבן זיי נישט קיין שום אויפקלערונגען וועגן מהות פון צווייטן, העכסטנס אפשר ווילדע השערות. עצהנען זיי ריכטיק איז גוט און שיין. אויב אָבער נישט, איז דאָס אומגליק פאַרטיק. אַלץ אַ מאָטיוו מער, צו שאַפן פאַר דער הייראַט אַ לייכטער לייזבאַרע פאָרם.

דאָס אומגליק איז, וואָס מיר ווילן זיך בשום אופן נישט פאַרלאָזן אויף דער מענטשלעכער נאַטור. אין דעם פּרט בין איך אפשר אַן אויסנאַם. איך בין אַ געבאָרענער שפּילער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם, איינצושטעלן אויף מענטשן, און איך געווין שטענדיק. דער סוד אין דעמדאָזיקן שפּיל, צו וואַרפן ריכטיק די קוילן, איז זייער אַ פּשוטער: מיר מוזן שטענדיק האָבן דאָס באַוווסטזיין, אַז די איינזאַמסטע זאַך אויף דער וועלט איז די מענטשלעכע נשמה, אַז פאַר דער נשמה איז עס אַ שרעק צו וואַנדערן אין דער פינצטער, און קוים דערלאַנגען מיר איר אַ האַנט ביז אין אירע טונקלסטע לעבנס-ספערעס אַריין, איז זי גרייט דידאָזיקע האַנט אָנצונעמען און פעסטצוהאַלטן.

וואָס עס געשעט, ווען די קירך און די געזעלשאַפט מישן זיך אַריין אין די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב, ווערט

גוט באַלויכטן אין דער געשיכטע פון אַ פרוי, וואָס איך וועל זי אָנרופן מיט דער פאַמיליע הערינג.

פרוי הערינג איז פאַר דער חתונה געווען אַ סטענאָגראַפיסטין, שיין, געזונט און „אומשולדיק", דאָס הייסט: אומגלויבלעך אומוויסנדיק אין די איינפאַכסטע געשלעכטס-אָנגעלעגנהייטן. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זי איז דורכן קאַטוילישן פריסטער, וואָס האָט זיי געגעבן חופה, פריוואַט אויפגעקלערט געוואָרן וועגן גאַנצן אמת. די דאָזיקע אויפקלערונג האָט זי אַזוי שטאַרק צושראָקן און אַרויסגערופן ביי איר אַזאַ געפיל פון ווידערווילן קעגן דער גאַנצער זאַך, אַז זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט גובר זיין דעם עקל. נישט געקוקט אויף דעם, האָט מען זי חתונה געמאַכט און זי האָט זיך, ווי ווייט מעגלעך, אונטערגעוואָרפן דעם אומפאַרמיידלעכן.

דער פריסטער האָט בעת זיין אינפאָרמאַציע מיט אַ בפירושער וואָרנונג באַזונדערס באַטאָנט, אַז זי זאָל קיין מאָל נישט גיין „קעגן דער נאַטור", אַז געבורטן-קאָנטראָל איז קעגן דעם ווילן פון גאָט.

גוט, דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער וואָרנונג, וואָס זי האָט ווי אַ פיל גלויביק אַרונטערגעשלונגען, איז געווען די געבורט פון אירע דריי קינדער איינס נאָכן צווייטן. דאָס איז אָבער פאַרן קליינעם פאַרדינסט פון איר מאַן געווען לחלוטין צו פיל. ווען דאָס פערטע קינד איז געווען אונטערוועגס, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער גיהנום. הער הערינג איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס, דערהערנדיק וועגן זיין ווייבס פערטן טראָגן. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט זי איבערלאָזן מיט אַלע דריי קינדער, אויב זי וועט נישט מאַכן קיין אַבאָרט. זי האָט עס געטאָן. דריי מאָל אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי יאָר.

אָפּטרייבונג זענען ביי די הערינגס געוואָרן אַ געוויינהייט.

זיי האָבן נישט געטאָרט באַנוצן קיין שום פאַרהיטונגס-מיטלען, ווייל דאָס איז געווען אַ זינד, אַן אָנגריף אויף דער נאַטור און אויף גאָטס פּלענער.

— געגוג מערקווירדיק, אַז מענטשלעכע ברואים קאָנען זיך בכלל אַריינמישן אין די פּלענער פון הימל און ערד, נישט אמת? אָבער אָפּטרייבונג איז אַ גוטער ערזאַץ פאַר פאַרהיטונג! אויף דעם אופן האָט זי בעת די דריי קומענדיקע שוואַנגערשאַפטן געמוזט לאָזן טויטן אירע לעבעדיקע אומגעבאָרענע קינדער!

— צי האַלט איר נישט, אַז עס איז בעסער גאָרנישט צו לאָזן אויפוואַכן דאָס לעבן איידער עס שפּעטער צו מאָרדן? האָב איך זי געפרעגט.

— יאָ, האָט זי געענטפערט, געוויס, איך האַלט אויך אַזוי. אָבער דער מאַן האָט געפאָדערט זיינע רעכט, נישט געקוקט אויף מיין פּראָטעסט. און דער פּריסטער האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ זינד ביים אָנפאַנג פון לעבן עפּעס צו טאָן, און אַז איך מוז מיין מאַן פאָלגן. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן אַנדערש ווי זיך אונטערגעבן? און ווי וואָלט איך עס שפּעטער געקאָנט אַריבערטראָגן, ווען איך זאָל פאַרלירן מיין מאַנס ליבע און זיין זאָרג פאַר אונזערע דריי לעבעדיקע קינדער?

מיט איין וואָרט, זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן דער שרעק און דעםווירטשאַפטלעכן דרוק, וואָס האָט באַדראָט אירע דריי לעבעדיקע קינדער, און פון זייערטוועגן געמאָרדעט דריי אומגעבאָרענע. איך גלויב נישט, אַז מען קאָן דאָ נאָך פרעגן, צי איז עס געווען אַ פאַל פון אָבערגלויבישן טראָר אָדער פון רעליגיע.

אַ צווייטע פרוי, מיט וועלכער איך האָב גערעדט וועגן געבורטן-קאָנטראָל, האָט מיר געזאָגט: „איך באַנוץ זיך דערמיט, צי דאָס איז פאַרבאָטן אָדער נישט, און קיינער קאָן מיך נישט אָנשרעקן. גלויבט מיר, אַז די וואָס פאַרווערן דאָס, ברענגען אַליין נישט קיין קינדער אויף דער וועלט!"

די געשיכטע פון דער פאַמיליע סמיט האָט מיט אַ צייט צוריק אָנגעמאַכט אַ טומל אין גאַנץ דענווער. הער סמיט איז זייער אַ געוויסנהאַפטער מאַן, האָט אָבער נישט קיין גרויסן

באַלאַסט פון אינטעליגענץ. אויך זיין טעאָלאָגישער ראַטגעבער האָט אים געזאָגט, אַז געבורטן-קאָנטראָל איז אַ זינד און אַז די איינציקע מעגלעכקייט נישט צו האָבן מער קיין קינדער ווי ער קאָן דערנערן, איז די אַבסטינענץ. אַזוי ווי זיי האָבן יעדעס יאָר געהאַט אַ קינד און אַבסטינענץ האָט אויסגעזען צו זיין פּראַקטיש נישט דורכפירבאַר, איז סמיט געקומען אין אונזער געריכט נאָך אינפאָרמאַציעס ווען פאַרהיטונגס-מיטלען. אַזעלכע אינפאָרמאַציעס האָט מען אָבער לויט דער געזעצלעכער פאָרשריפט נישט געטאָרט אַרויסגעבן, און איך האָב איר אָפּגעשיקט אין אַ קליניק, וווּ מען האָט אָבער אויך מורא געהאַט צו האַנדלען קעגן געזעץ און נישט געגעבן קיין אינפאָרמאַציעס. סמיט האָט געלייזט דעם פּראָבלעם דערמיט, וואָס ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. נאָך דעם האָט מען עפּנטלעך געזאַמלט געלט פאַר דער נויטבאַדערפטיקער פאַמיליע, וואָס האָט פאַרלאָרן איר שפּייזער.

אַזויערנאָך איז די פאַמיליע סמיט פּשוט געגאַנגען צו גרונט צווישן קירך און געזעץ.

אַ צווייטע פאַמיליע, די קלאַרקס, איז אויך יעדעס יאָר געוואָרן מיט אַ מיטגליד רייכער. זיי זענען דערמיט אויך געווען אַזוי צופרידן, פּונקט ווי די סמיטס. זיי האָבן עס זיך פּשוט נישט געקאָנט דערלויבן. עס איז געווען אַן אומרעכט קעגן די איבעריקע קינדער, אויב עס זאָלן צוקומען נאָך. אָבער אַזוי ווי מען האָט נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוואַל ווי צווישן גיהנם צוליב דעם חטא פון פאַרהיטונגס-מיטלען און דעם וווקס פון דער פאַמיליע, האָבן זיך די קלאַרקס געפּרוכּפּערט, געמערט און באַפעלקערט די ערד.

איצט זיצט איין זון אין תּפיסה פאַר אַ געוואַלטטאַט איבער אַ קינד. ער איז אַ דעגענעראַט. דאָס זעלבע איז געשען מיט נאָך עטלעכע פון זיינע שוועסטערן און ברידער. די אומגליקן און פאַרברעכנס, וואָס עס האָט געבראַכט דידאָזיקע פאַמיליע, איז שווער צו שילדערן. דאָס אַלץ וואָלט זיכער נישט געשען, ווען די קלאַרקס זאָלן צו דער רעכטער צייט

געווען זיין ריכטיק אויפגעקלערט וועגן פאַרהיטונגס־מיטלען.

די איינציק מעגלעכע באַרעכטיקונג פאַר אַזעלכע דעגע־נעראַטן אויף חתונה צו האָבן, וואָלט נאָך געווען דאָס, אַז זיי זאָלן בכלל נישט ברענגען אויף דער וועלט קיין קינדער. אָבער אונזערע געזעצן און דער גרעסטער טייל פון אונזערע קירכעס האַלטן שטאַל און אייזן פאַר יענער צווייטער אינסטי־טוציע — אַזאַ מין אוממאָראַלישע, אָפּשיילעכע. אומרייניע זאַך, אַז מען קאָן זיך נאָר וואונדערן אויף דער דינקייט פון אונזער קולטור־פּאָליטור און דער געוואַלטיקייט פון „בלאָף", אַז מיר ווילן פּלומרשט זיין דענקנדע מענטשן.

ווען די פאַמיליע קלאַרק וואָלט געווען דער איינציקער פאַל אָדער איינער אונטער געלעגנטלעכע אַנדערע, וואָלט איך אים אַזוי דרינגלעך נישט באַטאָנט. אָבער ווי זאָל איך דעם לעזער, וואָס האָט דידאָזיקע פאַרהעלטעניש מיט זיינע אויגן נישט געזען, מיט זיינע אויערן נישט געהערט, שילדערן דעמ־דאָזיקן שרעקלעכן עלנט און אומגליק, וואָס ציט זיך אין מיין געריכט אָן אַ סוף און אָן אַן עק פאַר מיינע אויגן?

די געזעלשאַפט דערלויבט די מינדעריעריקע, אומנאָר־מאַלע חתונה צו האָבן און פאַרלאַנגט פון זיי דורכן געזעץ, אַז זיי זאָלן נישט באַנוצן קיין שום פאַרהיטונגסמיטלען, צווינגט זיי בכן צו ברענגען אויף דער וועלט אַזעלכע אומטויגלעכע, אומגעוווּנשענע בריאים, ווי זיי זענען אַליין. די איינציקע מעגלעכקייט פון זיי זיך צו ראַטעווען, אָפּצו־רייניקן פון זיי די געמיינשאַפט, וואָלט דאָך אָבער פאַרט געווען, ווען מען לאָזט זיי גאָר אָן יורשים, אָדער לפּחות מיט דער קלענסטער צאָל, ביסלעכווייז אויסשטאַרבן, און דערויף וואָלטן זיי סרוב אַליין מסכּים געווען, באַזונדערס די פרויען.

עס וואָלט נאַטירלעך נישט געווען גענוג, זיי נאָר צו דערמעגלעכן דאָס באַקומען די פאַרשידענע ביז איצטיקע פאַר־היטונגסמיטלען. די מלוכה וואָלט נאָך אויך געדאַרפט אָרגאַני־זירן אויף דעם געביט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, כּדי אויס־צוגעפינען נאָך פּשוטערע, זיכערע און אומשעדלעכערע מיט־

לען. דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן, איז בעסער ווי גאָרנישט, אָבער־ עס איז נאָך אין יעדער הינזיכט אומפולקאָמען.

אַז אַזעלכע מיטלען וואָלטן בלומרשט דערפירט צום זעלבסטמאָרד פון פאָלק איז אַן אמתער אַבסורד. איך רעד־ שוין נישט וועגן קליינע פאַמיליעס. מ׳דאַרף האָבן נאָר אַזוי־ פיל קינדער, וויפל מ׳קאָן גוט דערציען און דערנערן. דאָס דאַרף מען מיט ייִנגלעך און מיידלעך פון קינדווייז אויף איינלערנען. דאָס דאַרף ווערן אַ טייל פון יעדער ריכטיקער דערציונג. און מען מוז זיי דערקלערן, וואָס פאַר אַ זיסער, באַלעבנדיקער איינפלוס עס זענען אין הויז קינדער, און וואָס פאַר אַ ברכה זיי באַטייטן, אָבער נאָר דאָרט, וווּ זיי קאָנען אויפן געהעריקן אופן אויפגענומען און געפלעגט ווערן.

דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פּאַקטיש זענען מיר געגוג טעמפּ, וואָס מיר דערלויבן די קאָנצעפּציע פון טויזנטער אומלעגיטימע קינדער אין דער הייראַט. מיר האָבן די פאָרשטעלונג, אַז אומלעגיטימע קינדער זענען נאָר פון נישט פאַרהייראַטע עלטערן. אָבער דאָס איז לגמרי פאַרקערט. אומלעגיטים איז אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן פון אומטויגלעכע עלטערן, אַלצאיינס, צי זענען די עלטערן פאַרהייראַט אָדער נישט. אָדער מיר וואָלטן זיך נאָך געקאָנט אַנדערש אויסדרייען און זאָגן, אַז אייגנטלעך זענען די עלטערן אומלעגיטים. עטלעכע פון די טרויעריקסטע קליינע „אומלעגיטימע", עטלעכע פון די אומגליקלעכסטע קליינע „יתומים" וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן ביידע עלטערן, וואָס לעבן אין אַ „לעגיטימער" הייראַט.

די געזעלשאַפט וויל נישט קיין אומלעגיטימע קינדער. אָבער נישט מחמת דעם, ווייל זי זאָרגט וועגן דער מאָראַל פון וועלכער זיי שטאַמען, נאָר אויסשליסלעך צוליב דעם, ווייל זי האָט מורא, אַז זי וועט דאַרפן די קינדער פאַרזאָרגן. דעריבער לייגט זי אַרויף אויף די עלטערן אַ שווערע שטראָף, און רופט גראָד אַרויס דורך דעם דאָס, פאַרוואָס זי האָט מורא, ווייל די אומעטום געשטערטע, מיט שמוץ באַוואָרפענע עלטערן, קאָנען זיך פאַר זייערע קינדער נישט אַזוי איינשטעלן, ווי זיי וואָלטן דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך און נאַטירלעך געטאָן, ווען מען לאָזט זיי גיין פריי זייער וועג. דער גאַנצער עסק

איז פונקט אַזוי גראָטעסק, ווי האַרצלאָז. די צביעות, דער אויסרייד וועגן פלומרשטער מאָראַלישקייט, מאַכט עס נאָך ווי-דערלעכער.

הינדערטער „אומלעגיטימע" בעביס זענען איבערגעגאַנ-גען דורך מיינע הענט. פון אַ סך האָב איך פאָטאָגראַפיעס. וואונדערבאַרע קליינע ברואים פון אָפטמאָל פּראַכטפולע עלטערן, איך בין געגאַנגען אין עטלעכע שפּיטעלער, נאָר כדי זיך צו פרייען מיט זייער ליבלעכקייט ווי מיט דער ליבלעכקייט פון בלומען. איך האָב איבערגעלעבט די אומענדלעכע פרייד, דאָס איבערלעכע גליק, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין די הייזער פון זייערע אַדאָפּטיוו-עלטערן.

איך דערמאָן זיך אָן אַ בריוו, וואָס איך האָב געשיקט אַ יונג מיידל פון דער פיינסטער פאַמיליע אין דענווער. איך האָב זי דערצו באַוויזן צו ברענגען איר קינד אויף דער וועלט פאַר יעדן פּרייז, און זי האָט עס טאַקע געבוירן.

אָט איז דער בריוו:

צו אַ מוטיקער, ריינער, זיסער, קליינער מיידל, וואָס אירע ליידן און איר איידלקייט מאַכן מער ווי גוט די פעלערן פון איר האַנדלונג. דערמיט וואָס זי האָט געטאָן דאָס, וואָס גאָט און די נאַטור האָבן פון איר געוואָלט און נישט פּחדנות-דיק באַגאַנגען קיין פאַרברעכן, ווי דאָס האָבן געטאָן טויזנטער, וואָס זענען נישט געווען האַלב אַזוי גוט ווי זי, איז זי באַ-רעכטיקט אויף דער גאַנצער ליבע און הויכאַכטונג, וואָס אַ פרוי האָט ווען נישט איז פאַרדינט. און דאָס מאַכט זי אויך זייער טייער ביי אַ מענטשן, וואָס איז שטאָלץ אויף איר און אויף אירע אָנגעהעריקע — מחמת דעם מוטיקן, דרייסטן קאַמף.

פון איר פריינט

בען ב. לינדזיי

אַזוי ווי די געשיכטע איז געבליבן אַ סוד, האָט דאָס יונגע מיידל געקאָנט בכבוד ענדיקן איר שולע. איצט איז זי גליקלעך פאַרהייראַט און האָט אַן אַנדער פּרעכטיק קינד. דאָס

ערשטע מאָל האָט מען געמוזט ברענגען אַ קרבן איר „זעלבסטאַכטונג״, וואָס באַטייט, אַז אַ פּאָרפּאָלק האָט עס אַדאָפּטירט. דערדאָזיקער בעבי האָט געשאַפן אַ וווּנדער בנוגע זײַנע אַדאָפּטיוו־עלטערן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן בײַם גטן. דאָס קינד האָט זיי ווידער צונויפגעפירט, אָנגעצונדן אין זיי אַ נײַע ליבע פון איינעם צום צווייטן און געמאַכט זייער היים פאַר איינס פון די גליקלעכסטע. איך האָב זיי אַלע דריי אין אַ סך יאָרן שפּעטער געטראָפן אין אַ ווײַטער שטאָט. די עלטערן האָבן געשטראַלט און פאַרזיכערט, אַז זיי לעבן אויסשליסלעך פאַר „זייער געליבט קינד״.

אין דער דיכטונג געפינען מיר אַזעלכע פאַלן פאַר זייער רירנדיק. דער שטרענגער פאָטער, וואָס טרײַבט אַרויס זײַן טאָכטער אין שטורם און שניי אויפן גאַס, אַז זי קומט אום פון הונגער און קעלט, איז אַ באַליבטע פיגור, קעגן וועלכער מען איז אַזוי האַרציק גערן אויפגעבראַכט. ווײַל אין דער דיכטונג, אין ליד און ראָמאַן, ווי אויך אין טעאַטער, סימפּאַטיזירן מיר שטאַרק מיט די „עלנטע מיידלעך״ און זעען זיי זיי מעגלעכסט גערן אַראָפּצוזינקען אין טיפן זומפּ, כדי צו קאָנען בעסער אַרויסווײַזן אונזער מיטלייד. קוים וואַגט אָבער עמעצער וועגן אַזעלכע זאַכן צו רעדן אָדער צו שרײַבן, ווי זיי זאָלן אין אונזער אייגענעם לעבן אָדער סביבה באמת פאָרקומען, קומט תיכף די צענזור און הייבט אָן צו שטרײַכן, און ווי אויף אַ קאָמאַנדע פאַלט מען אָן אויף דעם, וואָס רעדט אָדער שרײַבט. און אונזער צעשטערונגס־כעס לאָזט זיך אויך אין ווירקלעכן לעבן אויס אויף יענע מענטשן, (וויבאַלד מען אַנטדעקט זיי), וועלכע מען האָט אין דער דיכטונג באַוויינט מיט ביטערע טרערן. ס'איז זייער גוט, וואָס די יוגנט פון הײַנט רעבעלירט! אפילו איר נאַרישקייט שאַדט נישט, קוים דריקט זי נאָר צו צו דער וואַנט די אַלטע שקרדיקע טראַדיציעס!

מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָב איך געהאַט אַ פאַל, ווען אַ מיידל האָט נישט געקענט נערן איר קינד, ווײַל מחמת איר שם האָט זי זיך דערמיט געמוזט צושיידן. דאָס קינד איז

געשטאָרבן, ווייל ס׳האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די נערונג מיטן פלעשל. דאָס מיידל גופא האָט זיך געמוזט פאַרדינען איר ברויט, און מיר האָבן איר געפונען אַ שטעלע אַלס אַם ביי צוויי שוואַכע קינדער, וואָס די אייגענע מוטער האָט זיי נישט געקאָנט נערן, און אָן מוטערמילך האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען. ווי נאָר זיי האָבן באַקומען די אַם זענען זיי געווען געראַטעוועט און האָבן הערלעך אויפגעלעבט. איך וועל קיינמאָל ניטט פאַרגעסן, ווי דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט מיר פול פאַרצווייפלונג געזאָגט: „צי איז עס נישט אכזריותדיק, וואָס מיין קינד האָט געמוזט שטאַרבן, ווייל איך האָב אים נישט געטאָרט געבן דאָס, וואָס איך גיב דידאָזיקע פרעמדע בעבים״.

הער איך, ווי אַ פוריטאַנער זאָגט, אַז דאָס איז כלומרשט די גערעכטע שטראָף פאַר איר מאָראַלישן פעלטריט. גוט. לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳איז אַזוי. אָבער ווי האַלט עס מיטן קינד, וואָס האָט געמוזט שטאַרבן און האָט דאָך באמת קיין שום שיכות נישט דערמיט, וואָס זיינע עלטערן זענען נישט געווען פאַרהייראַט? צי דען האָט דאָס קינד נישט געהאַט קיין רעכט אויף נאַרונג פון זיין אייגענער מוטער, צי זי איז געווען „מאָראַליש״ אָדער „אוממאָראַליש״! צי דען האָט עס נישט געהאַט דאָסזעלבע רעכט אויף לעבן ווי יענע קינדער, וואָס כדי זיי צו רעטעווען האָט עס געמוזט שטאַרבן? וואָס וואָלט דאָס טויטע קינד געזאָגט וועגן „מאָראַלישקייט״ און „גערעכטיקייט״? צי זענען מיר אַזוי וויט געפאַלן, אַז מיר ברענגען אום אומשולדיקע קינדער, דערמיט וואָס מיר פייניקן און פאַרפאָלגן זייערע אומפאַרהייראַטע מוטערס? יאָ, פ אַ ק ט י ש זענען מיר אַזוי טיף געזונקען.

לויט איינער פון אונזערע הויכגעשעצטע טראַדיציעס איז יעדער ווירקלעכער מאַן מחויב צו נעמען דאָס געווער און שיסן יעדן איינעם, וואָס איז געוואָרן אינטים מיט זיינע „פרויען״; זאָל עס זיין דאָס וווייב אָדער די טאָכטער. און וואַרפן מיר אַראָפּ פון דערדאָזיקער געהייליקטער טראַדיציע אַלע שיינע

רייד און מליצות, בלייבט בלויז די באַדייטונג, אַז די פרויען זענען דעם מאַנס אייגנטום, און דער פאַרפירער איז נישט אַזוי ווייט קיין פאַרפירער ווי אַ גנב, נאָר נאָך פון אַ נידעריקערן מין ווי פערד-גנבים. די פרוי גופא ווערט דורכדעם דער סלע-המחלוקת צווישן די מענלעכע באַשעפענישן. די פראַגע וואָס פאַראַ ראָל עס שפּילט אין דעם גאַנצן ענין איר פּערזענלעכקייט, איר ווילן, קומט דאָ לגמרי נישט אין באַטראַכט. לכל הדעות מוז פאָרקומען אַ שיסעריי, ביי וועלכער מ׳האָט זיך אין אַמעריקע נישט וואָס צו שרעקן, ווייל ס׳איז כמעט נישטאָ קיין געריכט, ווו מ׳זאָל אונטער אַזעלכע אומשטענדן עמעצן פאַרורטיילן וועגן מאָרד.

איינמאָל האָב איך געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ מין מאַן, מיט אַ „מענלעכן" מאַן. זשאַן טשאַלמער איז געווען אַ מענטש פון עטלעכע און פערציק, רייך, קאַמפּסלוסטיק און געהאַט אַ טאָכטער. ער איז רייך געוואָרן דורך דערדריקן קלענערע געשעפטסלייט, איז געווען איינער פון מיינע ביטערסטע שונאים אין דענווער; געשטאַמט האָט דאָס דערפון, וואָס איך האָב אַמאָל בעת איינעם פון זיינע רויבצוגן, אַרויסגעטראָגן אַ פּסק קעגן אים. איך בין נישט געווען איבערראַשט, ווען ער איז אין איין שיינעם טאָג אַראָפּגעקומען אין מיין געריכט און געבעטן ביי מיר אַן אוידיענץ אונטער פיר אויגן.

ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אים האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק מיט זיין טאָכטער. זיין זון און זיין טאָכטער זענען ביידע כלומרשט זייער זאָרגפעלטיק דערצויגן און האָבן זיך תמיד אָנשטענדיק אויפגעפירט — לפּחות אויסערלעך. און איצט האַלט זיין טאָכטער ביי ווערן אַ מוטער, דער פּועל יוצא פון אַ ליבע-פאַרהעלטעניש מיט אַ יונגנמאַן פון דער שטאָט.

— זי האָט מיר געמוזט אַרויסגעבן דעם נאָמען פון דאָזיקן מנוול, האָט ער געזאָגט. און ער וואָלט שוין זיכער נישט אַרויס פון מיינע הענט קיין לעבעדיקער, איך וואָלט אים שוין לאַנג אַוועקגעלייגט פאַר דער חרפּה, וואָס ער האָט אָנגעטאָן מיין פאַמיליע, ווען איך זאָל נישט געווען הערן פון מיין אַד-

וואָקאַט, אַז ער קאָן, פאַרן פאַרפירן אַ מינדעריעריקע, כאַפּן לעבנסלענגלעכע תּפיסה. מיין טאָכטער איז נאָך נישט אַלט קיין 18 יאָר. דעריבער האָב איך לעת עתּה אָפּגעלאָזט מיטן שיסן. תּפיסה אויפן גאַנצן לעבן איז אַ בעסערע נקמה.

דערביי האָט הער טשאַלמערס אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, ווי ס'פּאַסט זיך פאַרן גרויסן מאַן (זעקס פוס אין פאַרגלייך מיט מיינע פינף) און אינדוסטרי-פאַרשטייער.

און איצט בין איך אַהערגעקומען, ווייל איך קען אייך. איר זענט געוווינט אַזעלכע זאַכן מיט אייערע קליענטן צו נעמען לייכט. איך אָבער פאַרטראָג נישט ביים דאָזיקן פאַל קיין שום מיסברויך. דאָס געזעץ זאָל דאָסמאָל נישט פאַרדרייט ווערן! דער יאַט מוז באַקומען די העכסטע שטראָף, וואָס עס קאָן נאָר געבן. איך וועל נעמען די בעסטע אַדוואָקאַטן פון גאַנצן לאַנד, און איך בין אַהערגעקומען, אַז איר זאָלט מיר געבן אייער צוזאָג, אַז איר וועט אונטערשרייבן דעם אורטייל אויף לעבנסלענגלעכע תּפיסה. דאַן וועל איך אים פריער נישט דערשיסן.

איך האָב זיך מיט אַלע כּחות איינגעהאַלטן פון לאַכן, כאָטש אייגנטלעך האָב איך געזאָלט אָפּהיטן די ווירדע פון דאָזיקן הויכן געריכטסהויף און אַריינפאַלן אין אַ שטאַרקן כּעס פאַר אַזאַ חוצפּהדיקער רעדע. אָבער צו וואָס אַריינפאַלן אין כּעס אויף מענטשן, בלויז מחמת דעם, ווייל זיי זענען שוטים און קאָנען זיך נישט אָריענטירן?

— איר ווייסט, נאַטירלעך, אַז איך קאָן נישט פאַראורטיילן קיין פאַרברעכער, איידער זיי ווערן אויסגעהערט און ס'ווערט באַוויזן זייער שו״ד, — האָב איך געזאָגט. און אַז...

ער האָט מיר איבערגעהאַקט. — דער לומפּ, דער פאַרפלוכטער! האָט ער געברילט. איך האָב געדאַרפט צונויפפּויקן אַ המון און אים לינטשן!

— און דערביי האָב איך דאָ נישט לאַנג געלעזן אין אַ צייטונג, האָב איך באַמערקט, אַז איר האָט זיך אין אַן אינטערוויו אויסגעדריקט, אַז רעספּעקט פאַרן געזעץ איז דער

גרונטשטיין פון דער פרייהייט. איר וועט דאָך איצט נישט וועלן געבן אַליין אַן אַנדער ביישפּיל? איך פּראָפּאָניר, אַז מיר זאָלן היינט נאָך מיטאָג אַרום 4 אַ זייגער דעם ענין נאָכאַמאָל באַהאַנדלען. דאַן האָב איך פאַר אייך מער פרייע צייט.

ער איז געווען וויניק באַפרידיקט, איז אָבער ברומענ־דיק און וואַקלענדיק אַרויס פון צימער, ווי אַ פאַמעלעך אָפּ־דונערנדיקע ערדציטערניש. שיסן וועט ער לעת־עתה נישט, דאָס איז געווען מיין פעסטע איבערצייגונג.

אין עטלעכע שעה שפּעטער איז צו מיר אין געריכט אַראָפּגעקומען אַן איינפאַך געקליידעטע פרוי, מיט אַ טרויעריקן מידן געזיכט. פרוי דיער האָט געבראַכט צו מיר איר טאָכטער גלעדיס. גלעדיס, אַזוי האָט זי מיר איבערגעגעבן, מיט טרערן אין די אויגן, איז באַגאַנגען אַ פעלטריט, האָט אָבער נישט געוואָלט זאָגן מיט וועמען. אפשר וואָלט איך געקאָנט אַרויס־קריגן פון איר דעם נאָמען. גלעדיס האָט דערביי אַ הויב גע־טאָן איר שייך, לעבהאַפט פנימל, געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך מער צונויפגעפּרעסט די ליפּן. דאָס איז מיר אַלץ גוט באַ־קאַנט.

— אויב מיר ווילן די זאַך דערגרונטעווען, פרוי דיער, מוזן מיר רעדן מיט גלעדיס אונטער פיר אויגן. פרוי דיער האָט זיך גלייך אַרויסגעטראָגן אין צווייטן צימער, ווו ס׳פלעגט געוויינלעך וואַרטן דער „צווייטער צד״.

אַז גלעדיס איז געבליבן מיט מיר אַליין, איז פאָרגעקו־מען דאָס, וואָס עס געשעט כמעט תמיד. איך האָב זי בלויז נעדאַרפט איבערצייגן, אַז איך בין נישט „פּאַראַליזירט פון שרעק״ מכח איר פעלטריט. ווי געוויינלעך האָב איך אויך איר געזאָגט, אַז איך וועל קיינעם, אָן איר דערלויבעניש, איר סוד נישט פאַראַטן, אפילו נישט פאַר איר מוטער. זי האָט מיר דאַן גאַנץ פשוט דערציילט, ווי זי וואָלט עס אויך איר מוטער דערציילט, ווען דידאָזיקע פרוי זאָל דאָס אַזוי פאַרשטיין ווי איך. פאַר איר מוטער אָבער איז אין זין פון אויפפירונג גע־

זען בלויז ווייס אָדער שוואַרץ, מיטן קדושין־רינגל, אָדער אָן אים.

אַז גלעדיס האָב מיר אָבער סוף כּל סוף אויך אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון איר ליבהאָבער, האָב איך זיך ווירקלעך דער־שראָקן. פֿאַרשטייט זיך נישט מחמת מאַראַל. דער נאָמען איז געווען טשאַלמערס, קליפֿאָרד, דער זון פֿון זשאַן טשאַלמערס, מיין קאַפּיטאַל־קרעפּטיקן פֿריינט. גלעדיס האָט געמיינט, אַז זי האָט קליפֿאָרדן ליב, און איז געווען זיכער, אַז ער ליבט זי. אָבער איצט ווייס זי אַליין נישט, צי זאָל זי מיט אים חתונה האָבן אָדער נישט.

איך האָב אויסגעהערט דעם גאַנצן ענין, געהייסן דער מוטער און דער טאָכטער גיין דערווייל אַהיים, לכל הדעות אָבער צוגעזאָגט זיי צו העלפֿן. דערנאָך האָב איך גלייך טע־לעפֿאָנירט אין אַ גרויס באַנק־הויז און געפֿרעגט אויפֿן יונגן טשאַלמערס. ער איז אַליין צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט און צוגע־זאָגט גלייך נאָכמיטאָג צו מיר צו קומען, וואָס ער האָט אויך מקיים געווען.

ער האָט זיך אָן שום טענות אין אַלץ מודה געווען, ער וואָלט וועלן מיט גלעדיס חתונה האָבן, ער איז אָבער נישט זיכער צי איז דאָס ביי דידאָזיקע אומשטענדן דאָס בעסטע. ווייל זיין פֿאָטער, ווייסט, נאַטירלעך, זיין שטאַרק קעגן דעם, און פֿאַרן פֿאָטער, האָט ער באַשיינפּערלעך מער מורא געהאַט, ווי אים געאַכט. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויפֿריכטיקן און גוטן איינדרוק. איך האָב אים געבעטן אַ ווײַלע אונטערצו־וואַרטן, ווייל איך האָב געהאַט צו דערליידיקן עטלעכע דרינגנ־דע אָנגעלעגנהייטן.

דריי אַ זייגער האָט עמיצער האַסטיק אָן עפֿן געטאָן די טיר פֿון אַמטצימער און ס'איז אַריין זשאַן טשאַלמערס פּונקט אַזאַ צעקאָכטער ווי פֿריער. ער איז געווען אין אַ געפֿערלעכן צושטאַנד.

— איך האָב אייך באַשטעלט אויף פֿיר אַ זייגער, הער טשאַלמערס, האָב איך שאַרף אַ זאָג געטאָן. אַ באַגעגעניש

צווישן פאָטער און זון איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איך האָב געוואָלט צונויפפירן.

איך האָב געמיינט, אַז איר זאָגט דריי אַ זייגער, האָט ער זיך בעוואָרגן. אַלץ איינס, דאָ בין איך. און איך וויל וויסן וואָס קלערט איר צו טאָן מיטן דאָזיקן ליידאַק, מיטן פאַר־ברעכער, דידאָזיקע פאַרשאָלטענע פאַרפירערס דאַרף מען לע־בעדיקערהייט פאַרברענען. און ער וועט באַקומען דאָס זייניקע, אַז איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען!

אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען ווי דער זון איז אויפגעשפּרונגען, טויטבלייך, און אין גאַנצן אַ פאַרציטערטער.

— פאָטער! האָט ער אויסגעשריען, דו פאַרשטייסט דאָך נישט — —

טשאַלמערס איז אויפגעשפּרונגען און אַ צעטומלטער אָנגע־קוקט זיין זון. וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין געקומען — געקומען — וועגן —

— וועגן דעם? האָט דער פאָטער געווילדעוועט. וועגן דעם! איך וועל שוין אַליין וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן. דאָס לאָז שוין מיר איבער. אָבער דאַן האָט ער זיך שאַרף צוגע־קוקט צום זון. וואָס ווייסטו אייגנטלעך וועגן דעם?

— דו ביסט צו האַרט קעגן מיר, פאָטער.

אין גאַנצן אַ צוטומלטער האָט זיך זשאַן טשאַלמערס גע־ווענדט צו מיר: „וואָס מיינט ער אייגנטלעך?"

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דעם בחור דערמיט געוויזן די טיר. דאַנקבאַר האָט ער פאַרשטאַנען דעם ווונק און האָט זיך געשווינט אַרויסגערוקט פון צימער.

דערנאָך האָב איך זיך אויסגעדרייט צו זשאַן טשאַלמערס און אים אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, אָבער גרינגלעך אָן שום קונצן, ווי דאָס האָט אים נאָך זיכער אין לעבן נישט פּאַסירט.

— איר זענט היינט אין דער פרי אַוועקגעגאַנגען, האָב איך אים געזאָגט צום סוף, און במעט געווען אַנטשלאָסן צו

באַגיין אַ מאָרד, ווען איך זאָל פֿלומרשט נישט זיין געצוווּנגען מיטצוהעלפֿן צו אייערע נקמה־פּלענער. קומענדיק צוריק, האָט איר דאָ געפֿונען אייער זון, וואָס האָט געטאָן פּונקט דאָסזעלבע ווי אַן אַנדער פּאַטערס זון, וועלכן איר האָט דערפֿאַר געוואָלט דערשיסן. דער צווייטער יונגערמאַן איז נישט ערגער ווי אייער אייגענער זון. איצט קאָנט איר אַליין אַרויסציִען אייערע מסקנות. אויב איר זענט געראַכט, און מאָרד איז טאַקע די רפֿואה פֿאַר דידאָזיקע ביידע פֿאַלן, טאָ הויבט אָן פֿון אייער אייגן פֿלייש און בלוט, פֿון זון, וועלכן איר־האָט, לויט אייער באַהויפּטונג, דערצויגן מיט דער גרעסטער זאָרגפֿעלטיקייט, וואָס איז לויט אייער אורטייל אַ פֿאַרברעכער, אַ פֿאַרפֿירער, לויט מיין מיינונג אָבער אַ פּרעכטיקער יונגער מענטש, נאָר דער קרבן פֿון אייערע דערציִונגס־מעטאָדן. ער איז איצט פֿולשטענדיק גרייט צו טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון זיין פֿעלער און פֿאַר אייערע פֿעלערן אויך. אָדער אפֿשר ווילט איר טאַקע בעסער אַריינזעצן ביידע יונגע לייט אויף זייער גאַנץ לעבן אין תּפֿיסה? איך, לכל הדעות, האַלט עס נישט פֿאַר דער ריכטיקער רפֿואה.

מיט די ווערטער בין איך צוגעגאַנגען צום טיר, אַריינגערופֿן פֿון וואַרטצימער דעם יונגן טשאַלמערס און אים דערקלערט די גאַנצע זאַכלאַגע, בעת זיין פֿאָטער איז געשטאַנען און אים אָנגעקוקט. ס׳איז געווען אַ גענוג לאַנגע געשיכטע, וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן דעם יונגן מענטשן.

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? האָט ער ענדלעך לגמרי דערשיטערט אויסגערופֿן. איך וויל דאָך זיכער טאָן אַלץ, וואָס איר געפֿינט פֿאַר ריכטיק.

— דו דאַרפֿסט מיט איר חתונה האָבן, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האָט דער פֿאָטער אַרויסגעברומט, אויסגיסנדיק דערביי אַ מבול פֿון זידלערייען, וואָס האָבן לכל הדעות באַוויזן, אַז די פֿאָטעטישע גערעכטיקייט פֿון דער סיטואַציע האָט אים קנאַפּ וואָס אויסגעלערנט.

— איך וויל דאָך טאַקע מיט איר חתונה האָבן, האָט קליפאָרד געזאָגט.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך זשאַן טשאַלמערס מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע געווענדעט צו מיר:

— איך זאָג זיך אָפּ פון גאַנצן עסק! האָט ער גע־מורמלט. איך האָב געמיינט, אַז איך בין מיט מיינע אייגענע קינדער אין אָרדענונג. איך ווייס שוין גאָר נישט. נעמט איר עס שוין בעסער אין אייערע הענט.

— שיקט מיר אייער טאָכטער, האָב איך געזאָגט. לאָמיר קודם כּל איינאָרדנען איין זאַך.

ווען ער איז אַוועק, האָט מיר זיין ריזיקער קערפּער אויס־געזען נישט אַזוי שטייף ווי פריער.

— איך וועל זי אייך שיקן, האָט ער אַ דערשלאָגענער אַ זאָג געטאָן.

און אויפן צווייטן טאָג איז זי געקומען. ווי דער זון, אַזוי איז אויך זי געווען אַ פּראַכט־עקזעמפּליאַר פון דער היינ־טיקער יוגנט.

— מיין פאָטער האָט וואַרשיינלעך וועגן דעם עיקר גאָר נישט גערעדט, האָט זי באַמערקט. מיר זענען קאַטאָליקן, און ער קאָן זיך בשום אופן נישט אַנטשליסן, איך זאָל חתונה האָבן מיט אַ פּראָטעסטאַנט. איך ליב אָבער דעם פאָטער פון מיין קינד און האָב געוואָלט מיט אים חתונה האָבן. און אַז מיין פאָטער האָט עס מיר פאַרבאָטן און געזאָגט, אַז איך בין מינדעריעריק — האָבן מיר גענומען דעם ענין אין אונזערע אייגענע הענט. דעריבער האַלט עס שוין איצט אַזוי ווייט.

אַז איך האָב באַלד נאָכדעם ווידער גערעדט מיט זשאַן טשאַלמערס, האָב איך אים דערקלערט, אַז אין ענין מיט זיין טאָכטער האָב איך שוין נישט וואָס צו אַנטשיידן. ער גופא האָט עס שוין נעכטן געטאָן, באַפוילנדיק זיין זון, אַז ער זאָל מיט זיין ליבסטער חתונה האָבן. דאָסזעלבע דאַרף אויך אָנ־געווענדט ווערן בנוגע זיין טאָכטער.

ער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ, ווי אַ האַרטנעקיקער אָקס.
„דאָס איז לגמרי עפּעס אַנדערש", האָט ער זיך געפּעסט.

אפשר ווען מיר אָנפרעגן מכּח דעם אייער גייסטלעכן יועץ, האָב איך פּראָפּאָנירט. דערויף האָט ער ענדלעך געמוזט מסכּים זיין.

דער פּריסטער האָט געפּסקנט, אַז חתונה האָבן מוז מען אײַן אַז דאָס פּאָרל זאָל אויך נעמען אַ ציווילן שליוב. דאָס איז פּאַר זשאַן זשאַלמערס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, און איך האָב די יונגע לייט דורכגעפירט די אַקטן.

די חתונה-רייזע האָט אָוועקגעפירט די יונגע פרוי אין אַ פּריוואַטע קינפּעטאָרינס-אַנשטאַלט אין אַ ווייטער שטאָט. שפּע-טער האָבן זיי דאָס קינד כּלומרשט געוואָלט אַדאָפּטירן. ס'איז אָבער געשטאָרבן.

קליפאָרד טשאַלמערס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט גלעדיס, זי האָט אָבער נישט איינגעשטימט. איך האָב אויך גלעדיסן אַרויסגעשיקט און געזאָרגט וועגן אַדאָפּטיוו-עלטערן פאַר איר קינד. איצט איז זי פאַרהייראַט מיט אַן אַנדערן, און איז, ווי ס'שיינט, גליקלעך. אויב וועלכע נישט איז אַלטע משפּחה פון איר קרייז באַקאַנטע זאָל נאָר נישט אויסשפּירן אַז זי האָט געהאַט עפּעס אַ פאַרגאַנגענהייט, וועט אַלץ גיין כּשורה.

איר נישט ווען חתונה האָבן מיטן פאָטער פון איר קינד, זעט מיר אויס זייער סימפּאַטאָמאַטיש פאַר דער קומענדי-קער ענדערונג אין דער אויפפאַסונג פון אַזעלכע זאַכן. ס'איז געווען טיפּיש פאַרן אַרט האַנדלען פון דער היינטיקער יוגנט. פריער וואָלט יעדעס מיידל ביי אַזעלכע פאַלן דאַנקבאַר אָנגענומען דעם הייראַטס-פאָרשלאַג. דאָסדאָזיקע מיידל האָט מיך דוקא אַנטציקט דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן מיט אַן אמת פרעכטיקן מוט אַלע געוויינלעכע תּירוצים און צביעות.

— ס'איז אין גאַנצן געווען אַ גרויסער טעות, האָט זי מיר דעמאָלט געזאָגט. און ס'איז פּונקט אַזוי געווען מיין שולד ווי קליפאָרדס, וואָס ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען. ער האָט מיך

װירקלעך געליבט, איך האָב געמײנט, אַז איך האָב נאָר אים ליב, און איצט פֿאַרשטײ איך עס אַנדערש. און דעריבער װיל איך טאַקע מיט אים נישט חתונה האָבן. מיט אַנדערע װער־טער: זי האָט נישט געװאָלט מאַכן פֿון זיך קײן פֿאַרהײראַ־טע פּראָסטיטוטקע.

פיר און צוואנציקסטער קאַפּיטל.

איך האָף, אַז כ׳דאַרף נישט בעטן קיין אַנטשולדיקונג פאַרן איבערגעבן פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס שווימען מיר בסדר אויף אין מיין זכרון, אַן אמתע געשיכטע איז שוין אַן און פאַר זיך אַ גוטע אַנטשולדיקונג, און דידאָזיקע דערפאַרונגען, גענומען פון ווירקלעכן לעבן, פאַרמיטלען אין אַן אַקטיווער פאָרם די מענטשלעכע זייט פון די אידעען, וואָס איך וויל דאָ פאָרשטעלן.

ס׳איז אוממעגלעך, בעת מ׳האָט צו טאָן טאָג איין טאָג אויס מיט מענטשן, וואָס זייער לעבן איז אַ פאַרוויקלטער קנויל פון שוועריקייטן, נישט אַרויסצוגעפינען סוף כּל סוף די סיבות, וואָס רופן אַרויס דעמדאָזיקן תוהו ובהו און דידאָזיקע נויט. ס׳איז אַ טאָפּעלע צרה: קודם כּל איז עס אומוויסנהייט אָדער שלעכטע דערציונג, וואָס שטערט די מענטשן ריכטיק צו דענקען. צווייטנס זענען עס געוויסע אַבסורדע, געירשנטע, סאָציאַלע שטערונגען, וואָס זענען אימשטאַנד אַפילו געשולטע און גוט דערצויגענע מענטשן אַריינצוטרייבן אין אַזאַ גייסטי-קער אויפפאַסונג, וואָס מאַכט כּמעט אוממעגלעך יעדן ריכטיקן, לאָגישן דענקען. די ווירקונג דערפון אויף אומדיסציפּלינירטע, דאָס הייסט אויף 95 פּראָצענט פון דער מענטשהייט, קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן.

אין אַן אָפּגעלעגענעם שטאָטפערטל אין דענווער, ווו עס געפינען זיך בלויז דורך נעגער באַוווינטע, פאַריתומטע, האַלב-

איינגעפאַלענע קליינע הייזלעך, האָט זיך געשפּילט אויפן גאַס אַ ווייס גאָלדלאָקיק, בלויאויגיק מיידעלע פון אַ יאָר פינף.

ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ווייסע פרוי. זי איז געווען אַ גרויהאָריקע פאַרמעגלעכע דאַמע, און האָט זיך אין דער געגנט פאַרנומען מיט פילאַנטראָפּיע. באַזונדערס האָט זי זיך אינ־טערעסירט מיט נעגערס.

דער אָנבליק פון דאָזיקן ווייסן קינד אין האַרצן פון נעגערפערטל האָט זיך איר דעריבער שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פריינטלעך זיך צוגעקוקט צום קינד. „וועמעס טעכטערל ביסטו?" האָט זי געפרעגט.

— מיטן ריינסטן נעגער־דיאַלעקט האָט די קליינע געענט־פערט: „איך בין מאַמי פינקס קליין מיידעלע".

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך באַוויזן אין טיר פון דערבייאיקן הויז אַ דיקע, זייער שוואַרצע נעגערין, מיט ברייטע, משונהדיקע געזיכטס־שטריכן. זי האָט געהערט דער דאַמעס פראַגע, און איז דערפון געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט.

— זי איז מיין קינד, האָט זי געשריגן אויך מיט איר נעגער־דיאַלעקט, דראָענדיק זיך דערנענטערנדיק. מיין קינד איז עס! איך פאַרטראָג עס נישט, אַז ווייסע מענטשן זאָלן זיך דאָ אַריינמישן אין מיינע אָנגעלעגנהייטן. פלאָסיע, קום אַריין! און זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס קינד פאַרן האַנט מיט אַ צערטלעכער פריינטלעכקייט, וואָס האָט זייער נישט האַרמאָנירט מיט איר שאַרפן טאָן קעגן דער פרעמדער. און מיט אַ פיינט־לעכן בליק האָט זי צוגעהאַקט די טיר.

די פילאַנטראָפּין איז דערנאָך געקומען צו מיר. „דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, האָט זי געזאָגט. דאָס קינד איז באַשטימט ווייס און איז אַ שיין קינד. ס'דאַרף אַרויסגענומען ווערן פון דאָרט, וווהין דאָס געהערט זיכער נישט. איך האָף, אַז איר וועט דעם פאַל אויספאָרשן.

איך האָב אַוועקגעשיקט אַהין אַ באַאַמטן נאָך אינפאָר־מאַציעס. די נעגערין האָט אים אויפגענומען מיט גרויס אויפ־

געבראַכטקייט און כּעס, האָט פּאַרזיכערט, אַז ס'איז איר קינד און טריומפירנדיק אָנגעוויזן אויף איר מאַן, וואָס איז געווען אַ ווייסער.

די שכנים האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס קינד געפינט זיך פון איר געבוירן-טאָג אָן ביי מאַמי פּינק און ווערט דאָרט די גאַנצע צייט געהאַלטן איינגעשלאָסן אין שטוב, ביז ערשט לעצטנס האָט מען עס אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אויפן גאַס זיך שפּילן.

וואָס ווייטער די אויספאָרשונג איז געגאַנגען, אַלץ צווייפל-האַפטער איז געוואָרן מאַמי פּינקס באַהויפּטונג. ענדלעך האָב איך געהייסן ברענגען צו מיר מאַמין און דאָס קינד. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ דראַמאַטישע סצענע, בעת זי איז אַריין מיט אַ שוואַרצן וואָלקן פון פריינט און מיטן העלן, זייער שיינעם און צאַרטן קינד פאַרן האַנט.

זי האָט גלייך אויסגעפּלאַצט מיט אירע ליידנשאַפטלעכע, ביטערע טענות און האָט איבערגעחזרט איר געשיכטע, וואָס זי האָט שוין פריער געהאַט דערציילט. נעגער האָבן דראַמאַטישן טאַלענט. ס'איז געווען ווי אויף דער בינע. מאַמי פּינקס אויגן האָבן זיך געקייקלט ווי איר טונקעלע, פולע שטים, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער. דאָס קינד איז כּלומרשט אירס און ווייסע מענטשן האָבן קיין רעכט נישט ביי איר עס אַוועק-צונעמען. דורך אַלע אירע טענות האָט זיך אָבער דאָך דורכ-געריסן די טויטלעכע אַנגסט פאַרן געריכט פון די ווייסע.

איך האָב זי אויסגעפרעגט מיט ווייכקייט און געדולד. דאָס וואָס מירביידע, מאַמי פּינק און איך, שטאַמען פון שטאַט טענעסי, האָט מיר געהאָלפן צו געווינען איר צוטרוי. אָבער ערשט נאָך מערערע פּרוון פון מיין זייט און עטלעכע באַזוכן פון איר זייט איז מיר סוף כּל סוף געלונגען אַרויסצוקריגן ביי איר די אמתע געשיכטע.

מאַמי פּינק האָט געהאַט אַ לעבהאַפטע פאַרגאַנגנהייט און איז געווען אַן ענערגישע און פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט. איינע פון אירע פאַרשיידנאַרטיקע באַשעפטיקונגען איז געווען גע-

בורמסהילף, און דערבײַ האָט זי געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט וועכטערינס פון יענעם מין, וואָס זענען מיטן געזעץ נישט קיין גרויסע גוטע פרײַנט. אַפּטמאָל ווען דער ענין האָט געדאַרפט בלײַבן אַ סוד, פלעגן די „וועכטערינס" ברענגען צו מאַמי פינק קלײנע טויטע קינדער־קערפּערלעך, כּדי זי זאָל דאָרט צו באַזײַטיקן. זי האָט זיי פאַרברענט אין איר אויוון, די פרוכט פון דער מורא!

איינמאָל, אין מיטן נאַכט, האָט מען איר ווידער אָנגע־קלאַפּט אין טיר און געבראַכט אַ קלײן פּעקל, אײַנגעוויקלט אין זאַק־לײַוונט.

— דאָס קינד איז טויט, האָט די וועכטערין געזאָגט. זעט, אַז ס'זאָל פאַרשווינדן.

מאַמי פינק האָט שוין געהאַט בדעה אַרײַנצוואַרפן דאָס פּעקל אין פײַער, נאָכדעם, ווי די וועכטערין איז אַוועקגעגאַנ־גען, זי האָט אָבער פּלוצלונג דערהערט אַ שוואַכן קלאַנג: דאָס געשריי פון נײַ־געבוירענעם. זי האָט דאָס קינד פאַנאַנדערגע־וויקלט.

— ס'איז נישט געווען טויט, האָט מאַמי פינק ווײַטער דערציילט. ס'איז געווען אַ לעבעדיק קינד. אָבער ס'האָט שוין קוים געזשיפּעט. ס'איז שוין געווען בלוי און שטײַף ווי אַ טויטע מויז. איך האָב עס אָבער נישט געקאָנט אַזוי איבער־לאָזן, אַז עס זאָל אויסגײן. איך האָב נישט געקאָנט. איך האָב עס גענומען צו זיך, דערוואַרעמט בײַ מײַן בוזעם, געוואַרעמט עס אַזוי לאַנג, ביז עס האָט ווידער אויפגעלעבט. ווען איך זאָל דאָס נישט געווען טאָן, וואָלט דאָס קינד היינט נישט גע־לעבט. איך האָב דערין אַרײַנגעהויכט דאָס לעבן. איך האָב אים געגעבן דאָס לעבן, ווי איך זאָל עס האָבן געבוירן. עס איז מײַנס, פּונקט אַזוי ווי איך זאָל עס האָבן געבראַכט אויף דער וועלט. און ווײַטע מענטשן האָבן אויף דעם קיין שום רעכט נישט. דערבײַ איז איר שטים יעדעס מאָל איבערגעגאַנגען אין אַ לײַדנשאַפטלעכן געשריי.

— זי האָט עס מיר געבראַכט אַלס אַ טויטס. און איך

האָב געקלערט, אַז איך וועל עס מיר איבערלאָזן, און איך האָב עס געלאָזן, און איך האָב עס אויסגעהאָדעוועט. די ווייסע מענטשן האָבן עס נישט געוואָלט האָבן. איך האָב עס געוואָלט, איך וויל זי האַלטן און מאַכן פון איר אַ גרויסע ווייסע דאַמע. דאָס וויל איך.

איך האָב איר געלאָזן זיך אויסרעדן, אויסגיסן אַלץ, וואָס זי האָט אויף איר האַרצן. אַ סך מאָל, און בעת מעשה האָב איך אָנגעשטרענגט זיך אַריינגעטראַכט. דאָס קינד באַטייט פאַר איר זיכער מער, ווי אירס אַן אייגן קינד. ווען מיר זאָל אויף וועלכן נישט איז אופן געלונגען בייצוקומען דידאָזיקע שווערע לאַגע, וויל איך עס אָבער מאַכן אָן שום גרויזאַמקייט.

— מאַמי פינק, האָב איך איר ענדלעך געזאָגט. איר ווילט דאָך נישט, אַז אייער ליבע זאָל דערדאָזיקער קליינער מיידעלע ברענגען שאָדן, ניישט אמת? כדי זי זאָל קאָנען ווערן אַ גרויסע ווייסע דאַמע, ווי איר גופא ווילט און האָפט עס, מוז זי וואַקסן און דערצויגן ווערן צווישן מענטשן פון איר אייגענער ראַסע. וואָס זאָגט איר דערצו, ווען איך זאָל, למשל, געפינען אַ ווייסע פאַמיליע, וואָס זאָל צונעמען דאָס קינד, אויב מיר וועלן זיין ריכטיקע מוטער נישט קאָנען געפינען — — אפשר —

מיר האָט אָבער איבערגעהאַקט אַ מבול פון טרערן און האַרצרייסנדיקן יאָמער.

— הערט אויס, מאַמי פינק, האָב איך אין אַ ווײַלע אַרום ווידער אָנגעהויבן – אפשר וועלן מיר געפינען אַזעלכע מענטשן, וואָס וועלן אייך דערלויבן די קליינע צו באַזוכן, אָדער אפשר גאָר אַזויגע, וווּ איר וועט קאָנען מיטגיין. מיר וועלן צוזאַמען מיט אייך זוכן די מענטשן. מיר וועלן זיכער געפינען אַזוינע, וואָס וועלן אייך געפעלן.

סוף כל סוף האָב איך. נישט געקוקט אויף איר שמערץ, איינגעזען, אַז דאָס וואָלט פאַרן קינד געווען דאָס בעסטע. אַז איך האָב שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, האָב איך זי פאַרזיכטיק

געפרעגט, צי איז נישטאָ עפּעס אַ שפּור, לויט וועלכן מ'זאָל קאָנען זוכן די מוטער. מאָמענטאַל איז זי ווידער געוואָרן איי־פּערזיכטיק און נישט געוואָלט זוכן די מוטער. ענדלעך האָב איך אָבער אַרויסגעקריגן פון איר דעם נאָמען פון דער וועכ־טערין, וואָס האָט איר געבראַכט דאָס קינד און געהייסן יענער צו מיר קומען.

איינע פון יענע שווייגנדיקע פרויען מיט אַ כיטרען, פאַרשלאָסענעם פּנים, וואָס רעדן נישט פיל, אַמווייניקסטנס אָבער דעם אמת, אַן עכטער מיטגליד צווישן דער אויבערשטער און דער אונטערוועלט. דידאָזיקע ווייבער זענען שטילע פּאַרטנערן פון יענע אויסוואורפן־דאָקטוירים, וואָס נעמען אָן „פאַרטרויליכע פאַלן".

זי האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין הויז, נישט ווייט פון פון מאַמי פינק, צוויי צימערן, ווו זי פלעגט אויפנעמען פרויען, וואָס האָבן געדאַרפט געבוירן און געמוזט אָפּמאַכן אַלץ אין דער שטיל.

מיט פינף יאָר צוריק האָט זי אָפּגעגעבן אַ צימער זיי־ער אַ שיינער יונגער פרוי פון אַ יאָר 20, וואָס איז געווען עלעגאַנט געקליידט און אַלנפאַלס געהאַט געלט. זי האָט זיך אָנגערופן אַדאַמס און אָנגעגעבן דעם נומער טעלעפאָן פון איינעם פון די ערשטע האָטעלן אין דענווער. זי איז געווען זייער אומגליקלעך, כּל זמן זי האָט געוווינט ביי דער וועכ־טערין, האָט געהאַלטן אין איין וויינען און זיך געווונטשן, אַז זי מיט איר קינד זאָלן שטאַרבן.

אַז עס איז געקומען איר צייט, האָט די וועכטערין גערופן אַ דאָקטאָר, מיט וועלכן זי פלעגט פירן דידאָזיקע געשעפטן. נאָך דעם, ווי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט די מוטער געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל איר זאָגן, אַז דאָס קינד וועט נישט לעבן. אַזוי ווי דאָס קינד איז ווירקלעך געווען זייער שוואַך, האָט דער דאָקטאָר גלייך גע־מאַכט די זאַך גרינגלעך און געזאָגט, אַז דאָס קינד איז טויט.

— צי האָט איר געזאָגט דער מאַמי פינק, אַז דאָס קינד איז טויט? האָב איך געפרעגט דער ווערכטערין.

— עס קאָן אפשר זיין, האָט זי געזאָגט. איך האָב עס געהאַלטן פאַר טויט.

פון דער ווערכטערין האָב איך זיך דערוווּסט דעם נאָמען פון דאָקטאָר און געשיקט אים רופן. עס איז געווען אַ גרוי־האָריקער, אָפּגענוצטער, אָפּגעקומענער מענטש, געגנוי אַזוי ווי איך האָב עס זיך פאָרגעשטעלט.

יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעמדאָזיקן פאַל. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס קינד וועט נישט לעבן און האָט עס דער ווערכטערין געזאָגט. ער האָט, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, געהאַלטן, אַז קוים וועט עס בלייבן לעבן, וועט זי זאָרגן וועגן זיין פלעגע, און מער האָט ער זיך וועגן דער גאַנצער זאַך שוין נישט געקימערט. שפּעטער האָט אים די פרוי געזאָגט, אַז דאָס קינד איז כלומרשט געשטאָרבן. די מו־טער האָט ער בלויז געזען אַ פּאָר מאָל. זי האָט אים באַ־צאָלט מזומן געלט, און אַזוי ווי קיין געבורטסשיין האָט ער נישט געדאַרפט אויסשטעלן, האָט ער זיך מיט איר נאָמען נישט אינטערעסירט.

אין האָטעל־רעגיסטער האָבן מיר געפונען דעם נאָמען פון אַ פרוי אַדאַמס, אָבער ווייטער האָט די שפּור נישט גע־פירט. די ווערכטערין האָט אָבער פלוצלונג אָנגעהויבן זיך צו דערמאָנען אָן געוויסע זאַכן. זי האָט אונטער פרוי אַדאַמס זאַכן ערגעץ וווּ געפונען דעם נאָמען קוידנהאָפן.

בינו לבינו האָבן זיך מיט מאַמי פינקס געהיימניס אָנגעהויבן אינטערעסירן די צייטונגען. די געשיכטע האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד מיטן קינדס בילד. איין צייטונג האָט אויך דערמאָנט דעם נאָמען קוידנהאָפן.

נאַטירלעך איז גאַנץ דענווער געוואָרן אויפגערעגט. די ערשטע פאַמיליעס פון שטאָט האָבן געוואָלט די קליינע אַדאָפּטירן. מאַמי פינק האָט זיך אָבער פון צווישן אַלע אויס־געוויילט אַ גייסטלעכן, אים זיך פאַרטרויט, ווייל ער איז גע־

חען צו איר זייער גוט און צוגעזאָגט, אַז זי וועט די קליינע שטענדיק קאָנען באַזוכן, און ווען זי וועט נאָר וועלן, קאָנען אויך ביי אים אין שטוב געפונען אַרבעט. ער איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט מאַמין פינק גלייך געוואָלט מיטנעמען. דאָס האָט איר שטאַרק אימפּאָנירט. די פּאַפּירן זענען געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג, און אַלע צדדים האָבן זיך פאַרזאַמלט, כּדי דורכצופירן די געזעצלעכע פאָרמאַליטעטן.

איך האָב שוין פאַקטיש געהאַלטן אין האַנט די פעדער, אונטערצושרייבן די פּאַפּירן, ווי עס האָט זיך פּלוצלינג האַסטיק אָן עפּן געטאָן די טיר פון מיין אַמטצימער, און אויפן שוועל איז געשטאַנען אַ טיף אויפגערעגטע, בלייכע יונגע פרוי.

— עס איז מיינס! האָט זי אויסגערופן. עס איז אויפגעשטאַנען תּחית-המתים! עס איז מיינס!

זי האָט אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד אַ קליינע וואַליזקע און צוגעלאָפן צו מיר.

— איר האָט מיין קינד! איך ווייס עס, איר האָט מיין קינד! אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ צוקנייטשט שטיק צײַטונגספּאַפּיר, וואָס האָט מיר גענוג דערקלערט דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג.

עס זענען אַוועק מינוטן ביז זי האָט געקאָנט ווי געהעריק רעדן. ענדלעך האָט זי מיר איבערגעגעבן איר געשיכטע.

— איך בין שטענדיק געווען אָרנטלעך, האָט זי געזאָגט, איך ווייס נאָך איצט אויך נישט, ווי מיט מיר האָט עס געקאָנט פּאַסירן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן, אָבער ערשט דריי חדשים, איידער מיין קינד האָט געזאָלט געבוירן ווערן, האָט ער געוואָלט מקים זיין זיין צוזאָג. אָבער דאַן איז עס געווען צו שפּעט. איך וואָלט אַפילו אַלס זיין פרוי געווען איצט צו שפּאָט און שאַנד ביי אַלע שכנים אַרום. און מיין פאַמיליע איז זייער רעליגיעז. מיין מוטער פלעגט מיר אָפט זאָגן, אַז עס איז אַ שרעקלעכע זינד פאַר אַ מיידל זיך אַריינצולאָזן צו ווייט מיט אַ מאַנספּאַרשוין. איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט שטאַרבן, אויב זי וועט

זיך דערוויסן, וואָס איך האָב געטאָן, דעריבער האָב איך באַשלאָסן אוועקצוגיין און געזאָגט מיין מוטער, אַז איך פאָר צו מיינער אַ שול-חברטע.

בעת איך בין געווען דאָ אין דענווער ביי דערדאָזיקער פרוי, האָב איך כּסדר געבעטן גאָט, אַז דאָס קינד זאָל שטאַרבן, נאָך איידער, אָדער תּיכּף ווי עס וועט געבאָרן ווערן, ווייל איך האָב געקלערט, אַז דאָס וועט פאַרן דאָזיקן קינד, וואָס איז געקומען דורך זינד, זיין דאָס בעסטע. דעריבער האָב איך, בעת דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז טויט, נאָר געקאָנט זיין דאַנקבאַר.

איך בין דאַן אַוועק צוריק צו מיין מאַן, און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. אָבער אין איין נאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום. מיין בעבי איז צו מיר געקומען און געזאָגט: „איך בין נישט טויט. דו וועסט נאָך האָבן גרויס עגמת-נפש". איך האָב וועגן חלום דערציילט מיין מאַן, ער האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז דאָס זענען מיינע פאַנטאַזיעס. קיין אַנדער קינד האָבן מיר נישט געהאַט, כאָטש מיר האָבן עס געוואָלט.

אין צוויי יאָר אַרום איז מיר מיין בעבי ווידער געקומען צו חלום. זי איז גרעסער געוואָרן און זייער שיין. און נאָך דעם פלעג איך זי כּסדר זען אין חלום. זי איז אין מיינע חלומות אויסגעוואַקסן, און איך האָב פון בענקעניש געהאַלטן אין איין וויינען. און שטענדיק פלעג איך זיך אַליין פרעגן, צי איז זי באמת טויט.

אין איין שיינעם טאָג האָט מיין מאַן באַקומען אַ בריוו מיטן פאָסט-שטעמפּל דענווער. איך עפן קיין מאָל נישט זיין קאָרעספּאָדענץ. אָבער דעמדאָזיקן בריוו האָב איך אויפגעריסן — איך ווייס נישט פאַרוואָס. אין קאָנווערט איז געלעגן אַ ציי-טונגס-אויסשניט מיטן בילד פון מיין קינד, און איך האָב אויסגעשריגן: עס לעבט! עס לעבט!

דערביי איז געווען אַ בריוו.

מיט די ווערטער האָט זי מיר דערלאַנגט דעם בריוו.

עס איז געווען אַ געשעפטסבריוו פון אַ רייזנדן מיט דער צושריפט:

„דאָ אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מערקווירדיקע געשיכטע וועגן אַן אויסערגעוויינלעך שיין קינד. נאַטירלעך איז עס נישט ענלעך צו דיר, צום העסלעכן, אַלטן בחור, אָבער דעם נאָמען טראָגט עס דיינעם. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון קיין אַנדער קוידענהאָף. וואָס זאָל עס באַטייטן?"

די יונגע פרוי האָט איילענדיק איבערגעגעבן דעם סוף פון דער געשיכטע, ווי זי איז געלאָפן צו איר מאַן און דער־נאָך מיטן ערשטן צוג אַהער.

— און איצט בין איך דאָ. ווו איז מיין קינד?

אין מיין איבערראַשונג און כסדר וואַקסנדיקן שווינדל איבער די מערקווירדיקע איבערלעבענישן, וואָס איך האָב דאָ אויסגעהערט, האָב איך לגמרי פאַרגעסן אָנצוזאָגן, אַז מען זאָל איצט צו מיר קיינעם נישט אַריינלאָזן. און פּלוצלינג האָט זיך גראָד אין דאָזיקן מאָמענט, בעת פרוי קוידענהאָפן האָט גערופן איר קינד, אַן עפן געטאָן די טיר און עס איז אַריין מאַמי פינק מיט איר קליין פלעגקינד. די יונגע פרוי איז מאָמענטאַל אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפן צו איר קינד. „איך בין דיין מוטער! איך בין דיין מוטער!"

אויף דעם האָט די קליינע געענטפערט מיט אַ ווילדן געשריי און זיך געקלאַמערט אָן מאַמי פינק. „דו זאָלסט מיך נישט אַוועקנעמען! דו ביסט נישט מיין מאַמי! דאָס איז מיין מאַמי! מאַמי, מאַמי, לאָז איר נישט מיך צונעמען, האָט דאָס קינד געשריגן, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן.

מאַמי פינק האָט ,כתחלה גאָרנישט געזאָגט, נאָר שנעל אַ באַהאַלט געטון דאָס קינד הינטער זיך און אַליין זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ דראָענדיקער פּאָזע פאַר דער ווייסער פרוי.

באַלד איז זי אויך אַרויס מיטן לשון, און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אומגליקלעכער מוטער.

— איר נידערטרעכטיקע, איר געמיינע ווייסע פרוי!

איר האָט געוואָלט, אַז אייער קינד זאָל זיין טויט. עס איז פאַר אייך טויט. איך וועל עס גיכער אָפּגעבן יעדן איינעם, אָבער נישט אייך! דער ריכטער וועט אייך דאָס קינד נישט איבערלאָזן. און אַזוי כּסדר אַן אומענדלעכער מבול פון ווילדן צאָרן און פאַראַכטונג.

די יונגע מוטער איז געפאַלן דער נעגערין צו די פיס און פאַרצווייפלט געשריגן. „איך בין דאָך נישט אַזוי שלעכט! זיי האָבן דאָך געזאָגט, אַז דאָס קינד איז טויט! הערט מיך דאָך אויס — — —

דאָס צימער איז דערווייל געוואָרן פיל מיט אויפגערעגטע מענטשן, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן אויף די קולות. דאָס קינד האָט געשריגן, ווי מען זאָל עס וועלן קוילענען, מאַמי פינק איז אַרומגעלאָפן און געדונערט, פרוי קוידענהאָפן איז געווען אויסער זיך — — —

עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז איך האָב אַלע-מען בארויקט און דעם עולם משלח געווען. דערנאָך האָב איך דערקלערט די שטרייטנדיקע צדדים, אַז לעת-עתּה איז נישטאָ וואָס צו מאַכן, ביז מען וועט נישט אויספאָרשן גענוי די געשיכטע פון פרוי קוידענהאָף. דאָס האָט נאַטירלעך קיינעם נישט באַפרידיקט, אָבער דאָך האָט מען זיך געמוזט צייטווייליק בארויקן, און איך האָב געוווּנען די נויטיקע צייט אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז אַלץ וואָס פרוי קוידנהאָף האָט איבערגעגעבן, איז פולשטענדיק ריכטיק, און אַז זי קאָן פאַרזאָרגן איר קינד מיט אַ פאַסנדער היים. דאָס האָט מיך געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע צו מאַכן שלום צווישן איר און מאַמי פינק. ביידע פרויען זענען איצט געזעסן ביי מיר און געפירט אַ קאַמף פאַרן קינד. דאָ האָבן זיי פון רחמנות פון איינער צו דער צווייטער און צו זיך אַליין ביידע געוויינט, דאָ געוואָלט איינע דער אַנדערער ממיתן. עס איז געווען אַ שטורמישע אַפּערע. סוף כּל סוף האָט מאַמי פינק אָבער דאָך נאָכגעגעבן. פון די 2000 דאָלאַר, וואָס מען האָט

איר פראַפּאָנירט אַלס באַלוינונג, האָט זי זיך לכתחלה מיט אַרבּיטערונג אָפּגעזאָגט. זי וועט איר קינד פאַר קיין געלט נישט פאַרקויפן. ענדלעך האָט מען אויך דאָס איינגעאָרדנט, נאָך דעם ווי מען האָט איר הייליק צוגעזאָגט, אַז זי וועט צו דער קליינער קאָנען קומען.

ערשט איז פאַר אונז געשטאַנען די לעצטע שווערע אויפגאַבע, צוצוגעווינען דאָס קינד צו דער מוטער. דאָס האָט נאָך לענגער געדויערט. אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט זיך די קליינע אַראָפּגעגליטשט פון מיינע קני און פון זיך אַליין צוגעלאָפן צו דער מוטער. אויף דעם אופן איז אויך דאָס שוין געווען אין אָרדענונג.

איצט גייט שוין די קליינע אין שולע און לעבט מיט אירע אמתע עלטערן אין אַ שטאָט אין מיטל-מערב. מאַמי פינק קומט צו איר ווירקלעך גאַנץ אָפט. אפשר וועט נאָך אַמאָל מאַמי ניאַנטשען די קינדער פון איר פלאָסיע.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער מאָראַל פון דערדאָזיקער געשיכטע, האָב איך שוין דערויף אָנגעוויזן. די מורא פאַר דער געזעלשאַפטלעכער שאַנד, וואָס זי האָט בשום אופן נישט פאַרדינט, האָט געטריבן פרוי קוידענהאָף קעגן איר ווילן צו אַזעלכע מיטלען און וועגן, וועלכע האָבן צונויפגעוויקלט דעמדאָזיקן טראַגישן קנויל פון אומשטענדן. טויזנטער פרויען קוידערהאָפס טוען דאָס זעלביקע צוליב די זעלביקע טעמים. די מייסטע ווערן דערביי נישט אַנטדעקט. זיי נעמען אויף זיך די דרייסטע אַרבעט און פירן עס דורך. די קליינע צאָל אַנטדעקטע שטייען פאַרן פולשטענדיקן רואין פון זייער לעבן און פאַר דער געזעלשאַפטלעכער שאַנד און ראַטעווען זיך דורך זעלבסטמאָרד אָדער דורכן סטאָאישן אַריבערטראָגן די אומגעהייערע שטראָף, וואָס עס ווערט אויף זיי אַרויפגעלייגט דורך די „מאָראַלישע” פאַר זייער חטא קעגן די זיטן און מנהגים. נאָר דורך אַ וווּנדער האָט זיך דאָס טרויער-שפּיל פון די קוידענהאָפס פאַרוואַנדלט אין אַ גליק, און נאָר דורך אַזאַ סאָציאַלער אינסטיטוציע, ווי דאָס יוגנט-געריכט אין דענווער האָט

מען ביים דאָזיקן פאַל געקאָנט עפּעס אויפטאָן. געווייִנלעכע געריכטס-מעטאָדן וואָלטן זיכער רעטונגסלאָז צושטערט דאָס גליק פון אַלע אַנטיילנעמער.

איך ווידערהאָל דעריבער נאָכאַמאָל, אַז אונזערע סעקסועלע פאַרבאָטן, אָנגעזאַפּט מיט אָבערגלויבן און איבערטרייבונג, זענען נישט מער ווי אַ פאַסטקע פאַרן מענטשן-גליק. זיי זענען נישט קלוגער ווי דאָס פאַרברענען די מכשפות אין מיטלעלטער און אַלע אַזעלכע שיינע מעשיות, צוזאַמען מיטן היינטיקן „פאַרשמירן אין פעדערן״ פון די קו-קלוקס-קלענס.

פינפֿ און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיין מיינונג איז, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לעבן, זאָל פריי און עפנטלעך אויפגעקלערט ווערן. נאָר אויף דעם אופן קאָן מען דערגיין צום אמת פון אַלע זאַכן.

ביז היינט ווערט אָבער וועגן דער געשלעכטלעכער זיטלעכקייט בכלל נישט גערעדט, לפּחות נישט מיט קיין אויפריכטיקייט. קוים געשעט עס אַמאָל ווירקלעך, צווייפלט מען אין דער מאָראַל און אין די כוונות פון די מענטשן, וואָס האָבן געוואַגט עפּעס אַזוינס צו טאָן. דידאָזיקע דענקונגס-אַרט גופא, איז אָבער נידעריק און מיאוס. קוקט זיך נאָר גוט צו, ליבער לעזער און ליבע לעזערין, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז איר שטייט דערמיט פאַרן געמיינסטן, פּחדנותדיקסטן, שמוציקסטן אויף דער וועלט: פאַרן אָבערגלויבן.

מיר האָבן קודם כּל געוואָלט צוגעבן, אַז ס'איז נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איז נישט קיין רעכטמעסיקער קעגנשטאַנד פון ערלעכער, יאָ, אַפילו אומערלעכער אויפקלערונג. מ'דאַרף לאָזן דעם אמת זיך דורכזעצן מיט אייגענער קראַפט, וואָס ער וועט טאַקע אומפאַרמיידלעך טון.

ביי איצטיקער צייט גלויבן מיר אָפּצוהיטן דאָס, וואָס מיר האַלטן פאַרן אמת דערמיט, וואָס מיר פאַרמאַכן דאָס מויל אַלע יענע מענטשן, וועלכע האָבן אַן אַנדער מיינונג. מיר דרינגען נאָר דורך מיט אונזערע אַרגומענטן, ווייל מיר פאַרווערן אַנדערע אַרגומענטן. מיר באַקעמפן אַנאַרכיזם, סאָ-

ציאַליזם, באָלשעוויזם, געבורטן-קאָנטראָל א. אַ. וו. דערמיט וואָס מיר פאַרווערן אויפקלערונגען וועגן דעם אין קעלערן בוידעם-שטובן און אויף די עקן פון די גאַסן. די קירכן פלעגן דערמיט אויסדריקן זייערע באַוויזן קעגן אטעאיזם, אגנאָסטיציזם ***) און אַנדערע ברענענדיקע גייסט-פראַגן, וואָס זיי האָבן פאַרברענט די „איסטן", וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון זייער „איזם", דאָס איז, באמת, געווען אַן אויסגעצייכנטער באַוויז, אַז ס'איז פאַראַן א טייוול, בשום אופן אָבער נישט קיין באַוויז פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט.

סאַריאַ שרעקלעכער גייסטיקער צושטאַנד! לאָמיר, למשל, אָננעמען, אַז די קירכן וואָלטן, אָנשטאָט צו פאַרמשפּטן אַנ-דערשגלויביקע פאַר אַפּיקורסות, פרייגעשטעלט זייערע בימות פאַר אַן ערלעכן מיינונגס-אויסטויש; וואָלטן פונאַנדערגעעפנט זייערע טירן פאַר אַלע פרייע, ערלעכע דענקער, פונקט אַזוי ברייט, ווי פאַר יענע מענטשן, וואָס האָבן געשוואָרן איינצו-האַלטן פאַר יעדן פרייז געוויסע פעסטשטייענדיקע טעאָלאָגישע עיקרים — — . וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע ערטער עס וואָלטן דאַן געוואָרן די קירכעס! וויפיל רעליגיע וואָלטן זיי געהאַט און ווי ווייניק טעאָלאָגיע! וויפל ליכט וואָלטן זיי אויף דער וועלט פאַרשפּרייט! וואָס פאַר אַ זיטלעכע מאַכט האָבן זיי געקאָנט ווערן!

אמת, דאַן וואָלטן מיר געהאַט ווייניקער שנאה קעגן דעם געבורטן-קאָנטראָל און קעגן אַנדערע אויפקלערנדיקע באַוועגונגען! די קעגנער פון געבורטן-קאָנטראָל האָבן גאַנץ געוויס אַ רעכט אויף זייער אָנשויונג. דער עולם, וואָס איז קעגן דער זאַך, ווייל זי איז פאַרבאָטן אין זייער קירכלעכער תורה, האָבן אַ רעכט לויט איר צו האַנדלען. זיי זענען אָבער נישט צופרידן דערמיט, צו לאָזן דעם אמת. ווי זיי קוקן אים אָן, באַווייזן פון זיך אַליין זיין ריכטיקייט און קראַפט. אויב ער

***) אַ סעקטע, וואָס האָט עקזיסטירט אין פינפטן יאָרהונדערט, וועלכע האָט אָפּגעלייקנט דאָס „אַלצוויסן" פון קריסטוסן.

קאָן עס. זיי שטופּן אים די אַנדערע, וועלכע ווילן אים פריי־
ווילּיק נישט אַראָפּשלינגען, מיט דער הילף פון געזעץ אין האַלדז
אַריין. דאָס הייסט זייער אונטערנעמעריש און ענערגיש גע־
האַנדלט, איז אָבער בשום אופן נישט קיין עטישער אופן פון
פאַרשפּרייטן דעם אמת, באַזונדערס נישט, ווען עס געשעט
אין נאָמען פון מייסטער פון נצרת, וואָס האָט קיין מאָל
אַזעלכע מעטאָדן נישט צוגעלאָזן.

איינס וואָלט איך נאָך דאָ געוואָלט באַטאָנען. די טעאָ־
לאָגישע אָפּאָזיציע קעגן געבורטן־קאָנטראָל. — איך רוף עס
ספּעציעל נישט רעליגיעזער ווידערשטאַנד — קומט פון פּראָ־
טעסטאַנישן ווי פון קאַטוילישן לאַגער. אויב איך האָב פריער
בנוגע דעמדאָזיקן פּונקט איבערגעגעבן בלויז וועגן קאַטוילישע
פרויען, איז עס נישט מחמת דעם, ווייל איך האָב געוואָלט
עפּעס זאָגן וועגן די קאַטאָליקן. ווער עס האָט געהערט וועגן
מיין קאַמף מיטן קו־קלוקס־קלען אין דענווער, ווייס גאַנץ גוט,
ווי שטאַרק איך פאַראורטייל דעם „צווייהונדערט פּראָצענטיקן
אַמעריקאַניזם״, וואָס איז געווענדט קעגן די רוימיש־קאַטוילישע,
פּונקט ווי קעגן די יודן, נעגער און אויסלענדער.

איך האָב נאָך אויסערדעם גענוג גרונט אָנצונעמען לגבי
די רוימיש־קאַטוילישע די פריינטלעכסטע האַלטונג, ווען איך
בין אפילו נישט מסכים מיט געוויסע לערעס זייערע. עטלעכע
פון מיינע געשעצטסטע פריינט זענען קאַטאָליקן. מיין מוטער
איז געווען אַ קאָנווערטיטין *) און געבראַכט געוואָרן צו
קבורה קאַטויליש. איך האָב שטודירט אין נאָטער־דאַם־אוני־
ווערסיטעט. יאָרן שפּעטער האָט מיר דער קאַרדינאַל זשיבאָנס
דאָרט אָנערקענט אַן ערן־גראַד, און ביים אוניווערסיטעט שפּירט
מען נאָך צו מיר אַזאַ אַנערקענונג און פריינטשאַפט, אַז מיין
בילד — מיט רעכט אָדער אומרעכט — געפינט זיך דאָרט
צווישן די בילדער פון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן.

מיין פאָטער איז לכתחלה געווען אַן אָנהענגער פון דער

---

*) קאָנווערטיט — אַ מענטש, וואָס בייט איבער זיין גלויבן.

פּראָטעסטאַנטישער עפּיסקאָפּאַל־קירך. אין מיינע פריסטע דערינערונגען זע איך אים און די אמת־מלבושים אַלס פּריוואַטער־פּריידיקער. אין גרונט גענומען איז ער אָבער געווען אַ מאַן פון דער הויך־קירך, און די אָקספאָרד־באַוועגונג, מיט איר הויפּטפירער ניומאַן און אַנדערע, האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער רוימישער קירך. דעריבער בין איך ביז צו זיין טויט דערצויגן געוואָרן אין קאַטוילישן גלויבן.

צו 14 יאָר האָב איך פאַרלאָזן נאָטר־דאַם — און שטודירט אין דער באַפּטיסטישער הויכשול (קאָלעדזש) פון זשאַקסאָן און טענעסי, ווו איך בין געבאָרן. דאָ בין איך ווידער־אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון מיין באָבע, וואָס איז געווען אַ שטרענגע מעטאָדיסטין, ווי אַלע מעטאָדיסטן אין אַלטן דרום. אויסערדעם האָב איך געהאַט אין זיך שאָטלענדיש בלוט פון מיין צפונדיקן זיידן, וואָס האָט געהערט צו די פּרעסביטעריאַנער. דאָס האָט וואַרשיינלעך אויך געהאַט אויף מיר אַ ווירקונג, ווייל איך האָב זיך אומגעקערט צום פּראָטעסטאַנטישן גלויבן פון מיינע אבות און בין אַריבער צו דער מעטאָדיסטישער קירך.

און איצט לאָמיר זיך אומקערן צו דער געבורטן־קאָנטראָל: איינע פון די קלאָרסטע און דערצידירנדסטע מיינונגען קעגן קינסטלעכע שוואַנגערשאַפטס־פאַרהיטונג שטאַמט פון קאַרדינאַל האַיעס.

— קינדער, זאָגט ער, קומען פון הימל, ווייל גאָט שיקט זיי אַראָפּ. ער בענטשט, לויט זיין איינזען און זיין חכמה, עטלעכע משפּחות מיט אַ סך, אַנדערע מיט ווייניקער קינדער און נאָך אַנדערע לאָזט ער גאָר אָן קינדער. ווי איז צו די, וואָס האַנדלען קעגן געזעץ פון דער נאַטור, ווי גאָט האָט עס פעסטגעשטעלט לויט זיין אייביקער החלטה; ווי איז צו די, וואָס דערנידעריקן און פאַרדרייען דאָסדאָזיקע געזעץ! אפילו ווען עטלעכע פון די קליינע מלאכימלעך בצורת אָדם דערשיינען פאַרן אויג, — צוליב די זיטלעכע, גייסטיקע אָדער קערפּערלעכע פאַרקריפּלונג פון די עלטערן, — העסלעך אָדער פאַר־

קריפּלט, אַ פלעק אויף דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, טאָר מען אויף קיין מאָמענט נישט פאַרגעסן דעם קריסטלעכן געדאַנק, אַז אונטער דער זיכטבאַרער פאַרקריפּלונג לעבט אַן אומשטערבלעכע נשמה, וואָס מוז אומבאַדינגט געראַטעוועט און אויף דער גאַנצער אייביקייט אַריינפאַלן צווישן די הייליקע און די הויכע הימלען.

דאָס איז, האַלט איך, אַן אויסגעצייכנטע, קלאָרע פאָרשטעלונג פון שטאַנדפּונקט פון די אַלע, וואָס גלויבן, אַז קינסטלעכע פאַרהיטונגס-מיטלען זענען אַ זינדיקע דורכקרייצונג פון גאָטס בונות.

פאַר מיר איז אָבער דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט נישט לאָגיש. מיר שיינט, אַז מענטשן, וואָס נעמען אויף זיך די שולד פון ברענגען אויף דער וועלט פאַרקריפּלטע, פאַרדאָרבענע קינדער, האַנדלען פון זייער זייט, — כדי צו רעדן מיטן לשון פון קאַרדינאַל האַיעס — קעגן דעם דורך גאָטס אייביקן החלטה פעסטגעשטעלטן נאַטור-געזעץ, דערנידעריקן און דרייען אים איבער. מיר שיינט אויסערדעם, אַז מחמת זייערע טעאָלאָגישע גלויבנס-כּללים פאַרלירן פשוט אַ גרויסער עולם מענטשן זייער געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד.

אויב דער געברויך פון קינסטלעכע פאַרהיטונגס מיטלען איז קעגן גאָטס בונות, איז דאָך אַבסאָלוט לאָגיש צו קומען צו דער מסקנה, אַז די דערלויבטע אבסטינענץ טוט עס נאָך פיל זיכערער. אויף ווי ווייט דאַרף דען דורך סעקסועלער אבסטינענץ נישט דערלאָזן ווערן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט? קאַרדינאַל האַיעס זאָגט אַפילו: „גאָט האָט קיינמאָל נישט געקלערט, אַז די מענטשן זאָלן רעגולירן דעם ענין פון פּריה ורביה אויף עפּעס אַן אַנדער אופן ווי דורך אבסטינענץ. ער באַשטימט די צאָל און דעם מין קינדער, וואָס מיר מענטשן דאַרפן האָבן. ער האָט אַלץ באַשלאָסן און אויסגעפלאַנט און איז זיכער אומצופרידן, אַז מיר מישן זיך אַריין און וואַרפן אום אַלע זיינע זאָרגפעלטיק פאָראויסגעזעענע חשבונות. ווו אָבער איז דער אונטערשייד צווישן דעם איינעם

און דעם צווייטן אופן פון געבורטן-פאַרהיטונג, אויב דער עיקר פון דער גאַנצער זאַך איז ניט צו שטערן די צאָלנמעסיקע חשבונות פון גאָט?

פאַר מיר הייסט אַזאַ אָרט באַטראַכטן די פראַגע פּשוט איבערגעכאַפּט די מאָס. איך קאָן ניט באַגרייפן, ווי איז עס בכלל מעגלעך, אַז אַ באַשעפעניש פון אומענדלעכן, אַלמעכטיקן זאָל קאָנען שטערן די פּלענער און ווונטשן פון זיין בורא. איך קאָן ניט באַגרייפן. פאַרוואָס זאָל עס ליגן אין גאָטס כוונות, אַז ביי געוויסע פאַלן זאָלן מיר מעגן באַנוצן אונזער שכל און ביי אַנדערע ניט. פאַרוואָס, האָבן מיר, למשל, געמעגט דערפינדן און באַנוצן די דאַמף-מאַשין און דערגרייכן דורך איר אַזאַ געשווינטקייט, וואָס גאָט האָט עס בשום אופן ניט געקאָנט האָבן פאַר אונז געפּלאַנעוועט, ווייל ער האָט אונז געמאַכט אָן פליגלען? קאַרדינאַל האַיעס האָט אמת געזאָגט וועגן די מאָדערנע דערפינדונגען: „זיי זענען ניט קיין דורכקרייצונג פון זיינע כוונות, נאָר בפירוש זייער דערפילונג”. אָבער פונוואַנען ווייס ער דאָס איינע ווי דאָס צווייטע? איך קאָן בשום אופן ניט אָננעמען, אַז וועלכער ניט איז מענטש, „געבוירן פון אַ פרוי”, זאָל האָבן דאָס וויסן און די באַפולמעכטיקונג דערויף, צו זאָגן און אויפצוצווינגען אַנדערע מענטשן אַלס פאַקטן, וועלכע ס'זענען גאָטס כוונות אין דעם אָדער אין יענעם פאַל. קיין שום מענטשן-געמיינשאַפט אָנערקען איך ניט דאָס רעכט צו בילדן פאַר מיר מיין מיינונג, פאַר מיר צו דענקען. ביידע קירכן, די פּראָטעסטאַנטישע און די קאַטוילישע, האָבן זיך אָבער תמיד גענומען מיט געוואַלט אַזאַ וויסן און אַזאַ מאַכט-אויסאיבונג. אין מאָרגן-בלאַט לייען איך, למשל, אַז די פּראָטעסטאַנטישע עפּיסקאָפּאַל-קירך האָט דערקלערט דעם ביסקופּ וויליאַם מאַנטגאָמערי בראַון פאַר אַן „הערעטיק”, וואָס טעאָרעטיש הייסט עס לפּחות, אַז דער גוטער ביסקופּ גייט גלייך אין גיהנום אַריין.

צי דען איז עס באמת ניט די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלן סוף כל סוף פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן אָבערגלויבן

און פון דער דאָזיקער קינדישער דענקאַרט און זיך אָפּשטעלן אויף דער גרויסער אויפגאַבע, צו באַנייען די מענטשהייט לויט די מעטאָדן פון געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד, ווי ס׳האָט אונז נאָך מיט 2000 יאָר צוריק אָנגעוויזן קריסטוס אין „בוך פון לעבן״.

ס׳איז פּונקט אַזוי צו דער צייט איינצוזען. אַז ס׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז וועלכע נישט איז ערשטקלאַסיקע דערפינדונג פון רעוואָלוציאָנערער וויכטיקייט אויפן מעדיציניש אָדער יוריסטישן געביט, זאָל זיך נישט מוזן דורכזעצן קעגן דעם פאַרייניקטן העפטיקן ווידערשטאַנד פון אַלע יוריסטן און מעדיצינער, כאָטש די פאַך-חברים האָבן דאָך געזאָלט זיין די ערשטע אויף אויפצונעמען די נייע אמתן. פּונקט אַזוי מוז יעדע נייע אַנטדעקונג אין דער נאַטור-וויסנשאַפט אָדער סאָציאָלאָגיע, זיך רעכענען מיט דער אָפּאָזיציע פון די אַלגעמיינע פעסטבאַגרינדעטע טעאָלאָגיעס. די געבורטן-קאָנטראָל קאָן דאָ דינען אַלס גלענצנדער ביישפּיל. און אויף דעם אופן קומען מיר צוריק צו דער פראַגע וועגן דעם אמת און דער דרייסטקייט אים צו זוכן, ביז מיר וועלן אים געפינען.

סרוב פעסטבאַגרינדעטע כוחות האָבן איין געמיינזאַמען שטריך: זיי באַנוצן תמיד זייערע קרעפטן, כדי צו אונטער-דריקן וועלכן נישט איז אמת, זיי פּרווון שטענדיק אויסצו-האַלטן אַ גאַנצע רייע אידעען דורך דעם, וואָס זיי באַמיען זיך צו פאַרקלענערן, צו באַהאַלטן און צו שטערן אַלע אי-בעריקע אידעען, וואָס שטייען אין קעגנזאַץ צו די דורך זיי באַגינסטיקטע אידעען.

דער אמת אָבער איז צושטערנדיק פאַר אַלץ, וואָס ס׳איז פעסטגעשטעלט. ער קערט אויס אַלץ, וואָס מיר רופן אָן פעסטשטייענדיק, באַשטענדיק, בלייבנדיק, און ס׳ווערט אָפּגע-שווענקט ווי שטיקלעך פּאַפּיר אויפן אויבערפלאַך פון אַ רייסנ-דיקן שטרום, וואָס ווילדעוועט דורכן וועלטאַל און אין פאַקטיש דער וועלטאַל. „דער אמת גופא איז באַוועגונג״ זאָגט אויספּענסקי אין זיין „Tertium organum״ און קאָן

קיין מאָל נישט פירן צו דער שטערונג אָדער צום אָפּשטעלן פון פּאַרשן. אַלץ וואָס עס שטערט דער דענק-באַוועגונג איז פאַלש. דעריבער באַשטייט דער אמתער פאָרשריט אין דענקן נאָר אין דעם אומפּאַסנדיקן שטרעבן צו דערקענטניש, א שטרעבן, פאַר וועלכן עס עקזיסטירט נישט קיין מעגלעכ-קייט געשטערט צו ווערן דורך וועלכער נישט איז געפונענער פאָרם פון וויסן. די באַדייטונג פון לעבן ליגט אין אייביקן זוכן. און נאָר דורכן דאָזיקן זוכן קאָנען מיר געפינען עפּעס ווירקלעך נייעס. „אַלץ פליסט", זאָגט אויך דער גריך העראקליט.

אָבער וואָס איז אמת? איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר אַזוי פיל, אַז די שטראַלן און קלאַנגען, וואָס מיר נעמען פון אים אויף, קומען צו אונז נישט דורך מורא, נאָר דורך מוט אין העלדישקייט, דורך ערלעכן דענקן און רעדן. און אין דידאָזיקע גוטע זאַכן האָבן אונזערע אומבויגזאַמע דאָגמען און פעסטבאַגרינדעטע צביעות קיין שום חלק נישט.

וואָס די יוגנט מאַכט היינט פעלער און פעלטריט באַאומרויקט מיך טאַקע, אָבער נישט זייער. וואָס זי איז ערלעך, אַנטציקט און שטאַרקט מיך אויסערגעוויינלעך. אָט קומט זי אָן — מיט אירע אויטאָמאָבילן און טעלעפאָנען, מיט אירע נאַרישקייטן און המצאות און מיט איר אָפענער, אומזשענירטער עקשנות זיך נישט צו בויגן צו דער ערד פאַר קיין מחנה ליימענע געצן!

דאָס גיט מיר האָפענונג.

מיינער אַ פריינט האָט אַ מאָל באַזוכט אין לאָנדאָן בערנאַרד שאָו. איבערן קאַמין אין ביבליאָטעק האָט ער באַמערקט אַ זעלטזאַמען זאַך, וואָס האָט אים אויסגעזען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָוס אייגענער וועלט-אָנשויונג. ער האָט געבעטן דעם דיכטער אים צו דערלויבן פאַרעפנטלעכן דידאָזיקע שורות אין אַמעריקע.

— דאָס איז נישט מיין אַפאָריזם, האָט שאָו געזאָגט.

איך האָב אים צוגעגנבעט ביי אַן אַלטן פּראַנצויז. ביטע, איר קאָנט עס אויסנוצן.

איך אַליין האָב אויך צוגעגנבעט דעמדאָזיקן זאַץ און אָנגעשריבן איבער מיין קאַמין.

„זיי רעדן — — — וואָס רעדן זיי? — — זאָלן זיי רעדן!"

איך האַלט, אַז ווער עס האָט דאָס פּאַר די אויגן, וועט קיין מאָל נישט ליידן קיין מאַנגל אין אַ פּלאַם, וואָס דערוואַרעמט זיין נשמה.

זעקס און צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

די יוגנט פון היינט איז דער שטאַט פון מאָרגן. וואָס די יוגנט איז און דענקט, דאָס וועט זיין דער שטאַט. דעריבער קאָן דער דערוואַקסענער מענטש פון הייבט נישט אַנטשיידן, ווי עס וועט זיין דער שטאַט פון מאָרגן, ער קאָן אָבער באַאיינפלוסן דעם גורל פון שטאַט; ווייל מאָרגן האָבן מיר זיך שוין אַריבערגעטראָגן צו אונזערע אבות, כדי אָפּצוגעבן אונזער קראַפט דער מאַכט: דער געוואַלטיקער טויטער האַנט פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איר טיראַניי האָט פון אונז אויף אַזאַ אומגליקלעכן אופן געמאַכט דאָס, וואָס מיר זענען, און וואָס איז כסדר אויסגעשטרעקט צו פאַקן די נאָך אובגעבאָרענע צוקונפט און אונטערדריקן איר פרייען ווילן.

צי איז עס אָבער נויטיק, אַז מיר דערוואַקסענע פון הייבט זאָלן זיך אַזוי קלאַמערן אָן דערדאָזיקער אַלטער טראַדיציאָנעלער פאַרגאַנגנהייט? צי קאָנען מיר נישט אָנהויבן אַ נייע פאַרגאַנגנהייט, וואָס זאָל אָפּוואַרפן די צושמידנדיקע קייטן פון דער אַלטער און איבערלאָזן פון איר נאָר דאָס גוטע?

מיר קאָנען עס אומבאַדינגט! מיר קאָנען פאַרניכטן דעם פאַראַליזירנדיקן סם פון דער אומפאַרנונפטיקער טראַדיציע, אָ, ווען אונזער דור זאָל זיך נעמען פאַרן דאָזיקן אמת! ווען ער זאָל דער יוגנט לאָזן די פרייהייט און איבערגעבן אין

אירע שטאַרקע הענט די שליסלען פון לעבן און טויט און צו איר זאָגן: „מיר, וואָס איר זענט אַרויסגעקומען פון אונזערע לענדן, מיר טרויען אייך! מאַכט פון אייך גופא אַ קראַפט, וואָס פאַרשפּרייט גערעכטיקייט, וואָס שאַפט אַ נייעם הימל און אַ נייע ערד. מאַכט עס אויף אייער אייגענעם אופן און מיט מיטלען, וואָס מיר האַלטן פאַר רעכט און ריכטיק און וואָס ווייזן זיך אַרויס אַלס אַזעלכע אין געברויך.

עס איז ווירקלעך נישט נויטיק, אַז מיר זאָלן פאַר־שרייבן און פאַרזאָגן וואָס פאַראַ באַזונדערע פּלענער צו מאַכן און ווי אַזוי זיי אויסצופירן. מיר זענען נישט באַרופן, למשל, צו זאָגן נביאות, ווי אַזוי עס דאַרף און וועט זיין די חתונה־פאָרם פון דער צוקונפט, אָדער ווי אַזוי עס וועט זיך אויספאָרמירן די געבורטן־קאָנטראָל, און וואָס עס וועט שפּע־טער ווערן מיט דער באַרימטער „אומזיטלעכער האַלטונג״; אָדער וואָס אָנבאַלאַנגט, למשל, דער אָנשטענדיקער לענג פון די פרויען־קליידער, און צי וועלן די האָר פון דער פרוי בלייבן איר שטאָלץ, און צי וועט דאָס גאָלף־שפּיל תּמיד פאַרשווערכן די הייליקייט פון זונטיק א. א. וו.

אַלץ, וואָס עס איז נויטיק, איז אַ ריכטיקער דערציונגס־סיסטעם, אַזוי אַז מיר פאַראַנקערן אין די נשמות פון דער יוגנט די איבערצייגונג, אַז זי האָט די ערנסטע פליכט צו ווערן גוטע, שאַפנדיקע וועלט־בירגער. עס איז כדאי איינצו־פלאַנצן אין זיי דעם גלויבן און די פעסטע איבערצייגונג, אַז עס איז זייער אייגענער, נאַטירלעכער פאַרלאַנג גוט צו זיין. עס איז כדאי צו לאָזן וואַקסן אומגעשטערט, ווי די בלומען אויפן פעלד, דעמדאָזיקן זעלבסטפאַרשטענדלעכן גוטן ווילן, דעם ספּאָנטאַנעם אידעאַליזם, די מתּנה פון גאָט. עס איז כדאי אָפּצוהיטן די יוגנט פון דער מורא און זי צו שיצן ווי קעגן אַ מגפה פאַר אַ דענקן אין באַשטימטע, פעסטגעזעצטע, פאַרטיק צוגעשניטענע ריכטונגען. עס איז כדאי איר צו שאַפן אַ יסוד פון ממשותדיקע קענטעניש, צו לערנען איר די קונסט פון לעבן און דערפירן צו אַ פילאָזאָפיע פון שטרעבן,

וואָס טראָגט זי באמת און מאַכט פעיק, שטוינענדיק, אָבער מוטיק פאַרצווזעצן איר וועג צו די ווייטע האָריזאָנטן, וווהין עס גאַרט נאַטורמעסיק איר גייסט.

ווען מיר זאָלן זיי באַוווסטזיניק און גוט דורכגעטראַכט איבערלאָזן אַן אומבאַגרענעצטע ירושה פון געזונט, שיינקייט, ערלעכקייט און אַ וויסן, וואָס נעגירט די מורא, דאַן האָבן מיר געטאָן אונזער פליכט פאַר דער צוקונפט. דאַן האָבן מיר פון אונזערע גערונצלטע גייסטער און פאַרקריפּלטע קערפּערס געמאַכט בריקן, איבער וועלכע אונזערע קינדער קאָנען אריבערגיין צו בעסערע זאַכן. מער ווי דאָס: מיר האָבן געבענטשט דעם שטאַט, אַזוי אַז ער בלייבט באַשיצט קעגן יעדן שאָדן, ווייל מיר האָבן אים דרייסט איבערגעגעבן אין גאָטס הענט.

דאָס אַלץ איז מעגלעך, און איז, ווי איך קלער, אומפאַרמיידלעך. דאָס אומגליק איז איצט נאָר, וואָס מיר זענען פּחדנים. מיר קאָנען נישט גלויבן, אַז דאָס נויטווענדיקע איז שטאַרקער פון אַלע אונזערע נאַרישקייטן און אַז יעדע שטרענגע מידה און טראַדיציע, וואָס האַלט נישט אויס דעמדאָזיקן נסיון, פאַרדינט, אַז זי זאָל אונטערגיין. אונז פעלט די פעסטע איבערצייגונג צו גלויבן דערין. מיר מיינען. אין אונזער נאַרישקייט, אַז יעדע אָפּווייכונג פון אונזער געירשנטן פּראָגראַם מוז צושטערן די וועלט. איך האָב זיך אָפט געוווּנדערט, וואָס אונזער אַמעריקאַנישער הומאָר האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, בעת העברי קאַבאַט לאָדזש און זיינע מחנות זענען געווען קעגן אונזער אַנטייל אין דער פעלקערליגע, וואַשינגטאָן זאָל האָבן געוואָרנט זיין לאַנד פאַר „פאַרוויקלטע פאַרבינדונגען".

ווי אַזוי די מענטשלעכע געזעלשאַפט וואַרפט זיך מיט גאָלד און טאַלמי ווייזן צוויי געשיכטן, וואָס קומען מיר איצט גראָד אַרויף אויפן זין.

סאָניע איז אַ רוסין, פול מיט מערקווירדיקער קערפּער-

לעכער און גייסטיקער ענערגיע, אַ ראסע, וואָס האָט געזאָלט
געבן דער וועלט אַ רייע פּראַכטפולע קינדער.

סאָניע האָט געענדיקט די העכערע שולע צו 16 יאָר, און איז אַריין אין אוניווערסיטעט אין אַן אַנדערן שטאַט. באַלד נאָך דער אימאַטריקולאַציע איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ זעלטזאַמער קראַנקהייט. אונזערע דאָקטוירים האָבן זי אונ־טערזוכט, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס איר איז, ווייל קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די קראַנקהייט זאָל קאָנען זיין אַ טראָגן.

פאַקטיש איז עס אָבער אַזוי געווען. סוף כּל סוף האָט דאָך איין דאָקטאָר אַרויסגעפונען די סבה פון איר קרענק און איר געזאָגט, וואָס מיט איר איז געשען. אויסער זיך פון שרעק און אַנגסט איז סאָניע מיטן ערשטן צוג געקומען צו מיר קיין דענווער. אַז איך האָב איר פּראָפּאָנירט אָנצו־פּאַרטרויען דעם סוד איר פאָטער, איז זי שיעור נישט גע־פאַלן אין חלשות.

— ער איז אַן אָרטאָדאָקסישער יוד, האָט זי געשריגן. ער וועט מיר אָפּזאָגן מיין טייל ירושה און אַרויסטרייבן. ער וועט אויסשפייען, ווען עמעצער וועט מיין נאָ־מען דערמאָנען. ער וועט פאַרווערן מיינע יונגערע שוועסטער און ברודער און אפילו מיין מוטער אָן מיר זיך צו דערמאָ־נען. דאָס איז ממש אוממעגלעך.

— גוט, סאָניע, האָב איך געזאָגט. אייער פאַל איז דער ערשטער אונטערן נייעם מוטערשאַפטס־געזעץ פון קאָלאָראַדאָ, וואָס באַפולמעכטיקט מיין יוגנט־געריכט צו זאָרגן פינאַנציעל פאַר אייער קינד פאַר און נאָך דער געבורט.

איך האָב דעריבער געזאָרגט וועגן דעם, אַז זי זאָ, קאָנען אויסטראָגן און ברענגען אויף דער וועלט איר קינד. און דער פאָטער זאָל דערפון לגמרי נישט וויסן. עס איז געווען אַ שווערע זאַך, עס איז אָבער געלונגען. דאָס געלט, וואָס איך האָב דערויף געמוזט האָבן, האָב איך געזאָלט באַ־קומען פון אַ פאָנד, מיט וועלכן עס האָט דיספּאָנירט אַ דאַמע

פון דער נעזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט סאָציאַ־
לער אַרבעט.
דידאָזיקע פרוי האָט דוקא געוואָלט באַקומען איבער
מיר די איבערהאַנט, און האָט עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז די
סובסידיעס האָבן בלויז געקאָנט באַקומען מוטערס, וואָס האָבן
געהאַט אַ שטענדיקן ווינאָרט אָן אַ שום חשד בנוגע זייער
אויפפירונג. זי האָט געגלויבט, אַז דורך דידאָזיקע באַדינגונ־
גען וועט זי פאַראַליזירן מיין אַרבעט און איז אַרויס מיט אַ
שטאַרקן פּראָטעסט, ווי עס טוען תמיד אַזעלכע פילאַנטראָפּן
און פילאַנטראָפּינס, ווען עס קומט צו דער פראַגע וועגן
„אומלעגיטימיטעט".
— איך וועל נישט געבן דאָס געלט, איידער איך וועל
אַליין נישט אויספאָרשן דאָס מיידל, האָט זי געמאָלדן מיט
אַן אומבאַהאַלטענעם טריומף. ווי הייסט זי?
— דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגן. איך קאָן דאָס מיידל
נישט פאַראַטן און קאָמפּראָמאָטירן.
— אַזעלכע מיידלעך, האָט זי געזאָגט מיט אַן אומגע־
הייער פאַראַכטלעכן טאָן, פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי קאָמ־
פּראָמיטירן.
דאָס האָט געקאָנט זאָגן אַ פרוי, וואָס האָט זיך כלומרשט
געווידמעט „סאָציאַלער הילפסאַרבעט", וואָס האָט געוואָלט
מענטשן העלפן!
— איר וועט מיר דאָס געלט, וואָס איך פאַרלאַנג, אויס־
צאָלן, פריילין טאַרנע, האָב איך געזאָגט. איר האָט פאַר־
געסן, אַז אין אַזעלכע פאַלן קומט אין באַטראַכט דאָס קינד,
און נישט די מוטער. די מלוכה האָט די סומע באַשטימט
פאַרן קינד, און דער כאַראַקטער, ווינאָרט א. א. וו. פון דער
מוטער האָט דערמיט קיין שייכות נישט.
מחמת דעם דאָזיקן גרונט איז זי געווען געצוווּנגען
אַרויסצוגעבן די באַשטימטע סומע, און סאָניע האָט באַקומען
דאָס געלט פאַר איר קינד.
קיינמאָל אין לעבן האָב איך נישט געזען אַזוי פיל פּיין

און עלנט, וויפל דאָס דאָזיקע מיידל האָט איבערגעלעבט אין פארלויף פון די קומענדיקע מאָנאַטן. זי האָט איר קינד געבראַכט אויף דער וועלט, מיר האָבן עס געמוזט פון איר צונעמען, כּדי די זאַך זאָל נישט אַרויסקומען. באַלד נאָכן האָבן איז זי געוואָרן שווער קראַנק, האָט געמוזט האָבן אַן אָפּעראַציע פון אַ דאָקטאָר, וועלכן איך האָב מגלה געווען אונזער געהיימניש.

ס׳איז געווען אַ שווערע לאַגע, אָבער סאָניע האָט עס דורכגעהאַלטן און איז געזונט געוואָרן. דאָס ווייטערדיקע, וואָס איך האָב פון איר געהערט, איז געווען דער פאַקט, אַז זי האָט באַגנבעט איר פּאַטערס קאַסע, ווייל די סומע, וואָס איך האָב איר געגעבן אויסצוהאַלטן דאָס קינד, איז געווען צו ווייניק, און אַנדערש האָט זי זיך נישט געקאָנט העלפן. איך האָב, נאַטירלעך, געשטעלט אַ פאָדערונג, וואָס גיכער צו פאַרגעסן די מלוכהשע אונטערשטיצונג, כּדי אַזעלכע גנבות זאָלן מער נישט פאָרקומען.

אַזוי אכזריותדיק האָט די געזעלשאַפט און די רעליגיע געראָדפט דאָס דאָזיקע מיידל. פון מיר אָבער וועט זי באַקומען יעדע הילף און שטיצע, וואָס מיר וועט נאָר זיין מעגלעך.

נעכטן איז זי צו מיר געקומען און אַן איבערגעשראָקענע געזאָגט, ווען איך האָב זי אַ פרעג געטאָן, וואָס זי האָט אויפן הארצן. „איך שפּיר זיך אַזוי געפאַלן״, און אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן, „איך האָב געוואָלט פון אייך נאָך איינמאָל הערן, אַז איך בין נישט שלעכט, און אַז אַלץ קאָן נאָך ווידער גוט ווערן״.

איך האָב זי געלאָזן אַוועקגיין ערשט דאַן, ווען זי האָט זיך באַרויִקט און געשפּירט אַביסל געטרייסט.

אין דערזעלבער צייט, ווען סאָניע האָט געבוירן איר בעבי, איז אין דענוועער פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקע חתונה. געלט האָט זיך געגאָסן גאַנצע שטרוימען. די כּלה־מתּנות האָבן געקאָנט אָנפילן אַ גאַנצן מאַגאַזין. טויזנטער דאָלאַרן זענען אויסגעגעבן געוואָרן בלויז אויף בלומען. די חופּה איז געווען

אין קירך, ווייל די כלה האָט געמיינט, אַז אַנדערש וועט זי זיך נישט שפּירן „אמתדיק פאַרהייראַט״. די גאַנצע „ערשטע געזעלשאַפט״ פון דענוועך איז געלאָפן אויפן בייזן ווונדער. דער אָרגל האָט געשפּילט דעם חתונה-מאַרש און די צייטונגען האָבן דערנאָך געבראַכט שפּאַלטנלאַנגע שילדערונגען וועגן דער פייערלעכקייט. אַלץ האָט געשטרוימט מיט בכבודיקייט, וואָס ס׳האָט סאָניען געפעלט און אירע אָרעמער קליינער געשיכטע מיט אַ צוואַנציקיאָריקן מאַן, וועלכער איז געווען פאַרהייראַט און האָט געדאַרפט דערנערן צוויי קינדער.

אַזוי וויניקסטנס האָט די געזעלשאַפט געקוקט אויף דער איבערפלאַך פון דער גרויסער געשעעניש אין דער דאָזיקער חתונה.

איך, נאַטירלעך, האָב געוווּסט, דורך זאַכן, וואָס זענען כסדר פאָרגעקומען אין מיין געריכט, אַז פאַרשידענע פון די יונגע אומפאַרהייראַטע טיילנעמער אין הויכבכבודיקער געזעלשאַפט, האָבן שוין געהאַט אינטימע באַציאונגען איינע מיטן צווייטן, אַז איינער פון די הערן, וואָס האָט ביי דער חתונה-צערעמאָניע פאַרנומען אַן ערן-אַמט, איז געווען ווענעריש-קראַנק — אָבער אַלץ איז געווען העכסט בכבודיק, העכסט בכבודיק! — —

זיבן און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מיך אַ געוויסער פּאַס־טאָר שולער פון דער דרייאייניקייט-מעטאָדיסטן-קירך אין לאָס אַנזשעלאַס אין קאַליפאָרניע, שטאַרק אָנגעגריפן אין דער פּרעסע פאַר מיין שטאַנדפּונקט בנוגע דער חתונה-אינסטיטו־ציע און פאַר מיין פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון אומגעבוי־רענעם קינד, אַז ס׳זאָל געבוירן און נישט דערמאָרדעט ווערן און אַנערקענט ווערן, וואָס און ווי די עלטערן זענען. הער שולער האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך בין אַ מליץ פון דער „פרייער ליבע", קעגן וואָס איך האָב פּראָטעסטירט. דערויף האָט ער מיר געשיקט אַ זייער העפלעכן בריוו, וווּ ס׳האָבן זיך ווירקלעך אָפּגעשפּיגלט זיינע גוטע כוונות און האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים צושטעלן אַ דירעקטע פּערזענלעכע שילדערונג פון זיינע אָנשויאונגען, ווייל זיין לייטאַרטיקל באַזירט אויסשליסלעך אויף צייטונגס-אויסשניטן.

פון מיין ענטפער, שיינט מיר, פליסט אַרויס גענוי און דייטלעך דער ווזענטלעכער פּועל-יוצא פון דער גאַנצער פּראַגע און איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קאָן הער שולער אָדער אימיצער אַנדערש זיך נישט רעכענען מיט דער דאָזיקער מסקנה און פאָדערונג.

— איר זאָגט, אַז איר זענט שטאַרק אומרואיק וועגן דער כוואַליע פון אומזיטלעכע עובדות, וואָס פאַרפלייצט אונזער לאַנד, אַזוי האָב איך געשריבן. אויך מיך באַאומרואיקט זי־

אָבער מיר גייט בעיקר וועגן גורל פון קינד, וואָס איז צוזויפגעבונדן מיט דער דאָזיקער כוואַליע פון אומזיטלעכקייט. לויט מיין אויסרעכענונג מוזן פאָרקומען אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן בערך אַ צוויי מיליאָן אומגעזעצלעכע אָפּעראַציעס, ווייל אין דענווער אַליין דערגייט די צאָל ביז טויזנט און מער. איך וועל די דאָזיקע שחיטה פון אומגעבוירענע קינדער בשום אופן נישט לאָזן אַזוי ווייטער גיין, ווען איך בין נאָר אימשטאַנד דאָס צו שטערן. בעיקר האַנדלט עס זיך וועגן דער האַלטונג פון דער געזעשאַפט, וואָס איז אייגנטלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע מאָרדן און שחיטות פון אומשולדיקע ברואים. איך באַהויפּט, אַז מיר דאַרפן די אומגעבוירענע אַזוי באַהאַנדלען, ווי מיר וואָלטן געוואָלט פון זיי באַהאַנדלט ווערן. אויב ס׳איז נויטווענדיק, אַז די געזעלשאַפט זאָל ענדערן איר האַלטונג בנוגע די הייראַטס-פאַרבינדונגען, כדי צו פאַרהיטן דאָס ערגסטע פון דער מוראדיקער קינדער-שחיטה, בין איך דערפאַר, אַז זי זאָל עס טאָן, און איך בין איבערצייגט, אַז זי וועט זיין דערצו געצוווּנגען. וואָס ס׳זאָל אָבער אין דער דאָזיקער הינזיכט נישט געשען: ביז וואָס ווען און כל זמן איך קאָן צוהעלפן צו אַזעלכע ענדערונגען, וועל איך זאָרגן דערפאַר, אַז די קינדער זאָלן באַקומען זייער רעכט און נישט דאַרפן מער ליידן צוליב די חטאים, דער אומוויסנהייט און דער אָרעמקייט פון זייערע עלטערן!״

און ס׳איז נאָך דאָ גענוג וואָס צו זאָגן איבערן דאָזיקן פונקט, וואָס מיינט הער שולער אייגנטלעך מיט דער אומזיטלעכער האַלטונג. צי מיינט ער די צייטווייליקע, דורך יעדערן אַלס אומקלוג פאַראורטיילטע אויסוווּקסן פון די פאַרוועגיווּס צווישן אונזער אומגעשליפענעם, אומוויסנדן, אומאויפגעקלערטן און דעריבער אומפאַראַנטוואָרטלעכן ייִנגן עולם, אויסוווּקסן, וואָס בעיקר האָט זיי אויפן געוויסן אונזער קאָנסערוואַטיווע מאַסע מיט אירע אומפאַרנופטיקע מעטאָדן פון צניעותדיקער באַהעלטעניש און נאַרישער פרייהייטס-באַגרעניצונג. אָדער מיינט הער שולער אונטער אומזיטלעכקייט יעדעס אָפּווייכן פון באַ-

שטימטן טראַדיציאָנעלע מאַסשטאַב, וואָס ער און זיינע אידעען־חברים האַלטן פאַר דויערנדיק, אומפאַרענדערלעך און אַנטגילטיק? אויב אַזוי ווייס ער אפשר נישט, אַז ער גופא מאַכט מיט אין טעגלעכן לעבן מדות און מנהגים, וואָס זענען — בעת זייער אַנטשטייאונג — זיינער צייט דורכן הער שולער העפטיק באַקעמפט געוואָרן. מיר האָבן תמיד אין דעם דאָזיקן זין געהאַט אַ „כוואַליע פון אומזיטלעכקייט"—ס'איז די כוואַליע פון שנוי אין וואַקסטום, דער פולסשלאַג פון לעבע־דיקן גאַט, וועגן וועמעס כונות אין פלענער אונזער גייסטלעכ־קייט מאַכט דעם אָנשטעל אַזוי פיל צו וויסן ווי וועגן יעזוסעס שטאַנדפונקט בנוגע דער הייראַט.

די פראַגע פון ביבלישן אויטאָריטעט און הייראַטס־אָנגעלעגנהייטן איז אַ זאַך פאַר זיך און מוז אומבאַדינגט ערנסט אויפגעקלערט ווערן. יעזוסעס ווערטער באַווייזן, אַז ער האָט געקוקט אויף דער הייראַט ווי אויף אַ געטלעכער איינריכטונג, ווי אויף אַ הייליקער זאַך. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן חתונה און גט, איז פאַר זיין צייט בעיקר געווען לטובת דעם שוץ פון פרויען און קינדער.

די פרויען זענען דאַן געווען שקלאַפינס פון די מענער און צוליב דער קלענסטער סיבה האָט מען זיי אַרויסגעיאָגט פון שטוב און פון דער היים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פאַר זייער דערנערונג און נאָך אַדאַנק דעם, וואָס די מענער האָבן זיך גערעכנט מיט זייערע הייראַטס־פאַרפליכטונגען, האָט מען זיי נישט אַרויסגעיאָגט אויפן גאַס אינאיינעם מיט די חינט. ביי די יידן האָט אמת עקזיסטירט אַ גט לויט אַ קעגנזייטיקער הסכמה, און אויף דער דאָזיקער אינסטיטוציע שרייבט איך זיך אונטער. אָבער דאָך האָבן די מענער געקאָנט פטור ווערן פון זייערע ווייבער אויך אָן איר איינשטימונג. און די טיראַניי, וואָס זיי האָבן אויף דעם אופן געקאָנט אויסאיבן איבער זייערע פרויען, איז געווען ממש עפּעס שרעקלעכס. וואָלטן די פרויען געווען ווירטשאַפטלעך אומאָפּהענגיקער, וואָלטן די אַלע זאַכן גאָר אַנ־

דערש אויסגעזען; און אויך היינט וואָלטן זיי זיך לגמרי אַנדערש אַנטוויקלט, ווען די פרוי זאָל דערגרייכן נישט בלויז אַ טיילווייזע, נאָר אַ פולשטענדיקע זעלבסשטענדיקייט.

יעזוס האָט בכן געהאַט צו טאָן מיט די פאַרהעלטענישן פון זיין צייט. פאַר אים האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס פאַראַ האַלטונג ס'איז געווען די בעסטע און די ריכטיקסטע אין דער סאָציאַלער אָרדענונג אַרום אים. ער מיט זיין קראַפטפולער אומאָפּהענגיקייט פון דענקען, פון וועלכער זיינע נאָכפאָלגער האָבן ליידער אַזוי ווייניק געירשנט, וואָלט זיכער געווען דער ערשטער אויף צוצופאַסן זיין שטאַנדפונקט צו אַן אַנדער אָרדענונג. איך האַלט, אַז קיין זאַך וואָלט אים נישט אַזוי געקרענקט ווי דאָס, ווען ער זאָל געווען פאָראויסזען, אַז אומצייליקע מיליאָנען פון דער אָבערגלויבישער און גייסטיק פאַרשקלאַפטער מענטשהייט נאָך אים וועלן זיך קלאַמערן אָן די בוכשטאַבן פון זיינע ווערטער און מחמת דעם לגמרי פאַרגעסן דעם גייסט. ווי אָפט האָט ער געפרווט, צייטנווייז מיט אַן אומבאַהאַלטענער אומגעדולד, איינצופלאַנצן אין זיינע צייטמענטשן און די קומענדיקע דורות, אַז דער בוכשטאַב דערהרגעט, דער גייסט אָבער מאַכט לעבעדיק. פאַרוואָס האַנדלען מיר נישט לויטן דאָזיקן וואָרט? פאַרוואָס לערנען מיר נישט פון זיין פאַראַכטן פאַרגליווערטע פאָרמולעס, וואָס האָבן דעמאָלט, פונקט ווי היינט, די געזעלשאַפט דערדריקט? פאַרוואָס מאַכן מיר אומגעהייער זינלאָזע פאָרמולעס פון די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אָפּגעוואָרפן פאָרמולעס? צי וועלן מיר שוין קיין מאָל קיין זאַך נישט צולערנען? צי וועלן מיר אייביק לעבן אין דעמדאָזיקן גיהנם פון מורא?

אָפטמאָל, באַטראַכטנדיק דידאָזיקע זאַכן, פאַל איך פשוט אַריין אין פאַרצווייפלונג. אין קלאָרערע מאָמענטן ווייס איך, אַז די מענטשהייט וועט זיך דורכדרינגען, אַז זי ברענגט פאַמעלעך דאָס טייג צום יוירן, אַז דער הימלרייך אין אונדז איז באמת ווי אַ זענעפט-קערנדל און היינט, און דאָ איך

דעמדאָזיקן „מאַטעריאַליסטישן פעריאָד" וואַקסט ער און וואַקסט אַפילו מיט אַ כּמעט מוראדיקער שנעלקייט. ווייל עס איז אַ צייט פון געשווינדיקייטן אַפילו אין גייסטיקע זאַכן.

דערלויבט מיר איבערצוחזרן, אַז יעזוס וואָלט גאַנץ געוויס געוועזן דער לעצטער זיך נישט צוצופּאַסן צו פאַרענ-דערטע גרויסע גויטוועגדיקייטן. ער האָט פאַר דער הייראַט נישט פעסגעשטעלט קיין שום פאָרמולעס. דערצו האָט ערשט געמוזט קומען דער מייסטער-טעאָלאָג, פויל. פויל האָט אומ-מיטלבאַר געקאָנט רעדן איינס נאָכן אַנדערן פון די העכסטע גייסטיקע ענינים, פון גלויבן, ליבע, האָפענונג און אין אַ מינוט אַרום פון די מענטשלעכסטע און צייטלעכסטע קליינ-קייטן ווי, למשל, מכּח דעם, אַז די פרויען מוזן אין קירך צודעקן זייערע קעפּ.

יעזוס האָט זיך וועגן אַזעלכע זאַכן נישט געקימערט, אָדער ער האָט זיי אָנגעגריפן ביי זייער אורשפּרונג און נישט ביי זייערע ווירקונגען אויף דער אויבערפלאַך. פיל וואָלטן זיכער געווען קעגן קורצגעשניטענע האָר און וואָלט אונזערע קליינע „פלאַפּערס" נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. יעזוס, מיין איך, וואָלט צו זיי געשמייכלט, פּונקט ווי ער האָט פאַר אַלע קינ-דער געהאַט זיין גוטן שמייכל.

איך גלויב, אַז די קריסטלעכע קירך האָט געהאַט אויס-צווויילן צווישן יעזוס און פויל און אַז זי איז נאָכגעגאַנגען פוילן, ווייל דאָס איז געווען דער לייכטערער וועג. און איך האַלט, אַז איצט איז געקומען די צייט פאַר אַן אומוואַנדלונג. מיר מוזן אויסוויילן יעזוסן. דאָס באַטייט פאַר אונזער פּראָב-לעם, אַז מיר דאַרפן אויסראָטן די פאָרמולעס און קוקן די פאַקטן און פּנים אַריין.

דער מאַן, למשל, וואָס מאַכט אומגליקלעך זיין פרוי און קינדער דורך אַ שטענדיקן וואָרטשן און זיך קריגן, איז לויטן מאַסשטאַב פון יעזוסן מאָראַליש פּונקט אַזוי שלעכט אָדער באָר ערגער ווי דער באַהאַלטענער פאַרטעטער, וואָס זיין האַרץ איז נישט אַזוי פול מיט האַס און צאָרן. דאָס איז אַ לייכט

באוויזבארער אמת. מען דארף נאָר נאָכפאָרשן די פאָלגן פון איינעם און פון צווייטן גייסטיקן צושטאַנד אין געמיינשאַפטס-לעבן. האָס איז עפּעס אַזאַ שטענדיקס און געווינטס פאַר אונז ווי די לופט, וואָס מיר אָטעמען, אַזוי, אַז מיר מערקן שוין אפילו נישט די באַרירונג דערמיט און פונקט אַזוי ווייניק שפּירן מיר, וואָס דידאָזיקע שלעכטע גייסטיקע אַטמאָספער טוט אונז אָפּ.

איך בין באמת מער באַאומרויקט וועגן דער „כוואַליע" פון אומזיטלעכן דענקען ווי וועגן הער שולערס „כוואַליע פון אומזיטלעכער אויפפירונג". אויסגעלאַסענע מחשבות זענען אומ-ענדלעך פיל ערגער ווי וועלכער נישט איז אויסגעלאַסענעו-לעבנס-שטייגער. ווען די מענטשהייט זאָל נאָר קאָנען ריכטיק דענקען, וואָלט זי בשום אופן נישט דערגאַנגען צו קיין אויס-געלאַסענעם לעבנס-וואַנדל, כאָטש זי וואָלט זיך אפשר באַ-וועגט מיט אַזאַ פרייהייט, וואָס אַפילו דער אויסגעלאַסענער דענקער פון היינט וואָלט דאָס אָנגערופן אומזיטלעך.

צווישן די רוישנדיקע דענק-סקעלעטן פון אונזערע אבות זענען דאָ אַ סך, וואָס האָבן געמעגט אַנטגילטיק באַשטאַט ווערן. אָט רעדן און קלאָגן מיר, למשל, אויף די רעדנער-בינעס און אין דער פרעסע, אומגלויבלעך נאַריש וועגן אונ-זער „מאַטעריאַליזם" אין דעם היינטיקן שטרעבן נאָך געלט. אָנשטאָט דעם האָבן מיר דאָך איין פאַר אַלע מאָל געדאַרפט זאָגן דעם אמת און אָנערקענען דאָס געלט אַלס רעכטמעסיקן וועקצייג פון לעבן, און אויסלערנען אונזערע קינדער דורך ריכטיקן דענקען דאָס געלט ריכטיק און ערלעך צו דערווערבן און צו געברויכן.

פונקט דעמזעלבן אומזין טרייבן מיר מיט אַלעם מעג-לעכן, וואָס אונזערע קינדער זענען כלומרשט בנוגע אונז „מחויב". עס ליגט אויף דער האַנט, אַז זיי זענען אונז גאָר נישט שולדיק, לכל הדעות נישט מער וואָס איין מענטש איז תמיד און אומעטום מחויב בנוגע דעם צווייטן: שכנישער איינזען. די שקרדיקע סענטימענטאַלע דרשה מכח התחייבותן

פון די קינדער בנוגע די עלטערן, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיי געגעבן דאָס לעבן, האָט שוין סוף כל סוף געדאַרפט אַראָפּגענומען ווערן פון דער טאָג-אָרדנונג.

מיר ווייסן אַלע זייער גוט, אַז די קינדער ווערן געבראַכט אויף דער וועלט צוליב אייגענע ווונטשן, כדי צו דערפילן די אייגענע נאַטירלעכע אינסטינקטן. דאָס לעבן איז בכלל נישט קיין שולד. עס איז אַ ר ע כ ט. יעזוס גופא האָט שוין לאַנג אונטערגעשטראָכן דאָס ריכטיקע פאַרהעלטע-ניש צווישן עלטערן און קינדער. איינמאָל, בעת ער האָט אַלס יינגל פאַרלאָזן זיינע עלטערן, כדי צו רעדן אין טעמפל מיט די געלערנטע. דאָס צווייטע מאָל בעת ער האָט געלערנט זיינע אָנהענגער:

— ווער איז מיין מוטער און מיינע ברידער?

— ווער עס טוט גאָטס ווילן, איז מיין ברודער און מיין שוועסטער און מיין מוטער.

אכט און צוואָנציקסטער קאַפּיטל

אַלע יענע אומנוצלעכע פאָרשטעלונגען גיבן מיר איבער געוויינהייטסמעסיק אונזערע קינדער, שטעקן זיי אָן דערמיט ווי מיט אַן אומריינער קרענק, און דוקא אין אַזאַ צאַרטן עלטער, ווען זיי קאָנען זיך נישט ווערן, און אויפן גאַנצן לעבן — ווי זיי זאָלן זיך שפּעטער אַלס יונג פאָלק נישט אַנטקעגנשטעלן — קאָנען זיי נישט פּטור ווערן פון זייערע פאָלגן.

אַ קינד איז פּאַקטיש ווי פון דער נאַטור אויס אַ גייסטיק געזונטע באַשעפעניש, וואָס פאַלט אַריין אין אַ משוגעים־הויז און ווערט דערצויגן אויף אומגעהייער אַבסורדע אידעען. איינע פון די אומגליקלעכסטע שגעון־פאָרשטעלונגען, אַז די אויפפאַסונג וועגן גאָט אַלס אַ לייכט דערצאָרנטן אַלטן מאַן מיט צוויי אָרעמס, צוויי פיס, אַ לאַנגער באָרד, דראָענדיקע געדיכטע ברעמען, מיט אַן אומזיכערן נערוון־סיסטעם, מיט אַ העכסט זעלטזאַמער דענק־אַרט, אַן אומאָנגענעמען טעמפּעראַמענט און באַשטימטער שטראָף־אויספירונג, לויט וועלכער ער קוועלט און מאַטערט אין אייביקייט די אַלע, וואָס וואַרפן זיך נישט אונטער די כּללים פון משוגעים־הויז — איר פאַרשטייט צי נישט: פון משוגעים־הויז, וואָס ער האָט אַליין באַשאַפן. אַן אַנטראָפּאָמאָרפישער *) באַגריף וועגן גאָט איז פון

*) א קריסטלעכע סעקטע פון 9 יארהונדערט, וואס האט פארשפרייט א לערע, אז גאט האט א מענטשלעכן אויסזען.

פילאָזאָפישע ט׳מים באַשטרײַטבאַר, און נאָך ווייניקער אָבער האַלט ער אויס די קריטיק אין זײַנע פּראַקטישע לעבעדיקע טעגלעכע דערשײַנונגען, מיט וועלכע מיר קומט אויס כּסדר זיך צו באַגעגענען. ס׳רוב מענטשן נעמען נאָך הײַנט אָן די דאָזיקע אויפֿפֿאַסונג, מער אָדער ווייניקער געמילדערט. זי פֿירט אין אונזער נאַציע צו אַ באַזונדערס נידעריקער עטיק, צו אַ זיטן־קאָדעקס פֿון שכר ועונש, וואָס אונטער זײַן צייכן וואַקסן אויף בײַ אונדז די קינדער. און דידאָזיקע פֿאַרקריפּלונג פֿון יעזויסעס לערע רופֿן מיר קריסטנטום. מיר לערנען אונזער יוגנט, אַז זי מוז טאָן דאָס גוטע, אויב נישט ווערט זי באַשטראָפֿט איצט דורך אירע ערדישע, שפּעטער דורך אַ הימלישן פֿאָטער. מיר מוזן אַלץ לויט דערזועלבער אָרדענונג טאָן דאָס ריכטיקע, זיך אָפּזאָגן פֿון אונזערע נאַטירלעכע ווונטשן און זעגונגען לטובֿת דעם, וואָס אַנדערע שטעלן אונדז פֿאָר אַלס רעכט אָדער אומרעכט. דאַן ראַטעווען מיר זיך נישט בלויז פֿון גיהנום־פֿײַער, נאָר קומען שפּעטער אין אַ הימל, וווּ עס איז פֿאַראַן זייער פֿיל פּיזישע באַקוועמלעכקייטן און וווּ מען לאַנגווײַלט זיך צום טויט דורך אַן אייביקייט פֿון אומענדלעכער רו.

פֿרעגט יעדן דורכשניטס־יינגל פֿאַרוואָס ער דאַרף טאָן דאָס רעכטע, און ער וועט אײַך געבן אַלערליי דערקלערונגען, וואָס באַזירן אָבער אַלע אויף אַ געמיינער מורא. אויב נישט „פּאַקט מיך די פּאָליציי“ „כאַפּ איך קלעפּ“. „זיי זעצן מיך איין אין תּפֿיסה“. „איך פֿאַל אַרײַן אין גיהנום“. — דאָס ענטפֿערן די יינגלעך. איך האָב עס אומצייליקע מאָל געהערט. עס ליגט בײַ זיי אין בלוט. זיי האָבן עס אײַנגעזויגן צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך.

און דאָך ליגט אַ געוויסע ווילדע קראַפֿט אין אַזאַ לגמרי פּשוטן שטאַנדפּונקט. די אַלטע פּוריטאַנער פֿון ניי־ענגלאַנד האָבן עס פֿאַרמאָגט, און די שטענדיקע מורא פֿאַר גאָט („יראת ד׳“) האָט געזאַמלט און פֿאַרפֿעסטיקט אין זיי געוואַלטיקע מיסטישע כּוחות און גייסטיקע ענערגיעס, וועלכע האָבן

שפּעטער געפונען אַן אויספלוס אין באַזעצן אַ קאָנטינענט און אין דער גרינדונג פון אַ נאַציע.

צייט און דענק-אַרטן ענדערן זיך גליקלעכערווייז. און דאָך וואָלט עס זיין זייער שלעכט, ווען אונזער פאָלק זאָל ווען נישט איז אויפהערן צו ווידמען זיין הייכע ליבע און אַכטונג די בראַווע פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אויפן דאָזיקן קאָנטינענט זייער העריש שטעמפּל. ווען עס זאָל זיך ווענדן אָן מיר, וואָלט יעדער אַמעריקאַנער געמוזט לייענען דעם טאָג-בוך פון גוווערנער בראַדפאָרד, געשריבן אין ברען פון קאַמף, דורכגעדרונגען מיט אַ מאָראַלישער גרויסקייט, וואָס דאַרף פאַר אונז זיין אַ טייערע ירושה. עס איז די „געשיכטע פון באַזעצן פּלימוט". איך האָב אָבער מורא, אַז בלויז זייער אַ קליינער טייל אַמעריקאַנער האָבן בכלל געהערט וועגן דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן בוך.

דאָס אַלץ איז עפּעס ממשותדיקס און וויכטיקס, און מיר דאַרפן זיך אין אונזער אַמעריקאַניזם דערין האַלטן, אויב מיר מוזן אַפילו זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק ווייטער בויען אויף אַזעלכע יסודות. מיר דאַרפן זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס וועגן די אָבערגלויבישע אָנשויונגען פון אונזערע הייליקע אבות, ווי אויך נישט וועגן די אָנשויונגען פון זייערע צביעותדיקע נאָכלויפער, וועלכע מיר האָבן שוין גענוג. פאַר זיי איז אַלץ אַ געשעפט מיט טאָפּעלער בוכהאַלטעריע, דאָס גאַנצע לעבן דאָ און אויף יענער וועלט. גוט זיין און ריכ-טיק האַנדלען האָבן אַ באַשטימטן פּרייז. פאַר זיי איז ביי דער גערעכטיקייט דאָס ערשטע, דאָס לעצטע און דעצידירנ-דיקע דער לוין. זיי געהערן צו דעם עולם, פאַר וועלכן עס עקזיסטירט נאָר ווייס אָדער שוואַרץ, רעכט אָדער אומרעכט, וואָס קאָנען אָבער דאָך אַרויסרופן ביי אונז התפעלות און ליבע מיט זייער פּשוטער ערלעכקייט און רעכטלעכן מוט, כל זמן עס האַנדלט זיך וועגן אייגפאַכע, געוווינהייטסמעסיקע קאָנווענציאָנעלע לעבנסבאַציונגען.

אָבער זאָל אונז דער הימל שומר ומציל זיין פאַר די

„שוואַרץ-אָדער-ווייסע", ווי נאָר דאָס לעבן הויבט אָן צו ווערן פילזייטיק און פאַרוויקלט! זיי האָבן אין זיך אַ טייוולאָנישע קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער זיי פאַראורטיילן און באַשטראָפן די „חטאים" פון אַנדערע. איך מוז כסדר אַרויסרייסן פון זייע־ע קלאָען מיידלעך „וואָס האָבן זיך עפּעס פאַרזינדיקט". זייער „גערעכטיקייט" מאַכט זיי אונטער געוויסע אומשטאַנדן, פאַר געפערלעך, פאַרטעמפּט, פאַנאַטיש, אַפילו אומערלעך און טאָלעראַנט לגבי צביעות, ווייל אומטאָלעראַנט לגבי אמת, און אַלץ אונטערן דעקמאַנטל פון אמתדיקער זיטלעכקייט. איך באַגעגן אַ סך פון זיי צווישן פילאַנטראָפּן, לערער און נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן עס בעסער געדאַרפט וויסן. סרוב „רעפאָרמער" זענען פון דאָזיקן מין און שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך אין דער פאַרפאָלגונג פון זייערע ציילן.

דער שטאַנדפּונקט פון דאָזיקן עולם איז דורכאויס אוממאָראַליש, ווייל זיי שטעלן זיך עקשנותדיק אין וועג דעם אמת, באַגרייפן נישט, אַז דער אמת האָט תמיד און אומעטום דאָס רעכט אויף אַן אומגעשטערטן וועג, אַפילו ווען ער זאָל דערביי כלומרשט אַרויסשטופּן גאָט פון אוניווערזום, ווי עס באַהויפּטן ראַדיקאַלע נאַטורפאָרשער. אין דאָזיקן פאַל וועט טאַקע דער אמת זיין גאָט. דער גרויסער גייסט, וואָס אין זיין באַוווסטזיניקן און פילנדיקן מהות עקזיסטירט ער לכל הדעות אַזוי אויך.

עס ווערט זעלטן ריכטיק אַנערקעגט, אַז דער אַטעאיסט, בעת ער קלאַמערט זיך אָן שרעקלעכן, שאַרפקאַנטיקן אמת, אַזוי ווי ער זעט אים, פאַרערט דאָך אומבאַוווסטזיניק גאָט, צו איז ער דערמיט מסכּים אָדער נישט. אין עפּעס אויפריכטיק גלויבן, דאָס גופא איז שוין פאַרערונג. קיינער קאָן נישט אויסמיידן גאָט, אַפילו אין דעם, וואָס ער האַלט אויף אַ באַרישן אופן פאַר׳ן אַ גאָטלאָזן וועלטאַל. ער קאָן אַפילו גאָט נישט לעסטערן, סיידן אין נאָמען פון אַ גאָט, וואָס זיין עקזיסטענץ באַווייזט ער טאַקע דערמיט, וואָס ער פאַרלייקנט

און מאַכט פון אים חוזק. דער נאַר, וואָס זאָגט ביי זיך אין האַרצן: „ס׳איז נישטאָ קיין גאָט״, ליידט פון דער אונטערדריקטער איבערצייגונג, אַז אַ גאָט איז יאָ פאַראַן. גלויבן איז עפעס אורנאַטירלעכס און אינסטינקטיוו. דער רעליגיעזער אינסטינקט איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט ווי דער געשלעכטלעכער אינסטינקט.

ווייל איך גלויב דערין, בין איך גרייט איינצושטעלן דערפאַר מיין לעבן, זיך צו באַאומרואיקן, וואָס ס׳וועט ווערן מיט דער מענטשהייט, אויב איבערן לאַנד זאָל זיך אויסגיסן אַ „כוואַליע פון אומזיטלעכקייט״.

דאָס לעבן פון דער מענטשהייט איז פּראָגרעס. די קראַפט, וואָס טרייבט עס דערצו, איז שטאַרקער, ווי אונזערע נאַרישקייטן וואָלטן וועלן נישט איז געקאָנט זיין, זי רעכנט זיך אפילו מיט זיי.

דאָס איז אָפּטימיזם, אָבער איך וואָלט עס נישט וועלן האָבן דערקלערט אַלס שוואַכזיניקן אָפּטימיזם. די מענטשהייט אַלס מענטשהייט לעבט איבער אירע אייגענע נאַרישקייטן, אָבער נישט איין פאָלק האָט זיך אַליין רואינירט, נישט איין קולטור אונטערגעגאַנגען מחמת איר אייגענער בלינדקייט. דאָס זעלבע קאָן אויך מיט אונז געשען, און וועט וואַרשיינלעך געשען, אויב מיר וועלן זיך ביז צו דער אומעגדלעכקייט האַלטן ביי אונזער איצטיקער נאַציאָנאַלער דיעטע און ביי אונזער איצטיקער געוווינהייט, זיך צו פּרוכפּערן מייסטנס דורך אונזערע דעגענעראַטן און קרעטינען, בעת די בעסטע שטאַמען פון אונזער פאָלק שטאַרבן אויס.

דאָס היילמיטל פאַר די דאָזיקע צושטאַנדן איז ווירקלעך דערציאונג און עכטע רעליגיע אין ליכט פון וויסנשאַפטלעכן אמת. דער אמת קאָן אונז אַלע ראַטעווען. ווען מיר זאָלן אים נאָר וועלן פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט! קיין שום בלינד קלאַמערן זיך אָן די זינלאָזע קאָנווענצן, אָן דער אומפּרוכטבאַרער פאַרגאַנגנהייט, נאָר אַ פרייע פאַרשפּרייטונג פון וויסנשאַפטלעכע קענטעניש, בעיקר דורך די שולן, אַזוי אַז

יעדער יונגער מענטש, וואָס גייט אַרויס אויף דער וועלט, זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן די לעבנס-געזעצן פאַר יעדן יחיד בפרט, ווי פאַר דער מענטשהייט בכלל; ווען מיר זאָלן עס האָבן, וואָלט אונזער פאָלק מיט זיכערקייט געקאָנט דערגרייכן זיין גרויסע באַשטימונג. אין דער רעוואָלוציע פון אונזער יוגנט ליגט אַן איינגעבוירענע פעאיקייט צו געפינען די אייגענע נשמה און צו לעבן אין האַרמאָניע מיט גאָט, און די דאָזיקע אומאויסדריקלעכע אָנשפּאָרונג וועט מיט דער צייט ווערן זיגרייך.

ס'איז נישטאָ קיין מאַן, פרוי אָדער קינד, וואָס אין זייערע נאַטורן זאָלן נישט ליגן קיין מעגלעכקייטן פאַר כל המינים פאַרברעכן, פונקט ווי אומגעאַנטע הויכקייטן פון העלדענמוט און גוטסקייט. מיר האָבן בעתן קריג אַרויסגעלאָזן פון די תפיסות פאַרברעכער און זיי געשיקט אויפן פראָנט; אַ סך פון זיי האָבן אָפּגעטאָן זאַכן, וואָס האָבן געפאָדערט העלדישע זעלבסבאַהערשונג און באַוויזן קלאָר און דייטלעך, אַז דאָס געריכט האָט זיי בעתן משפּטן פאַלש באַהאַנדלט, וואָס ס'וואָלט ביים געוויינלעכן גאַנג פון די געשעענישן קיינמאָל נישט אַנטדעקט געוואָרן. אין יעדערן פון די דאָזיקע „שלעכטע" מענטשן האָט געוואַרט אויף באַפרייאונג אַ קוואַל פון גוטן. איך האַלט, אַז דאָ זענען בכלל נישט פאַראַן קיין אויסנאַמען, אויב ס'איז אַפילו זייער שווער צו געפינען דעם קוואַל און מאַכן אים שטרוימען.

אַלץ איז מעגלעך פאַר אונז אַלע. לאָמיר דעריבער אַליין אַ קוק טאָן וואָס מיר זענען: מערקווירדיקע גאָטס קינדער, וואָס דאָ פאַרלייקענען זיי, דאָ אָנערקענען זיי זייער גאָט און קלעטערן צום הימל אויף אַן אומענדלעכן לייטער פון יאָ און ניין, כדי אים צו געפינען. איך וועל נישט גיין אַזוי וויים און זאָגן, אַז בלאָנשזען איז נוצלעך. דער פּאַראַדאָקס עקזיסטירט אָבער דאָך, און מ'מוז זיך דערמיט רעכענען. לאָמיר לפּחות זיין ערלעך און מודה זיין, אַז דאָס עקזיסטירט, כאָטש אונזער לאָגיק קאָן עס נישט רעכטפערטיקן, און דאָס פּראָב-

לעם פון שלעכטס אויפן געביט פון אונזער דענקן געפינט נישט, ווי עס שיינט, קיין לייזונג. צום אומגליק ווערט די ליידנשאַפט פון דער אומטאָלעראַנץ נישט באַפרידיקט דורכדעם, וואָס זי איז געווענדט קעגן אַנדערע. זי ווענדט זיך אויך מיטן צושטערנדיקן אורטייל קעגן דער אייגענער פּערזאָן, וואָס איז נאָך פיל שעדלעכער ווי די פאַראורטיילונג פון אַנדערע, ווייל דער מענטש, וואָס באַשולדיקט אין עפּעס זיך גופא, איז מקנא יעדן איינעם די פרייהייט פון דער אייגענער שוואַכקייט. מחמת דעם דערוואַכט אין אים, אַלס אומענדלעך בייזע קאָנ-סעקווענצן, דער ווונטש אַראָפּצושלעפּן אַנדערע צו זיך. מיר דאַרפן דעריבער וויסן, וואָס ס׳ווערט געמיינט מיט „חרטה" אויף אייגענער זינד. מיינט מען דערמיט איינזען, פרישן מוט און פרישן שטרעבן צום בעסערן, איז גוט! אויב נישט, איז חרטה און זעלבסבאַשולדיקונג אַן אמתער אומגליק.

דער מענטש, וואָס קאָן נישט זיין טאָלעראַנט קעגן זיך אַליין און זיינע אומפאָלקאָמענהייטן, אָפּשאַצנדיק ווי געהעריק די גרענעצן, אָבער דערביי שטרעבן פאָרווערטס, וועט אויך זיין אומטאָלעראַנט בנוגע אַנדערע. קוקט זיך צו צו די אַלע דינליפּיקע, האַרטבליקנדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך זייער גאַנץ לעבן אַליין באַקעמפט, תמיד אונטערדריקט זייער נאַטיר-לעכע אינסטינקטן, ווייל אַלץ, וואָס איז נאַטירלעך, האָבן זיי געהאַלטן פאַר אומרעכט, ווייל זיי גלויבן אין אַלעם דעם, וואָס מ׳האָט אין זיי אַריינגערעדט, אָנשטאָט זיך צו האַלטן אָן דעם, וואָס זייער האַרץ דיקטירט זיי. קוקט זיך צו צו די דאָזיקע אַלע מענטשן און זאָגט מיר, צי האָט זיי דער קאַמף מילדער געמאַכט און איינגעפלאַנצט אין זיי אַן אמת מענטשלעכע גוטס-קייט צו יעדן איינעם.

נײַן און צוואָנציקסטער קאַפּיטל

די דאָזיקע אינסטינקטיווע טאָלעראַנץ קעגן זיך גופא און מחמת דעם אויך קעגן דער גאַנצער איבעריקער וועלט, האָב איך, מער ווי בײַ וועלכע נישט איז לעבעדיקע באַשעפעניש, געפונען בײַ דער מענטשלעכער יוגנט וואָס מען באַפּאַלט זי כסדר אַלס „אומפּאַרבעסערלעך" און וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק ליב מחמת איר אויבנדערמאָנטער ווונדערבאַרער אײַגנשאַפט. די אומפּאַרבעסערלעכקייט פון די דאָזיקע ייִנגלעך שטאַמט, געוויינלעך, פון דער פאַרקערטער באַהאַנדלונג בנוגע זיי, אויב זיי טוען עפּעס אַזוינס, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן גאַנץ נאַטירלעך און לאָגיש, און וואָס פליסט אַרויס פּאַקטיש און אויך גאַנץ נאַטירלעך פון זייער אומאָפּהענגיקן, אָריגינעלן דענק־אופן, וואָס איז נאָך אָבער נישט צונויפגעבונדן מיט קיין ריכטיקער דערפאַרונג און דערציאונג. די גאַנצע יונגערע גענעראַציע האָט זייער פיל פון דער דאָזיקער האַלטונג, מאַכט אָבער מיט מער קאָמפּראָמיסן פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכע ס'וואָלט זיך נישט אַראָפּגעלאָזן קיין שום קלענער אומאָפּהענגיקער יאַט.

אַ קליין ייִנגל אונטערשיידט זיך אַבסאָלוט פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן אויף דער דאָזיקער וועלט. ער איז אייגנאַרטיק ווי אין זײַן גײַסטיקער אומאָפּהענגיקייט, אַזוי אויך אין זײַן אויסגעשפּראָכן פײַנטלעכער עמפּינדלעכקייט קעגן אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג. קלײנע מיידלעך זענען פאַרהעלטניסמע-

סיק א סך אויסגעהאַלטענער און געשיקטער אין געזעלשאַפט־לעכער באַנעמונג. אַ צוועלפיאָריק מיידל איז אַ געזעלשאַפט־לעך באַשעפעניש און לעבט שוין פולשטענדיק אין אויסערלע־כער טאַקטפולער צופּאַסונג צו איר אַרומיקער וועלט. זי בעמט אָן גאַנץ לייכט גוטע מאַנירן, קאָן זיך שוין ביז צו אַ געווי‍סן גראַד אונטערהאַלטן מיט פרויען אין זייער אייגענער עלאָק־ווענץ און געשיקטקייט און איז אַזוי זעלבסטזיכער, אַז מען מוז שמעלן די פראַגע, צי איז בכלל פאַראַן אַ „געגנזל״־עלטער.

יונגע מיידלעך אַנטוויקלען שוין זייער פרי אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען און אין די גרענעצן, וואָס זיי שטעלן זיך אַליין אַוועק, עפּעס פון דער אומטאָלעראַנץ, עפּעס פון דער מיאוסער נייגונג צו פאַראורטיילן, וואָס איז אומגליקלעכער־ווייז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט פון די דער־וואַקסענע, צו וועלכע זיי פּאַסן זיך אַזוי גערנוויליק צו. זיי ווערן לייכט ברוגז, אומפּריינטלעך און האָבן ליב איינע דער־צווייטער צו באַרעדן, פאַראַכטן און מיידן אויס די אַלע, וואָס האַלטן נישט פון דער דאָזיקער מאָדע. זיי לייגן אַרויף קייטן אויף זיך אַליין און אויף אַנדערע.

יינגלעך אָבער זענען לחלוטין פריי פון דער דאָזיקער קללה פון די דערוואַקסענע. זייער שטאַנדפּונקט אינטערעסירט זיי לגמרי נישט. אויב זיי האָבן אפילו צייטנווייז פאַר זיי מורא, שפּירן זיי דאָך אָבער נישט קיין שום אַכטונג פאַר זייערע אָנשויאונגען. דער שטאַנדפּונקט פון יינגלעך איז תמיד נאַטירלעך, אָריגינעל, בינדיק, שליסט איין אין זיך קערפּערלעכע און גייסטיקע קראַפט און געשיקטקייט, ווי אויך די זייער סאָציאַלע אייגנשאַפט זיך צו קימערן וועגן זיינע אייגענע ענינים און נישט וועגן די אָנגעלעגנהייטן פון אַנדערע. דאָס אַלץ איז דער באַדן פאַר עכטער טאָלעראַנץ. מענטשן רופן עס גלייכגילטיקייט, איך בין אָבער דערמיט לגמרי נישט איינשטימיק. די דאָזיקע טאָלעראַנץ שטאַמט גיכער פון אַן אומגעהייער אַנטשיידענער אָנשויאונג איבערן ווערט פון זאַכן,

וועלכע זי שאַצט אָפּ איינע הויך, די אַנדערע נידעריק און ס׳רוב אורטיילט זי זייער ריכטיק.

אַז יעדעס ריכטיקע ייִנגל וואַשט זיך זייער אומגערן הינטער די אויערן, איז סימבאָליש פאַר זיין גייסטיקן צו־שטאַנד. זיין חוש פאַר ווערטן איז אים אַליין אייגן, און אונ־טערשיידט זיך פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט. ער האַלט אים פאַר בעסער ווי דעם חוש פון דער איבעריקער וועלט און איז ווידערשפעניק פון געבוירן אָן.

איך דערמאָן זיך אָן אַ ייִנגל, וואָס מ׳האָט צו מיר גע־בראַכט עפּעס וועגן אַ ייִנגלשע שטיק, און וואָס לכתחלה האָט ער עקשנותדיק אַלץ אָפּגעלייקנט.

— אָבער, פעטער, האָב איך ענדלעך באַמערקט, איינס קענסטו דאָך שוין געוויס נישט אָפּלייקענען, דאָס, למשל, אַז דו וואַשסט דיר נישט די אויערן. צי ביסטו דערמיט נישט מסכים?

— נו, האָט פעטער אַ זאָג געטאָן אַמפּערט, אַלמאַי מייגע אויערן זענען שמוציק? ווייל אַ צעלאָזענער יאַט האָט מיר אַריינגעשפּריצט וואַסער, און דאָרט האָט זיך אָנגעקליבן שמוץ, נאָך איידער דאָס איז אויסגעטריקנט געוואָרן.

ערשט ווען אַ ייִנגל איז געשלעכטלעך רייף און ווערט געוואָר, אַז די מיידלעך זענען עפּעס מער ווי אַן אָנשיקעניש, ווען ער הויבט אָן צו פאַרקעמען גלאַט זיינע האָר, און ווען זיין אייגענע שטים גיט עפּעס אַרויס צו זיין גרויס פאַרוווּנ־דערונג אַזעלכע לעבעדיקע פאַלצעט־טענער, דאַן — לאָזט זיך מיט אים עפּעס מאַכן. ער ווייס נאָך, אייגנטלעך, נישט וואָס ער באַגערט, אָבער ער וויל עפּעס פון די מיידלעך און מוז זיך מחמת דעם צופּאַסן צו זייערע אָנשויאונגען. און בעת ער דערגייט ביסלעכווייז, וואָס ער זוכט און פאַרלאַנגט, פאַלט ער אַריין אין זייער נעץ.

תמיד בלייבט ער אַלס געמיינשאַפטסוועזן שטאַרק הינטער־שטעליק אין פאַרגלייך מיט מיידלעך אין זיינע יאָרן. זיין לעבן לאַנג איז ער דערצו באַשטימט, צו בלייבן איינגעשראָקן און

אומצופרוילעך צו זיך אליין און צו זיצן הינטן און קירך, ביז ער האט חתונה און רוקט זיך ארויס אויף די פאדערשטע קירכן-בענק, וווּ אנדערע פרויען קאנען זען דעם הוט פון זיין ווייב.

ביז פערצן, פופצן יאר איז ער א פראכטפולער, וווּנ-דערבארער שטודיען-אביעקט, אויב אימיצער האט נאר די ענערגיע און דעם מוט מיט איס זיך אפצוגעבן. דאס בלייבט ער נאך אייגנטלעך ביז ער ווערט איין און צוואנציק. אבער אנהויבנדיק פון דער בגרות-צייט ציט ער זיך אריין זיכער און בהדרגהדיק אין דער צופאסונג, אין דער אומטאלעראנץ בנוגע זיך גופא און אנדערע, וואס שלעפט אים ענדלעך אריין אין דער מחנה איינגעשראקענע מענלעכקייטן, אזוי אז ער ווערט איינער פון די „שווארץ-אדער-ווייסע", וועלכע זענען גרייט צו לינטשן יעדן איינעם, וואס טראגט נישט דעמזעלבן דערבי-הוט ווי זיי אלע.

איך האב ליב די יינגלעך מיינסטנס פון צוועלף ביז פערצן יאר. כאטש באמת האב איך זיי אלע גערן, נישט גע-קוקט אויף זייער עלטער, און באקום תמיד סערווירט עטלעכע פון זיי אלס פארשפייזע צו מיין טעגלעכן מעניו פון מענטש-לעכע נאטורן.

עטלעכע גנבענען אויטאמאבילן, אנדערע—טיילן פון אוי-טאס, נאך אנדערע פארפעלן אין דער שולע, אנדערע ווידער אנטלויפן פון זייערע עלטערן. עטלעכע רייצן זיך מיט די פאליציסטן, נאר כדי צו זען, וואס זיי וועלן טאן. אנדערע ווארפן אום די אויבסט-טישלעך און אנטלויפן מיט די רויטסטע עפל. ווען מען דראט, אז מ'וועט זיי אוועקפירן צום ריכטער לינדזיי, קנאקן עטלעכע מיט די פינגער, און די צעקאכטע בירגער פון שטאט קומען און קלאגן מיך אן, אז איך האלט מיט די „מחבלים", ווייל ביי אזעלכע פאלן בין איך באוווסט אלס דער, וואס דערמוטיקט די אומזיטלעכקייט.

איך דערמוטיק אבער נישט די אוממאראלישקייט און נישט קיין שום אנטיסאציאלן לעבענס-שטייגער. איך פארשטיי

נאָר, אַז קודם כּל דאַרף איך אָפּהאַלטן די ייִנגלעך צו באַגיין ווייטער זייערע ווילדע עובֿדות, און אַז אַ שטראָף, וואָס דער־בײַכט נישט דעם דאָזיקן צוועק, איז געפערלעך, ווײַל זי קען פון דעם אומדערצויגענעם ייִנגל לײַכט מאַכן אַ פאַרברעכער.

חרטה קאָן נאָר קומען דורך אַ שנוי אין ייִנגלס דענק־אופן. ער דענקט נישט בכיוון פאַרקערט, נאָר מחמת דעם, ווײַל זײַנע לאָגישע קאָנסעקווענצן זענען אומקאָרעקט. קוים ענדערט מען דאָס, ענדערט מען דאָס ייִנגל, ווײַל קרעפ־טיק, גלײַך, פרײַ, לאָגיש, אומאָפּהענגיק דענקן איז זײַן באַ־זונדערע פעאיקייט.

אָט איז, למשל, דער קליינער „מיקי ז׳‟ מיקי איז געווען איינער פון די דײַטלעכסטע פאַלן פון אָריגינעלער זינדהאַפ־טיקייט, וואָס איז מיר ווען נישט איז אויסגעקומען צו זען. ס׳האָט אויסגעזען צו זײַן זײַן אָנגעבוירענער מהות, צו שטיין תּמיד אין ווידערשפּרוך קעגן אַלע עקזיסטירנדיקע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן. ער האָט געמוזט אָנטאָן צרות. ער איז אַלט געווען עלף יאָר, און די פּאָליציי האָט זיך שוין לאַנג צוגע־וווינט, אָן שום שהיות אים אַ נעם צו טאָן, קוים איז נאָר עפּעס פאָרגעקומען אין גאַס, ווו ער האָט געוווינט. אָפטמאָל פלעגן מיקעס קליינע פיס אים ברענגען צו מיר נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אים צו „פּאַקן‟.

— הער ריכטער, האָט ער דאַן געזאָגט, איך האָב שוין ווידער עפּעס אָפּגעטאָן, און האָב בעסער געוואָלט גלײַך אַנט־לויפן אַהער, נאָך איידער די „בלויע‟ וועלן קומען. און זײַנע שיקלדיקע בלויע אויגן און זײַנע אירישע רויטע טשופּרינע זענען אין יוגנט־גאַריכט געווען אַן אָפטע דערשײַנונג.

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיקי פלעגט אַנטלויפן ווי נאָר די בלויע האָבן ערגעץ ווו נאָכגעשפּירט אויף אַ גע־היסן שטח, אפילו ווען ער איז געווען אומשולדיק, וואָס ס׳איז אָפט פאָרגעקומען. נאַטירלעך האָט דאָס אַנטלויפן געוואָרפן אויף אים דעם חשד. מ׳האָט אים פאַרפאָלגט און דאַן איז אים

הירקלעך שווער געווען צו דערקלערן, פאַרוואָס ער איז אַנטלאָפן, אויב ער האָט „קיין זאַך נישט געטאָן״!

— מיקי, האָב איך אים אַמאָל ביי אַזאַ געלעגנהייט פאַרגעהאַלטן, פאַרוואָס זאָלסטו אייגנטלעך נישט דערגיין דעם אמת און בלייבסט נישט שטיין, אויב דו ביסט הירקלעך אומשולדיק?

אַ געקווענטער אויסדרוק האָט זיך געלייגט אויף זיין פּנים.

— הער ריכטער, האָט ער געזאָגט, איר ווייסט נישט — מיט די בלויע קאָן מען נישט שכלדיק רעדן. אַז אַזאַ מין בלויער איז נאָר הינטער אייך, דאַן איז ער קעגן אייך. און איר קאָנט טאָן בלויז איינס: זיך אָפּטראָגן און פאַרשווינדן, טוט איר עס נישט — פּאַקן זיי אייך.

— דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין גרונט, האָב איך פּראָטעסטירט, אָפּצונאַרן די פּאָליציי.

צו מיין גרעסטער איבעראַשונג איז געקומען דער תּיכּפדיקער ענטפער: „איך נאַר די בלויע קיין איינמאָל נישט אָפּ, הער ריכטער״.

— אויב אַזוי ווייס איך נישט, ווי דו רופסט עס אָן, האָב איך באַמערקט, אַז דו האָסט אונטערגעהאַקט די פיסלעך ביים אויבס־טישל און ווען דער בלויער איז דיר נאָכגעלאָפן און דיך געפּאַקט, האָסטו אים דאַן געזאָגט, אַז דו האָסט עס נישט געטאָן. מיר האָסטו נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו האָסט עס יאָ געטאָן, מיר האָסטו געזאָגט דעם אמת און די פּאָליציי אָפּגענאַרט.

ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי טיפגעקרענקטע אומשולד, און דער דאָזיקער אויסדרוק איז שטענדיק געווען צו זיין דיספּאָזיציע.

— ניין, האָט ער אויפגערעגט געזאָגט, דאָס הייסט נישט, אַז איך נאַר זיי אָפּ, דאָס הייסט בלויז, אַז איך מאַך פון זיי חוזק. זעט איר, הער ריכטער, דער בלויער שינדט מיך אַזוי אָפּט, בעת איך האָב גאָרנישט געטאָן, און אַז ער פּאַקט מיך

אמאָל, ווען איך האָב ווירקלעך עפּעס אויפגעפרעסן, זאָג איך דאַן, אַז איך האָב עס נישט געטאָן, ווייל איך האָב דאָך פון אים באַקומען אַ חלק און וויל זיך איצט ווייניקסטנס אַרויסדרייען.

מיקיי האָט דאָ אייגנטלעך געהאַנדלט לויטן עלעמענטאַרן רעכט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, און דער „בלויער" האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו הערן פון אים דעם אמת. די אומגערעכטע האַלטונג פון דער פּאָליציי — פּונקט ווי די אומגערעכטע און נקמהדורשטיקע האַלטונג פון עלטערן — האָט געצווונגען מיקיין זיך צו זוכן אַן אויסוועג. ער האָט געזאָגט ליגן, נישט ווייל ער איז געווען אַ ליגנער, נאָר דערפאַר, וואָס מ'האָט אים פאַרקערט באַהאַנדלט און ווייל ער איז געווען אַן אומאָפּהענגיקער און פרייער דענקער, וואָס האָט נישט קיין מורא נישט פאַר זיך גופא אָדער פאַר זיין אייגענעם אורטייל אָדער גאָר פאַר גאָט, וואָס אימיצער האָט פאַר אים אויסגעטראַכט.

איך דערמאָן זיך אָן אַ צווייטן פאַל. דזשערי סאָנדערס האָט מען געמוזט אַוועקשיקן אין דער אַרבעטס-שולע קיין גאָלדן. ער האָט אומבאַדינגט געדאַרפט לערנען אַ פאַך און אַרבעטן. אין דער הינזיכט האָב איך שטענדיק געהאַלטן פון דעם גמרא-אויסדרוק. „ווער ס'לערנט נישט זיין זון קיין מלאכה, לערנט אים צו ווערן אַ גנב".

דזשערי האָט מיט מיר אינגאַנצן מסכּים געווען, אַז ער דאַרף לערנען אַ פאַך. אים האָב איך געגעבן געלט אויף אַ בילעט, און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע בערך אַ מייל צוואַנציק, אין אַ קליין שטעטל אונטן ביים באַרג, ווו עס געפינט זיך די רעפאָרם-שול גאָלדן, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלע יינגלעך. דזשערי איז געפאָרן אַ.יין, ווי דאָס טוען ס'רוב יינגלעך.

אויפן צווייטן טאָג איז דער פאַרוואַלטער פון אינסטיטוט צופעליק געפאָרן אויפן וועג צו דער שולע און דערזען אַ

הויכן, אויסגעדאַרטן, זייער פאַרמאַטערטן יינגל מיט אַ פּעקל, וואָס ער האָט קוים געשלעפּט.

— קינד, האָט אים אַ פרעג געטאָן דער פּאַרוואַלטער, ווילסטו מיט מיר פאָרן?

— נאַטירלעך, וויל איך, האָט געזאָגט דאָס יינגל, איך האָב אייך נאָר נישט געפרעגט, ווייל איך האָב געקלערט, אַז איר וועט מיך אַזוי לאָזן לויפן ווי די אַלע איבעריקע.

— וווּהין ווילסטו פאָרן? האָט אים יענער געפרעגט, ווען ער האָט שוין געהאַט ארויפגעקלעטערט צו אים אויפן וואָגן.

— אין דער רעפאָרם-שולע, האָט דאָס יינגל געענטפערט. זעט איר, דער ריכטער לינדזיי האָט מיך אָנשטענדיק באַהאַנדלט, און איך האָב אים געגעבן מיין ערנוואָרט, און ער האָט מיר געגעבן געלט אויף אַ בילעט. און דאָ האָב איך געקלערט, אַז איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן, און האָב געוואָלט פאַר דער רייזע כאָטש איינמאָל אָרנטלעך אָפּעסן. און מחמת דעם בין איך געבליבן אָן איין סענט. מ'קאָן דאָך אָבער דעם ריכטער לינדזיי נישט בלאַמירן, זעט איר, און אָט האָב איך גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און בין געלאָפן. —

דער הער אין וואָגן האָט אים געזאָגט, אַז ער פאָרט אויך אין דער רעפאָרם-שולע און האָט זיך באַמיט צו פאַרשטאַרקן ביים יינגל דעם צוטרוי צום אינסטיטוט, שילדערנדיק אים די שולע אַלס ריכטיקע דערציאונגס-אַנשטאַלט, אויסמיידנדיק לגמרי דעם מאָמענט פון שטראָף-אינסטיטוט. ביידע רייזע-חברים האָבן זיך ביי דער שול-געביידע זייער פריינטלעך אָפּגעזעגנט.

אין עטלעכע חדשים שפּעטער האָט דער אַדמיניסטראַטאָר ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן דעם אַנשטאַלט און דערזען דזשערין אויפן פרייען פּלאַץ פאַרן הויפּט-בנין, ווי נאָר דאָס יינגל האָט אים באַמערקט, איז ער גלייך צו אים צוגעלאָפן.

— נו, האָט געפרעגט דער עלטערער, נאָכדעם ווי ביידע

האָבן זיך חבריש געדריקט די הענט. מיקאָן דאָ אויסהאַלטן, וואָס ?

— איך מיין אַזוי! האָט דזשערי אויסגערופן. שטעלט אייך פאָר, איך האָב אַ גאָרטן! לגמרי פאַר זיך אַליין! איך האָב עס מיר שטענדיק געוווּנטשן! איך האָב דאָרט מייסטנס ציבעלעס.

ווילט איר אים אָנקוקן ?

זיי זענען אַוועק באַקוקן דעם גאָרטן. ער איז גאָרנישט געלעגן אַזוי נאָנט, ווייל דער שטח אַרום דער אַנשטאַלט ציט זיך אויף הונדערטער מאָרגעס.

אַז זיי זענען צוגעקומען, האָט דזשערי געזאָגט: איך מיין, אַז איך קאָן זיך אייך פאַרטרויען, מיין הער. איך קום שטענדיק אַהער און מאַך מיר ציבעלע-ברויט. צי ווילט איר נישט פאַרזוכן ? דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי גראָבע שטיקער ברויט. „איך ווייס, אַז איר וועט מיך נישט אויסגעבן. איך האָב דאָס ברויט אַרויסגעגנבעט פון קיך. נאָך אַ פאָר יינגלעך קומען אויך אַהער און ברענגען זיך ברויט. איך וויל נאָר פריער ווייזן, ווי מען מאַכט ציבעלע-שניטקעס.״

מיט זיין טאַשן-מעסער האָט ער צעשניטן דאָס ברויט אויף פענעצלעך, אַרויסגעריסן פון דער ערד אַ פאָר ציבעלעס, אָפּגעשיילט און זיי צושניטן.

— צי שפירן זיי נישט, אַז דו האָסט געגעסן ציבעלע, צעת דו קומסט צוריק ? האָט געפרעגט דער איינגעלאַדענער בּוּם אָרעמען מאָלצייט.

— יאָ, זיי וואָלטן געשפירט, האָט דזשערי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב זיך אָבער פאַרזאָרגט מיט אַ פּאָר ...עע-צוקערלעך. און וואָס אָנבאַלאַנגט די ציבעלעס קאָנען זיי ...אָך גאָרנישט זאָגן. זיי דאַרף איך דאָך נישט גנבענען.

אין אַ ווייַלע אַרום האָבן זיך באַוויזן די איבעריקע ...גלעך און זענען געבליבן שטיין שטאַרק איבעראַשטע, דער-

זעענדיק לעבן דזשערין דעם פיינעם הער. דזשערי האָט זיי אָבער באַרואיקנדיק אונטערגעוווּנקען.

— דער איז אַ ריכטיקער חברהמאַן, האָט ער געזאָגט וועגן זיין גאַסט. פאַר אים גאַראַנטיר איך. קומט נאָר אַהער. ער עסט אַ ציבעלע־שניטקע מיט אונז צוזאַמען. מאַכט עס נאָר געשווינט.

דאָס איז געווען גענוג אויף צוריקצושטעלן די אַלגע־מיינע געמיטלעכקייט. אַלע האָבן זיך גענומען צו דער אַר־בעט. די שניטקעס האָט מען אָוועקגעלייגט אויף אַ שטיק ברעט, וואָס איינער פון דער קליינער באַנדע האָט ערגעץ ווו אָוועק־גענומען, און אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם דאָזיקן פּראָוויזאָרישן טיש, דזשערי אויבנאָן און דער הער אַדמי־ניסטראַטאָר אַלס ערן־גאַסט ביי זיין רעכטער האַנט.

א שמוציקע קליינע פויסט האָט זיך שוין אויסגעשטרעקט נאָכן פּיקאַנטן מאכל, אָבער דזשערי האָט פּראָטעסטירנדיק אויפגעהויבן זיין האַנט.

— וואַרט, דו! פריער בעטן! יעדער קאָפּ האָט זיך געבויגן, אויך דער פון פיינעם הער, וואָס האָט עס געמאַכט אַזוי פרום און אַזוי טיף אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט זען זיין פּנים. דזשערי האָט פאָרגעזאָגט די תּפילה. זי איז געווען זייער קורץ און בינדיק. דערנאָך האָט מען מיט גרויס אַפּעטיט אַריינגעפּאַקט דאָס געגנבעטע ברויט מיט די פרישע ציבעלעס. דער גאַסט האָט אויפגעגעסן צוויי שניטקעס. ווייניקסטנס האָט ער מיר אַזוי געזאָגט, בעת ער האָט מיר שפּעטער אין דענווער דערציילט די דאָזיקע גע־שיכטע.

— איך האָב שוין בייגעוווינט אַ סך אַזעלכע מע־כאַניש אָפּגעזאָגטע טיש־געבעטן, האָט ער זיך מיר מודה גע־ווען, אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע, עכטע, וואָס איך האָב ווען נישט איז געהערט. און ביי עטלעכע „אָוונט־מאָל־צייטן" האָב איך געגעסן „דאָס געבראָכענע ברויט", וואָס האָט

מיר אויסגעזען ווייניקער געהייליקט, ווי די דאָזיקע ציבעלע־שניטקעס.

וואָס האָט אָבער געהייליקט די ציבעלע־שניטקעס? די יינגלשע לאָגיק! די לאָגיק און די טאָלעראַנץ און דער אינסטינקט פאַר פרייען דענקן, וואָס דרינגט דורך ביז צום וועזנטלעכן און קען נישט קיין שום צביעות און זוכט מער די אינערלעכע זיכטבאַרע קאָנסעקווענץ.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

בעת איך האָב אָנגעהויבן מיין אַרבעט ביים יוגנט-גע-ריכט פון דענווער האָט באַזונדערס איינע פון מיינע מיטלען אַרויסגערופן צאָרן און איבעראַשונג ביי אַלע קלוגע מענטשן, צוזאַמען מיטן שערף, וואָס האָט צוליב מיינע עקסטראַוואַגאַנצן פאַרלוירן אַ גאַנצע רייע הכנסה-פּאָסטנס. איך פלעג נעמלעך, די יינגע מענלעכע פושעים, וואָס איך האָב געדאַרפט איבערשיקן אין מלוכה-אַרעסט. אויסבעסערונגס-אַנשטאַלטן א. א. וו. געלאָזט גיין אַהין איינגאַנצן אַליין.

פריער האָט מען זיי תּמיד טראַנספּאָרטירט צוגעשמידטע מיט האַנטקייטלעך צו אַ פּאָליציסט, ווייל די דאָזיקע יינגלעך זענען כיטרע און שנעל ווי דער בליץ. אַלע געריכטס-באַאַמטע האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם פאַנאַטיקער און האָבן נביאות געזאָגט, אַז די דאָזיקע קליינע פאַרברעכער וועלן זיך צעלויפן אין אַלע ווינט-ריכטונגען ביז עק וועלט, אויב מען וועט זיך מיט זיי נישט באַגיין אויפן אַלטן שטייגער.

אָבער די יינגלעך זענען זיך נישט צעלאָפן. ווי נאָר מ'האָט אָפּגעשאַפט די האַנטקייטן און די פּאָליציסטן, האָבן זיי מער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג צו אַנטלויפן. פאַקטיש האָט מען ביי זיי גאָר שוין נישט געקאָנט פועלן, אַז זיי זאָלן לויפן. איך האָב זיי געגעבן געלט אויף בילעטן, דער-קלערט גרינטלעך די גאַנצע זאַך, און זיי זענען שטענדיק פּינקטלעך אָנגעקומען אויף זייער באַשטימטן אָרט. נישט בלויז

צופעליק. ניין, תמיד הונדערט פראָצענט. איך האָב קיינמאָל קיין איינציקן נישט פאַרלוירן. לכתחלה האָבן אַ פיר, פינף געפּרוווט לויפן, זיי זענען אָבער צוריקגעקומען און געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר זייער מאַנגל אין שכל און טריישאַפט. דערנאָך איז עס קיינמאָל מער נישט פאָרגעקומען. אויב נישט מחמת אַנדערע מאָטיוון, זענען זיי פרייוויליק געגאַנגען אויפן פאָרגעשריבענעם וועג, כּדי אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די פּאָליציסטן און רעדאַקטאָרן, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז יענע לויערן אויף זיי און אויפן ריכטער לינדזיי.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן ייִנגל, וואָס איך האָב געדאַרפט אַוועקשיקן קיין גאָלדן. סקיני מאָראַן — אַזוי וועלן מיר אים אָנרופן — איז געווען פאַררעכנט בּיי דער פּאָליציי אַלס פאַרפאַלענער פאַרבּרעכער, און ער איז בּאמת געווען אַ שלעכטער „פּאַל". ער איז, נאַטירלעך, געווען אַן אירלענדער אָדער שאָטלענדער אָדער בּיידע צוזאַמען; ווייל פון דאָזיקן שטאַם וואַקסן די אונטערנעמונגס-פּעאיקסטע עלע-מענטן. איך בּין אַליין פון שאָטיש-אירישער אָפּשטאַמונג.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען מ'האָט מיר געבּראַכט סקינען. צוויי ריזעדיקע, זעקס פוס הויכע פּאָ-ליציסטן האָבן מיט פאַראייניקטע קרעפטן, פאַרסאַפּעטע און אין אַ צושטאַנד פון שטאַרקער אויפרעגונג געהאַלטן פעסט אַ קליינינקן, מאָגערן מענטשעלע: סקינען, וואָס איז געהן שטאַרק אומצופרידן מיט דער אינטימער אַרומכאַפּונג פון זיינע אָרעמס, כאָטש ס'האָט זיך דייטלעך געמערקט זיין טריומף, אַז מ'מוז האָבן אַזאַ פּאָר ריזן, כּדי אים אַהערצוברענגען.

איינער פון די בּאַאַמטע איז געווען אַ דם-שונא פון מיינע מעטאָדן, און מ'האָט מיר תּיכּף מודיע געווען, אַז ער האָט שוין איבּערגעגעבּן אַ זשורנאַליסט מכּח סקיניס עווענטו-עלער פּליטה, ער האָט געהאָפט, אַז פון אַ מעגלעכן פּרווו, אויך דעם דאָזיקן פיינעם בּעל-דבר איבּערצושיקן אַליין קיין גאָלדן, וועט פאַר מיר אַרויסקומען אַ ריכטיקער בּלאַמאַזש.

איך האָב סקינען געמאָלדן, אַז ער מוז פאָרן קיין

גאָלדן, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מבול פון טרערן און אַ שטורם פון תחנונים. „נאָר נאָך איין איינציקע געלעגנהייט"! אַזוי ווי די דאָזיקע „איינציקע געלעגנהייט" זיך צו בעסערן איז שוין אומזיסט באַוויליקט געוואָרן, בין איך געבליבן האַרט און סקיני אומטרייסטלעך, און מיר איז נישט אַרויף אויפן זין קיין איין רעכטער געדאַנק, ווי מיט דעם ייִנגל פאַרטיק צו ווערן.

איך האָב אָנגעקוקט דעם פּאָליציסט, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון אַן איראָנישן שמייכל, און דעם רעפּאָרטער, וואָס איז בינו לבינו דערשינען אויף זיין ווונק, און די דאָזיקעביידע פּנימער האָבן מיר געגעבן די אויפקלערונג, אין וועלכער איך האָב זיך גענויטיקט. איך האָב זיי געוואָלט שלאָגן מיט זייער אייגן געווער.

— סקיני, האָב איך געזאָגט, צי ווייסטו וואָס דער דאָזיקער פּאָליציי־באַאַמטער האָט דאָ געזאָגט דעם הער פון דער צייטונג? ער האָט אים געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער קאָנען געבן אין דער פּרעסע אַ שיינע געשיכטע וועגן דיר און מיר, ווייל דיר קאָן מען נישט טרויען. אויב איך וועל דיך איינעם אַליין שיקן קיין גאָלדן, וועסטו זיך אָפּטראָגן, און דאָס וועט מיך באמת בלאמירן. וואָס זאָגסטו דערצו?

סקיניס טרערן האָבן זיך אַזוי גיך אויסגעטריקנט, אַז מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זע, ווי זיי דעמפּן זיך אויס. מיט צאָרנפינקלנדיקע אויגן האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פּאָליציסט.

— אַזוי, האָט ער געשריגן מיט אַ ווילדן קול. אַזוי! דאָס האָט איר געזאָגט אָט דעם דאָזיקן יאַט? נאַ, איר מיינט, אַז איר ווייסט עפּעס, אָבער איר ווייסט גאָרנישט — איר. —

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר. „הער ריפּטער, גיט מיר נאָר דאָס געשריפּט, און זיי וועלן שוין זען, ווי איך וועל זיך אַן עצה געבן מיט די דאָזיקע בלויע און מיט די אַלע איבעריקע!

איך האָב אים דערלאַנגט דעם בריוו צום אַנשטאַלט־פאָרשטייער אין גאָלדן און אַביסל געלט, און דאָס לעצטע, וואָס איך האָב פון אים געזען, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך ווי אַן אונטערגעשאָסענער געטראָגן איבער די ברייטע רו־פּלעצער פון געריכטס־הויף, נישט רעכנענדיק זיך אַפילו מיט די וואָרנונגס־צייכנס, וואָס האָבן פאַרבאָטן צו באַטרעטן די פאַרפלאַנצטע שטחים.

דער פּאָליציסט האָט געלאַכט אויפן קול, זעענדיק דאָס דאָזיקע לויפן. ער האָט זיכער געגלויבט, אַז איצט האָט ער מיך געפּאַקט.

אָבער אַן אַנדער באַאַמטער, וואָס איז געווען אויף מיין זייט, האָט זיך געוועט, אַז איך וועל בלייבן גערעכט. אוןווירקלעך האָבן מיר זיך גלייך דערוווּסט דורכן טעלעפאָן, אַז סקיני איז בשלום אָנגעקומען אין אַנשטאַלט, און אין אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געהערט, אַז נישט געקוקט אויף זיין שטורמי־שער פאַרגאַנגנהייט, פירט ער זיך דאָרט אויף זייער גוט.

אַז איך בין אין עטלעכע חדשים שפּעטער אַליין געקו־מען קיין גאָלדן, איז סקיני פון אַ גאַנצער מחנה יינגלעך אַ שטראַלנדיקער צו מיר צוגעלאָפן; פון זיין געזיכט איז דער געפּייניקטער שטריך לגמרי פאַרשוווּנדן, און די אויגן האָבן באַקומען אינגאַנצן אַן אַנדער אויסדרוק.

— הער ריכטער, הער ריכטער, האָט ער געשריגן צו־קומענדיק נאָענט צו מיר, אפשר האָבן מיר זיך מיט די בלויע נישט פיין אָפּגערעכנט?

סקיני איז איצט אַ ווילער בירגער פון דענווער, אַנ־שטאַט צו זיין ערגעץ ווו אַ תושב פון אַ מלוכה־תּפיסה. ער איז אַ גליקלעכער פאַמיליען־פאָטער, און באַזוכט מיך עד היום פון צייט צו צייט, כּדי זיך צוצוקוקן ווי איך באַהאַנדל אַנדע־רע סקיניס. ער האַלט פאַר מיר שטאָל און אייזן.

אין דער וועלט פון די יינגלעך געפינט מען נישט קיין קאָנסערוואַטיזם בנוגע דער אייגענער הייליקער זאַך. די איינ־ציקע פראַגע, וואָס מ'שטעלט, איז: „צי קומט באמת דערפון

עפּעס אַרויס? קאָן מען דערמיט עפּעס אָנהויבן? און ס'איז פאַראַן אַ פרייד פון אַנטדעקונגען און אַ פרייהייט צו עקספּערימענטירן אין אַ גייסט פון „זאָרג וועגן דיינע אייגענע אָנגעלעגנהייטן". וואָס באַטייט עכטע דעמאָקראַטיע אין קעגנזאַץ צו דער טאַלמי-דעמאָקראַטיע, וואָס איר טיראַניי דערדריקט אונז אַלע מיט איר שווערער לאַסט.

אַ סך מענטשן ווילן נישט וויסן פון דעמאָקראַטיע, ווייל זיי באַפרידיקט מיטלמעסיקייט און איינפאָרמיקייט. אַלץ ניוועלירט: קליידער, געדאַנקען און זיטן, און דריקט אַראָפּ אַלע מענטשן אויף אַ טויטן פלאַכלאַנד, פון וואַנען זיי קאָנען זיך נישט אויפהויבן, סיידן בלייבנדיק אָן אַ קאָפּ. דאָס דאָזיקע בילד איז זייער ריכטיק געשילדערט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונזער פירערלאָזער ציוויליזאַציע. עס איז אָבער נישט דאָס אמתדיקע בילד פון אַן עכטער דעמאָקראַטיע. די הערן פאַרבייטן דידאָזיקע ביידע זאַכן.

עמערסאָן זאָגט: מיין נישט, אַז דער יוגנטלעכער האָט נישט קיין קראַפט, ווייל ער קאָן נישט רעדן צו דיר אָדער צו מיר. הער זיך צו! ווער רעד'ט אַזוי קלאָר און איינדרינגלעך אין דערבייאיקן צימער? הימל! דאָס איז ער! עס שיינט, אַז ער פאַרשטייט באמת ווי צו רעדן צו זיינע צייט-חברים! שרעקעווודיק אָדער דרייסט, ער וועט אונז עלטערע מאַכן לגמרי איבעריק — —

די זאָרגלאָזיקייט פון די יינגלעך, וואָס זענען זיכער מיט זייער מיטאָג און וואָלטן זיך פונקט אַזוי ווייניק ווי אַ גרויסער לאָרד אַראָפּגעלאָזן צו אַן איינציקן וואָרט, כדי צו געווינען עמיצן פאַר זיך, איז די געזונטע האַלטונג פון דער מענטשלעכער נאַטור. ווי באַהערשט דער יוגנטלעכער די געזעלשאַפט! אומאָפּהענגיק, אומפאַראַנטוואָרטלעך קוקט ער אַרויס פון זיין ווינקל אויף מענטשן און געשעענישן, וואָס טראָגן זיך פאַרביי לעבן אים, קאָנטראָלירט און שאַצט זיי אָפּ לויט זייער פאַרדינסט אויפן שנעלן פולדיקן שטייגער פון דער יוגנט. ער קימערט זיך קיינמאָל נישט וועגן פאָלגן, אינטערעסן. ער משפּט

עלבסטשטענדיק און אָריגינעל. דו מוזט זיך יאָגן נאָך אים:
ער נאָך דיר יאָגט זיך נישט. דער מאַן איז אָבער ביי אים—
אַזוי צו זאָגן — איינגעשלאָסן אין זיין באַוווּסטזיין. קוים
האָט ער נאָר איין איינציקן מאָל גערעדט אונטער אַן אַלגע·
מיינעם בייפאַל, האָט ער זיך שוין פאַרשאָטן, ווערט ער אי·
בערוואַכט דורך דער סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פון הונדער·
טער, מיט וועמעס נייגונגען ער מוז זיך שוין איצט רעכענען.
נישטאָ מער דערפאַר קיין לעטהע *) אַך, ווען ער זאָל זיך
קאָנען צוריק אַראָפּלאָזן אין זיין נייטראַלער, גאָט-ענלעכער
אומאָפּהענגיקייט.

„ווער עס וויל זיין אַ מאַן מוז זיין אַ „נאָנקאָנפאָרמיסט"
אַ נישט איינשטימענדיקער. ווער ס'וויל דערגרייכן אומשטערב-
לעכן פּרסום, דאַרף נישט ווערן געשטערט דורך דעם, וואָס
עס ווערט בכלל אָנגערופן גוטסקייט, נאָר מוז קאָנטראָלירן,
צי דאָס איז ווירקלעך גוטסקייט. קיין זאַך איז נישט הייליק,
נאָר די אומבאַרירלעכקייט פון זיין אייגענעם גייסטיקן מהות.
דערקלער זיך אַליין אַלס פריי, און די וועלט וועט פאַר דיר
שטימען. איך דערמאָן זיך אָן אַן ענטפער, וואָס איך האָב
אַמאָל געגעבן, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג. אַ הויכ-
געשעצטער גייסטלעכער האָט מיך כסדר געמאַטערט מיט די גו·
טע אַלטע תּורות פון דער קירך. ענדלעך האָב איך אים גע·
פרעגט, וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך אייגנטלעך מיט דער
הייליקייט פון טראַדיציעס, אויב איך לעב לגמרי אינערלעך.
אָבער, האָט ער מיך צוריק אַ פרעג געטאָן, אויב דידאָזיקע
אינערלעכע אינסטינקטן קומען פון אונטן און נישט פון אויבן?—
זיי זעען מיר נישט אויס צו שטאַמען פון דער אונטערוועלט,
האָב איך געענטפערט. אָבער אויך איך בין אַ קינד פון טייוול,
וויל איך טאַקע פון טייוול לעבן.

*) אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע דער טייך פון פאַרגעסן, פון וואַנען
עס האָבן געטרונקען די פאַ־ש־אַרבענע.

איך רעקאָמענדיר אַלע לעזער זיך אָפּצושטעלן אויף עמערסאָנס דאָזיקער באַמערקונג, וואָס שטייט אפילו אין אַן אינערלעכער סתירה מיט דזשערי סאָנדערס טישגעבעט פאַרן מאָלצייט פון ציבעלע-שניטקעס פון געגנבעטן ברויט.

איך רעקאָמענדיר זיי אַנדערע, וואָס וועלן אפשר וויסן וואָסערע שטריכן דאַרפן מיר אין אונדזער, דורך קאָנוועגצן באַהערשטן לאַנד, פלעגן ביי אונדזער יונגער גענעראַציע, אנשטאט זיי אונטערצודריקן.

אַ גרויסער טייל פון מיין אַרבעט, צי כ'האָב צו טון מיט יונגלעך, מיט קליינע מיידלעך אָדער מיט דערוואַקסענע, באַשטייט אין דעם, וואָס איך ברענג זיי אמתע באַריכטן וועגן דעם, וואָס זיי טראַכטן, ווינטשן, טוען. איך זוך אַרויסצוגעפינען דעם אמת, פאַר וואָס זיי טוען דאָס, וואָס זיי טוען. און קוים זענען זיי נאָר זיכער, אַז זיי ווערן נישט פאַראורטיילט און נישט אויסגעלאַכט זענען זיי דאַנקבאַר פאַר דער געלעגנהייט צו קאָנען אָפן רעדן. געוויינלעך דערוויס איך זיך, אַז איך בין דער ערשטער מענטש, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט דידאָזיקע ממשותדיקע פאַרלייכטערונג, אויב ס'זענען נאָר נישט קיין קאַטאָליקן, וואָס פאַרמאָגן אַ מנהג זיך מתוודה צו זיין פאַרן גייסטלעכן, אין געוויסע היגזיכטן אַ הילפרייכע און זייער קלוגע איינריכטונג.

בעת זיי ריידן מיט מיר, גיסן זיי פאַר מיר אויס דאָס גאַנצע האַרץ. האָבן מיר דאַן אַלע קאָרטן אויפן טיש, באַטראַכטן מיר אַלץ וואָס ס'איז פאַראַן און קאָנטראָלירן, ווי גרויס דער באַנקראָט איז. אָפטמאָל בלייבט לחלוטין גאָרנישט. איך שמוגל אָבער אַריין ווו נישט ווו, ווען זיי באַמערקן עס נישט, צווישן די קאָרטן אַ טויז, פאַרשטאַרק דערמיט זייער האַנט און פיר זיי גליקלעך דורך. אַזויווי דערדאָזיקער אופן פון באַהאַנדלען חטאים שליסט לגמרי אויס פון שפיל וועלכן נישט איז נקמה-אקט, פאַרהאַסן מיך זייער פיל מענטשן, וואָס וואָלטן אין דער צייט פון ישוע הנוצרי צוזאַמען מיטן ווילדן המון זיכער געוואָרפן שטיינער אין דער „בוגדת”, אין דער פרוי וואָס האָט פאַראַטן איר מאַן. זיי קאָנען זיך בשום-אופן נישט פאַרשטעלן

קיין געריכט, ווו אנשטאט „רעכט" זאָל הערשן גערעכטיקייט. קיין געריכט, ווו געראודפטע מענטשן זאָלן זיך קאָנען ראַטעווען און זיך שפּירן זיכער ווי אין מיטלאַלטער דער פאַרברעכער ביים אַלטאַר פון די קירכן. זיי קאָנען נישט משיג זיין אַזאַ געריכט, וואָס באַטראַכט די געזעלשאַפט אַלס אַ צעווילדעוועטן וואָלף, קעגן וועלכן די שוואַכע מוזן באַשיצט ווערן, און דעם שטאַט אַלס אַ פאַרברעכערישע אָפּגעלאָזענעם פאָטער, וואָס פאַריתומט זיינע קינדער און טרייבט זיי צו שווערע נסיונות. און דעריבער, ווי איך זאָג, האַסן זיי מיך.

וויאַזוי דידאַקטיקע פּיינטשאַפטן שטערן מיר אָפט אין מיין אַרבעט אויף אַ העכסט באַדויערלעכן אופן, באַווייזט מיר דער פאָלגענדער פאַל ווריט. פרוי ווריים איז אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז זי זאָל האָבן געהרגעט איר מאַן. איר צוועלפיעריקער זון האָט אָבער פאַרזיכערט, אַז נישט זי, נאָר ער האָט עס אַליין געטון. אין גרונט גענומען איז עס געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל. ער האָט געוואָלט אַרויסרייסן ביי זיין מוטער דעם רעוואָלווער, מיט וועלכן זי האָט זיך פון פאַרצווייפלונג געוואָלט טויטן. דער ביי האָט עס אויסגעשאָסן און געטראָפן דעם פאָטער.

נאָכדעם ווי דאָס יונגל האָט אין געריכט אָפּגעגעבן דידאַקטיקע דערקלערונג, בין איך אַוועק צו אים אין תפיסה, גענומען אים אַהיים צו דער פאַמיליע ווריית און געהאַט מיט אים אַ שמועס עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. ער האָט מיר דערציילט אָפן, אָבער זייער פאַרטרויליך דעם גאַנצן אמת. איך קאָן מכח דעם נאָר זאָגן, אַז זיין מוטער האָט נישט געוווסט, ווער ס'האָט דעם פאָטער דערשאָסן.

דאָס געריכט האָט דעם יינגל נישט געוואָלטגלויבן, מיינענדיק, אַז דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט, שטימט נישט מיט זיין דערקלערונג פאַרן געריכט. מיר האָט ער, נאַטירלעך, נאָר מחמת דעם אַליין פאַרטרויט, ווייל פאַר מיר האָט ער נישט מורא געהאַט. דער אַדוואָקאַט האָט געקאָנט באַקומען דיזעלבע אינפאָרמאַציעס, ווען ער זאָל האָבן אָנגעווענדט דיזעלבע מיטלען, דעמזעלבן געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, ווי איך. אנשטאַט דעם האָט

צר מיך געצווונגען, — נאָך דעם ווי ער האָט דעם יינגל גופא אָנגעשראָקן און דערמיט צוגעפירט צו א פולשטענדיקן שווייגן— אַז איך זאָל אַלס עדות זאָגן פאַרן געריכט אַלץ, וואָס איך ווייס.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ דערקלערונג, ווייל דאָס וואָס איך ווייס, האָב איך דערגרייכט דורך צוטרוי צו מיר און איך פאָדער פאַרן צוטרוי פונקט אַזאַ אַכטונג ווי פאַרן גייסטלעכן אָדער פאַרן דאָקטאָר. ווען איך זאָל האָבן פאַראַטן דעם צוטרוי פון דאָזיקן קינד, וואָלט איך געבראָכן איינעם פון די וויכטיקסטע פרינציפּן, אויף וועלכע ס׳בויט זיך דער יוגנט-געריכטסהויף און וואָס נאָר אויפן גרונט פון דעמדאָזיקן תנאי איז ער לעבענספעיִק און קאָן זיך ווייטער האַלטן.

דער רעזולטאַט פון מיין אָפּזאָג איז געווען דער, אַז איך האָב געמוזט באַצאָלן 500 דאָלאַר שטראָף און דערצו נאָך 500 דאָלאַר געריכטס-קאָסטן.

פרוי ווריט איז בינו לבינו אויפן גרונט פון איר זונס עדות-זאָגן באַפרייט געוואָרן.

איך גופא האָב פון אַלע טיילן פון אונדזער לאַנד באַקומען רירנדיקע קליינע בריוו פון אונדזער יוגנט צום „קינדער-ריכטער". אַלע האָבן זיי מיר צוגעשיקט בריוומאַרקעס און סענטן אויף צו באַצאָלן מיין געלט-שטראָף. ס׳האָט זיך ווירקלעך אָנגעזאַמלט א פולער קאָרב געלט. גאַנצע עטלעכע הונדערט דאָלאַר. איך האָב איבערגעשיקט די סומע אין א פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע.

אײנאונדרײסיקסטער קאַפּיטל

מײַן װיכטיקסטע אַרבעט שטײט אויף דעם אופֿן אין שאַרפֿסטן קעגנזאַץ צו דער געװײנלעכער פּראַקטיק פֿון די געריכטן. אַ סך זאַכן העלפֿן מיט צו מײַן דערפֿאָלג: מײַן דערפֿאַרונג, מײַן באַרימטע טאָלעראַנץ און די נאַטירלעכע מסירת נפֿש פֿון מיר און מײַנע מיטאַרבעטער פֿאַר אונדזער װערק. מיר זענען ספּעציאַליסטן אויפֿן דאָזיקן געביט און דערגרײכן אָפּטמאָל אַזעלכע דערפֿאָלגן, צו װעלכע מיר װאָלטן קײנמאָל נישט דערגאַנגען, װען מיר באַרעכענען נישט גענוי אונדזער יעדן טריט.

ס'איז נישט לײַכט אַרויסצובאַקומען פֿון די מענטשן דעם אמת. זײ מוזן געפֿירט װערן אַ טריט נאָך אַ טריט, איצט אַביסל װײַטער און אַזוי אָן אָן אויפֿהער. זײ מאַכן פֿעלערן און פֿאַלן צוריק. דער װאָס לערנט און פֿירט זײ, מוז האָבן גײַסטיקע געװוינהײטן, װאָס װערן דערװאָרבן גאַנץ שװער נאָר דורך איבונג און זעלבסטדערציונג: מיטגעפֿיל, באַרמהאַרציקײט, טאָלעראַנץ, פֿאַרשטענדעניש, אָפּהאַלטונג פֿון פֿאָראורטײלן, צוזאַמענגעבונדן מיט געװיסע אומנאָכגיביקע פֿאָדערונגען פֿון אַ פּרײַװוּליקער ענדערונג אין דער האַלטונג מצד דעם שולדיקן.

דאָ מוז אָפּט די אַמטסגעװאַלט פֿון דער מאַכט, װאָס איז אַ גרעסערער אויטאָריטעט װי די עלטערן, אַרײַנטרעטן אין איר פֿונקציע. אַ געריכט קאָן דערגרײכן אַזעלכע זאַכן, װאָס קײן אַנדער מאַכט איז עס נישט בכּוח אויסצופֿירן. אין דעם זין איז דאָס געריכט פּונקט װי די שולע אַ דערציונגס־מיטל פֿון דער

מלוכה, וואָס האַנדלט אַלס העכערע עלטערנשאַפט. דערפֿון דאַרפֿן מיר מיט דער צייט נאָך פֿיל מער האָבן.

די אַרבעט פֿון דאָזיקן געריכט פֿאָדערט, כּדי אַלץ פּול צו זיין: מענטשן-ליבע, אומפּערזענלעכע, אַלגעמיינע מענטשן-ליבע. „גלויבן, ליבע, האָפֿענונג, דידאָזיקע דריי — אָבער ליבע איז די גרעסטע צווישן זיי. דאָס זענען פֿאַר אונדז די איינציקע מעגלעכע מכשירים. מיר באַנוצן זיך מיט זיי אָן שום סענטימענטאַליטעט. מיר זענען אַבסאָלוט פֿריי פֿון רירעוודיקן טרערן-נעפּל, מיט וועלכן אומפֿאַרשטענדיקע מענטשן בינדן זיי תּמיד צונויף. מיר באַנוצן זיך מיט זיי, ווייל זיי זענען געזונטע מיטלען, כּדי אַרויסצורופֿן באַשטימטע נשמה-ווירקונגען, מיט איין וואָרט: מיר באַנוצן זיך מיט זיי, ווייל זיי זענען ווירקזאַם. און מיר פֿרייען זיך דערמיט, וואָס מיר קאָנען זיי באַנוצן, ווייל דאָס באַנוצן שענקט לעבן דעם באַנוצנדיקן. ס'איז אַ ברכה פֿאַר דעם, וואָס גיט, און דעם, וואָס נעמט!"

די אָנווענדונג פֿון אַזעלכע פּרינציפּן אין לעבן פֿון מענטשן קאָן קיינמאָל נישט זיין מעכאַניש, קאָן נישט זיין צווייmאָל דאָסזעלבע. זי איז אַ דעליקאַטע אין שווערע קונסט און גלייכצייטיק אַ וויסנשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע, פֿאָדערט אַן עקזאַקטע פּסיכאָלאָגישע טעכניק און דערצו אַן אויסערגעוויינלעכע, כּמעט אונטערבאַוווסטזיניקערהייט, אַ פֿעיִקייט פֿון צופּאַסונג, וואָס איז אָריגינעל און שעפֿעריש. דידאָזיקע ביידע זאַכן זענען נויטיק ביי יעדער קונסט, זיי זענען איר פֿאָרם און איר גייסט.

מיר דערגרייכן דורך דער אָנווענדונג פֿון אַזעלכע מעטאָדן די נשמות פֿון די מענטשן און ענדערן זייער לעבן. מיר געווינען, נאַטירלעך, נישט אַלע, וואָס ווענדן זיך צו אונדז, ווייל שטענדיק זענען פֿאַראַן פֿאַלן פֿון גערירשנטע פֿעלערן, וואָס נישט געקוקט אויף דער בעסערער קערפּערלעכער פֿלעגע איז אוממעגלעך זיי צו ברענגען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון אַ נאָרמאַלער סאָציאַלער לעבנספֿירונג אָדער, אויב זיי ווערן שוין צוגעפֿירט דערצו, פֿאַרמאָגן זיי נישט די קראַפֿט זיך צו האַלטן. פֿאַר מענטשן מיט אַזעלכע נייגונגען מוז ספּעציעל געזאָרגט ווערן.

ס'איז איינע פון די שרעקלעכסטע פארברעכנס פון אונדזער ציוויליזאציע, וואָס מען דערלויבט זיי אָן שום שטערונג חתונה צו האָבן און זיך צו פרוכפערן. מ'קאָן זיי איבערלאָזן זייער סעקסועלן לעבן, אָבער דורך סטעריליזירונג באַזייטיקן די מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן לאָזן יורשים. איך וואָלט לכל הדעות קיינמאָל נישט געשטימט פאַר קיין גוואַלטזאמער סטעריליזירונג, אויסער ביי אויסגעשפּראָכן אנדערקענטן שגעון. אָבער איך פאָדער ס'רעכט פאַר דער דערציאונג פון פעלערהאַפטע און קרענקלעכע און ס'רעכט זיך צו ווענדן צו זיי מיטן דרינגגדן אַפּעל, ווייל לויט מיין דערפאַרונג זענען זיי גרייט אָנצונעמען אַזאַ פאַרנונפטיקע און באַרמהערציקע לייזונג פון דער פראַגע.

איבעריקנס האָב איך ס'רוב צו טון מיט אַ הויכווערטיקן מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס נויטיקט זיך מער אין אויפקלערונג, אין באַלערונג ווי אין בעסערונג. פאַקטיש געפין איך, אַז די פעלטריט פון יונגע מענטשן זענען מער די פאָלגן פון איבערשוימענדיקע לעבנסווערטן און ענערגיעס, ווי פון קאָרופציע און שוואַכקייט, וואָס פירן לייכט צו אמתע פאַרברעכנס. ס'איז אומבאַדינגט גויטיק אַזוי שאַרף, ווי מעגלעך אָנצוצייכענען די גרענעץ צווישן דידאָזיקע ביידע גרופּען. בעסער אַן אומגעזעצלעך קינד פון עלטערן, וואָס טויגן אין יעדער הינזיכט לקיום המין, איידער אַ העכסט בכבודיק לעגיטירט קינד פון אַ דעגענערירטן שטאַם.

ביי מענטשן-קינדער, וואָס זייער ירושה איז אַ גוטע, האָב איך דורך שטענדיקע, יאָרנלאַנגע דערפאָלגן געבראַכט באַווייזן, אַז די אָנווענדונגען פון די אָנגערופענע מיטלען — גלויבן, ליבע, האָפענונג — שאַפן ממש וווּנדער. איך ווייס פון דערפאַרונג, אַז דידאָזיקע מדות, קוים גייען זיי נאָר איבער אין ווירקונג, זענען בכוח צו ברענגען געזונט נישט נאָר דעם גייסט, נאָר אויך דעם קערפּער. איך האָב געזען ווי מענטשן זענען קאָרפּערלעך געזונט געוואָרן ווי דורך אַ וווּנדער, פּשוט ווייל ס'האַרץ, וואָס איז געווען די סבה פון דער קרענק, האָט געפונען איר תיקון.

דערלויבט מיר אָבער דאָ נאָכאַמאָל שטאַרק צו באַטאָנען, אַז דערביי קומען נישט אין באַטראַכט קיין שום סענטימענטן. דאָס, וואָס איך האָב באַהויפּטעט, איז אין פולשטענדיקן הסכם מיט וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונגען אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע, און דערביי האָט מען נאָך אין קיין שום אינסטיטוט אויף דער וועלט אָדער ערגעץ ווו אויפן ערדקויל נישט געהאַט אַזאַ פילזייטיקע, לאַנגיעריקע אויטגעפּרוווטע עקספּערימענטן-סטאַציע פאַר מענטשלעכע באַציונגען, ווי ביי מיין יוגנט-געריכט אין דענווער.

איך האָב שוין פאַראורטיילט מענטשן צו לעבנסלענגלעכער תּפיסה. ווען מ׳דאַרף טאָן שווערע אַרבעט, קאָן איך עס טאָן. איך גיב זיך נישט אָפּ מיט קיין „אַבסטראַקטע טעאָריעס". די מענטשן, וואָס טוען עס, זענען די אַזויגערופענע „פּראַקטישע". זייערע רעגיסטערס זענען פול מיט לויטער פעלטריט. דאָס גילט פאַר די מייסטע שטראָפקאַמערן, אַדוואָקאַטן-אַקטן, תּפיסה-אַרכיוון און פאַר דער גאַנצער פאַרפלוכטער מאַשינעריע, דורך וועלכער לחלוטין געזונטע מענטשלעכע בּרואים, אַנשטאָט צו געפינען הילף און רעטונג, לויט זייערע לייכטע פעלערן, ווערן פאַרוואַנדלט אין געוווינהייטס-פאַרברעכער. זאָלן דידאַזיקע אַנטיסאָציאַלע מאַכטן, וואָס זייערע מעטאָדן זענען גרעסטנטיילס אַ סך ערגער ווי די פאַרברעכנס, וואָס זיי באַקעמפן, נאָר פּרווון אָוועקשטעלן זייערע פאַקטן לעבן מיינע אַזויגערופענע „טעאָריעס"! זיי וועלן זען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען!

דידאָזיקע מעטאָדן טויגן אפילו נישט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויפן מיסטבערגל, ווייל דאָרט וואָלטן זיי פּראָפעסיאָנעלע מיסטקראַצער נאָך געקאָנט אויפזאַמלען און פאַרשפּרייטן צוריק צווישן מענטשן. מ׳דאַרף זיי אויף און צוזאַמען מיט די קריגס-שיפן פון דער גאַנצער וועלט דערטרינקען אין טיפסטן ים. אויב דער ים זאָל נאָר זיין דערצו גענוג טיף! איך גלויב אָבער, אַז ער איז עס. גאָט האָט אים געמאַכט.

די קריסטלעכע טוגנטן, מיט וועלכע מיר באַנוצן זיך שטענדיק ביי אונדזערע געריכטן, זענען בכן די העכערע, מעכ-

ט־קערע, פּראַקטישערע, ווירקזאַמערע לעבעגסקרעפטן. אירע קעגנ־
זאַצן: שנאה, אומטאָלעראַנץ, צביעות, גוואַלט, נקמה, אומוויסנ־
הייט און מורא זענען די שוואַכערע, די אומווירקזאַמע לעבנס־
מאַכטן, שטאַרק נאָר אַלס מיטלען צום טויט. זיי זענען אזוי גע־
פערלעך ווי די מאָלעקולאַרע שוואַכקייט און אומבאַשטענדיקייט
פון דינאַמיט. ס׳וועט אונדז אַלעמען שווער זיין דאָס צו גלויבן
און לויט דעם צו האַנדלען, ווייל ס׳לעבן איז פיר־דימענסיאָנאַל,
און זיינע גרונטלייגנדיקע ווידערשפּרוכן זענען דעריבער פון
פאַרשטאַנד אַבסורד, בעת פאַר דער אינטויציע זענען זיי לגמרי
קלאָר.

דינאַמיט איז אַן אילוזיע פון שטאַרקייט, פונקט ווי דער
גוואַלט־טאַט. די פּאָזיטיווע טוגנטן, וואָס האָבן אין זיך די רו
פון דער אייביקייט און זענען אַ טייל פון געטליכן זיין, האָבן
אַ פולקאָם אומווידערשטענלעכע קראַפט, קיים ווערן זיי נאָר גע־
זעצט אין באַוועגונג. און זיי זענען דאָס, וואָס גיט דעם מענטשן
יענע נאַטירלעכע באַגרענעצונג אין דער לעבנספירונג און לער־
נען אים דעם אמת פון די ביבל־ווערטער (מיכה) „מ׳האָט דיר
געזאָגט, מענטש, וואָס גוט איז און וואָס דער האַר פאָדערט פון
דיר, נעמלעך גאָטס וואָרט צו האַלטן, און ליב האָבן און הכנעה־
דיק זיין פאַר דיין גאָט”.

בעת יעזוס האָט דאָן פאָרגעשריבן דיראָזיקע טוגנטן, האָט
ער זיי דערקלערט אַלס די אַבסאָלוט אייביקע מיטלען, דורך
וועלכע דער מענטשליכער גייסט קאָן ווערן באַהערשט. ער האָט
אויך אָנגעוויזן אַ פּראַקטיש דורכפירבאַרן וועג צום לעבן און
האָט נישט געגעבן קיין שום אוממעגלעכע עצות ווי אַזוי צו
דערגרייכן פולקאָמענהייט.

די ערשטע באַמיונגען צו אַרבעטן פּראַקטיש מיט דידאָזי־
קע העכסטע גייסטיקע קרעפטן, פאַרלויפן ווי יעדער פּרווו, מיט
קלעטערן צו די הויכקייטן. ס׳כאַפּט אַ שווינדל. מ׳האָט וואָס צו
לערנען. איך בין שוין לאַנג דערצו געוווינט. דורך מיין שטענ־
דיקער דערפאַרונג און נישט פאַלן בין איך געוואָרן זיכער אין
האָב געלערנט צו פאַרשטיין, אַז איך קאָן גאָרנישט פאַלן. די־

מלאכים טראָגן מיך, אָדער עפּעס ענלעכס האַלט מיך. מ׳איז אַזוי פעסט ווי אַ פּיראַמידע, כּל-זמן מ׳גלויבט, אַנדערע מענטשן זייגען עס אויך. אין דאָזיקן פּאַרטרויען ליגט דער בּשוף, וואָס העלפט מיט זיך דורכצוקריגן.

זעלבּסטפאַרשטענדלעך איז א סך שווערער צוצוגיין צו די מענטשן אויף דעם אופן, ווי מיר טוען עס ביים יוגנט-געריכט, ווי זיי צו באַארבעטן מיט קאָלבעס, קלעפּ און אַריינוואַרפן אין תפיסה. אָבער ציילן מיר די דערפאָלגן — קומען מיר צום באַשלוס, אַז דער מילדערער מעטאָד, ווי שווער ער זאָל נישט זיין, ווירקט אַ סך בעסער. די שולדיקע ווערן דורך אונז פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט צוריק געוווּנען, בעת אָן דעם ווערן זיי פון איר אויף אייביק אַרויסגעשטויסן. ניינציק פּראָצענט פון מיין יונגן עולם פון ביידע געשלעכטער ווערן גוטע בירגער, נישט געקוקט אויף זייער שלעכטן אָנהויב. ניינציק פּראָצענט פון די איבּריקע, וואָס מ׳באַהאַנדלט מיט שטראָפן און געוואַלט, פאַר-וואַנדלען זיך אין לעבּענסלוסטיקע פאַרברעכער. די געזעלשאַפט רופט זיי פאַרברעכער, באַהאַנדלט זיי לויט דעם און צווינגט זיי אויף דעם גלויבן, אַז זיי זענען עס ווירקלעך. דאָס קאָן באַ-וויזן ווערן פּראַקטאָקולאַריש. מיט מיידלעך איז נאָך דערביי ער-גער ווי מיט יונגלעך און יונגע מענער, באַזונדערס בעת ס׳האַנדלט זיך וועגן סעקסועלע פעלטריט. איך פיר זיי אַרויף אויפן רעכטן וועג און זיי בלייבן גוט. די געזעלשאַפט מאַכט זיי שלעכט און זיי ווערן שלעכט.

מיינט מען אָבער אונטער „דערפאָלג" באַשטראָפונג, און איז באַשטראָפונג דער צוועק פון אונדזער קרימינאַלגעריכט, פון אונדזערע תפיסות און אַלע איבעריקע שטראָפאַנשטאַלטן, דאַן דערגרייכן דידאָזיקע אַלע איינריכטונגען אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן זייער ציל, און ס׳פעלט זיי נישט מער ווי פינגער-שרויפן, פּייניקונגס-אַפּאַראַטן, זאָכעדיקער בוימאייל און נאָך אַזעלכע גו-טע זאַכן. ווייל זיי האָבן דאָך נאָך היינט דאָס שמייסן, די איינצל-קאַמער, די ברוטאַלקייט פון די תפיסה-וועכטער, דאָ אומזיסטע אַרבעט (ווייל דער נישטיקער לוין, וואָס ס׳באַקומען די אַרעס,

שירטע איז אַזוי גוט ווי גאָרנישט) די אומצאָליקע מינים טאָר־
ירן, וואָס „באַשטראָפן” אַזוי פולשטענדיק, אַז מיר דאַרפן נאָר
אויסשטעלן „זייערע ענויים, כדי אונדזער „המון” אָפּצוהאַלטן פון
לינטשן. מיר האָבן בלויז געדאַרפט בויען די תפיסה־ווענט פון
גלאָז. דער גאַנצער המון וואָלט פולשטענדיק באַפרידיקט געזעסן
פאַר דידאָזיקע גלאָז־ווענט, געסמאַקעוועט מיט די ליפן און מער
נישט געקלערט וועגן נעמען זיך אַליין צו דער אַרבעט, ווייל
זיי וואָלטן געזען, אַז זייער אייגענע נקמה קאָן שוין נישט זיין
גרויזאַמער ווי דידאָזיקע באַשטראָפונגען פון שטאַט. גלאָז־ווענט
וואָלטן געווען אַ זיכערער מיטל אויף פטור צו ווערן פון אונ־
דזער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע, דעם לינטש־געריכט. ס'וואָלט אויך
געווען ביליקער, ווייל אין דער פראַקטיק וואָלט מען קיין זאַך
נישט געדאַרפט ענדערן. די שטאַרקע אָנהענגער פון אַ „שטרענ־
גער דורכפירונג פון די געזעצן”. וואָס ווילן נישט זען די תפיסה
אַלס „לייכטן און אָנגענעמען זאויפנטהאַלט”, וואָלטן ביי די גלאָז־
ווענט געפונען אַ פולשטענדיקע באַרויקונג און זיך אויפגעהערט
צו שרעקן.

אַ ברייטערע אייסבעסערונג פון אונדזער איצטיקער יוסטיץ
וואָלט זיין, ווען מ'זאָל יערלעך איינאָרדנען אַ גורל צווישן אַלע
בירגער פון דאָזיקן פרייען לאַנד, וואָס זאָל אַנטשיידן, ווער עס
דאַרף גיין אין תפיסה און ווער נישט. דער רעזולטאַט פון דער־
ציונג וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט פונקט אַזאַ אומפּאַרטייאישע
יוסטיץ, ווי מיר האָבן זי איצט און וואָלט אויסערדעם יעדערן
פון אונדז געגעבן די געלעגנהייט כאָטש איינמאָל באַשטראָפט צו
ווערן אַלס עלנדער זינדיקער און תשובה צו טאָן. גאָט וואָלט
שוין דאַן דערויף אכטונג געגעבן און געזאָרגט דערפאַר, אַז
אויך די, וואָס האָבן נישט אַרויסגעצויגן קיין נומער צו זיצן אין
תפיסה, זאָלן קריגן דאָס, וואָס זיי קומט.

צוויי און דרייסיקסטער קאַפּיטל

איר זאָלט מיך אָבער נישט שלעכט פאַרשטיין. איך פאַרטיידיק נישט פשוט קיין שטראָף־באַפרייונג. באַשטראָפונג איז אָפט נויטיק, ס'מוז אָבער אַלנפאַלס זיין אַזאַ שטראָף, וואָס בעסערט אויס, איבערצייגט און היילט, נישט קיין נקמה, נישט קיין ענוים קשים. אין דעם זין בין איך אויך פאַר א שטרענגער דורכפירונג פון די געזעצן. ווער ס'האַנדלט קעגן די געזעצן, מוז צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל דורך דעם געראַטעוועט ווערן און נישט האָבן אויסצושטיין קיין ברוטאַלע שאַנד און פיין.

מיר פאַרטראַכטן זיך נישט גענוג וועגן דעם, אַז די סבות פון פעלער און פאַרברעכענס ליגן נישט אין דער שלעכטקייט און פאַרדאָרבנהייט פון דער מענטשלעכער נאַטור גופא, נאָר אין די לעבענספאַרהעלטענישן, וואָס טרייבן געוויסע נאַטורן זיך צוצופאַסן צום שלעכטן. אַ סך פון דידאָזיקע פאַרהעלטענישן האָבן לייכט געקאָנט געענדערט ווערן. אַנדערע אָבער זענען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער גאַנצן פעלערהאַפטיקן סאָציאַלן סיסטעם, אַז ס'איז אומגעהייער שווער זיי גובר צו זיין. אָרעמקייט, אומוויסנהייט און די אומגעשטערטע פריה ורביה פון אומטויגלעכע יורשים אונטער די אומגינסטיקסטע אומשטענדן—דאָס זענען די דריי ערגסטע, שמוציקסטע קוועלן פון אַלע אומגליקן. זיי פאַרשטאַרקן זיך מייסטנס קעגנזייטיק.

אָבער אויך רייכטום און די אומבאַגרעניצטע געלעגנהייט

פון דאָזיקן לאַנד זענען אַ גינגסטיקער באָדן פאַר פאַרברעכנס. די פאַרייניקטע שטאַטן זענען מער ווי וועלכעס נישט איז לאַנד אויסגעשטעלט דעמדאָזיקן באַזונדערן ,לאָס, די געשעפטס־און־ווילטאָג פאַרברעכנס א. א. וו.

אויב מיר נעמען אָבער אין באַטראַכט אונדזערע ריזיקע געלעגנהייטן און נסיונות צום אומרעכט־טאָן, אויב מיר טוען אַ קלער וועגן אונדזער אויסערגעוויינלעך שלעכטער דערציונג אין זין פון זיטלעכער לעבנספירונג, שניידן מיר נאָך אָפּ, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, פאַרהעלטנסמעסיק גענוג גוט. מיר דאַרפן זיך נישט מאַכן קיין צו שטאַרקע פאָרווורפן בנוגע אונדזערע חטאים. מיר דאַרפן זיי אָבער קוקן ערלעך אין פנים אַריין און באַטראַכטן מיט שכל, ווי אַזוי זיי צו באַקעמפן. אונדזער אומרעכט באַשטייט אין אַ פאַלש געלענקטער און אומבאַהערשטער, אין גרונט גענומען אָבער דורכאויס געזונטער סאָציאַלער ענערגיע, וואָס קאָן נאָר דורך דערציונג אַרויסגעפירט ווערן אויפן ריכטיקן וועג. ס'איז נישט צו שטאַרק אויסגעדריקט, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז מיר וואָלטן נישט אויף אַזוי פיל בעסער געוואָרן, נאָר אַז ס'וואָלט אונדז געפעלט פאַרשטאַנד, ענערגיע, אונטערנעמונגסלוסט, ווען מיר זאָלן זיך באַפרייען פון אונדזערע כאַראַקטעריסטישע נאַציאָנאַלע פעלערן. די ענערגיע צו מאַכן עפּעס פאַלש, איז נעמלעך אַ האָפנונגספולער צייכן. זי באַווייזט אַז מיט עפּעס מער דערציונג וואָלטן מיר געקאָנט אַנטוויקלען אַ נאָך גרעסערע ענערגיע און ריכטיקע באַהאַנדלונג.

דערציונג — דאָס איז אונדזער האָפענונג! זי איז דאָס היילמיטל פאַר אַלע פאַרהעלטנישן און אומשטענדן, פון וועלכע ס'ווערן געבוירן פאַרברעכנס. מיטן אויפשטייג פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער לאַגע דורך די רעזולטאַטן פון אַ ריכטיקער דערציונג וואָלט זיך פאַרגרעסערט דער אומפאַנג פון אונדזערע פאַמיליעס און דאָס געוויכט וואָלט זיך כסדר געניגט אויף דער זייט פון ראַסן־פאַרבעסערונג, פון ביאָלאָגישער צוגעפּאַסטקייט, פון אויטאָמאַטישער פאַרמינערונג פון יענע פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען צוליב שוואַכקייט.

נאַטירלעך וועט דידאָזיקע ענדערונג נישט קומען אין איין טאָג, זי וועט זיך אָבער אָן שום ספק לאָזן מערקן אין פופציק יאָר אַרום און ווערן אומגעהייער אין א יאָרהונדערט שפעטער.

וואָס טוען מיר היינט? מיר באַנוגענען זיך דערמיט, צו לערנען אונדזערע שולקינדער הונדערטפּראָצענטיקן אַמעריקאַניזם. דאָס וואָס מיר פאַרשטייען אונטער דעם, שליסט איין דאָס אָפּזינגען לידער ווי „אַמעריקע, דאָס ווונדערשיינע לאַנד". דאָסדאָזיקע ליד אַנטוויקלט אָבער אַ דאַנק אונזערע נאַרישקייטן א לגמרי אומריכטיק קולטור-בילד און פיטערט די קינדער מיט לויטער האַלבע אמתן. אויסער דעם לערנען מיר זיי צו גריסן די פאָן, וואָס איז אַן און פאַר זיך אייגנטלעך ריכטיק, ווען מיר זאָלן דערביי אונדזערע יורשים גלייך דערקלערן, וויאַזוי מ'דאַרף די דאָזיקע פאָן דורך א געזונטער לעבנסאנשויאונג און לעבנס-פירונג קאָנען איינהאַלטן.

איך גלויב אין אַמעריקעס גרויסע באַשטימונג. מיר זענען א בריק צו א ווייטער צוקונפט, צו אידעאַלע מעשים, צו גייסטיקע הויכקייטן. ווי וואָלט זיין, ווען מיר זאָלן דידאָזיקע גרויסע דערגרייכונגען, צו וועלכע מיר זענען נאָך אַליין נישט צוגעקומען דורך אונדזערע באַשטרעבונגען, צוגערוקט נענטער, אז זיי זאָלן נישט בלייבן שטעקן אין נעפּל פון די יאָרטויזנטער, נאָר שוין אין משך פון די קומענדיקע יאָרהונדערטער זיך טאַקע אַרויסווייזן? וואָס פאַר א ירושה וואָלטן מיר דאַן איבערגעלאָזט!

געשווינטקייט איז דאָס וואָרט. געשווינטקייט איז דער גרונט-טאָן, מיט וועלכן ס'איז געשטימט אונדזער גאַנצע נאַציאָנאַלע האַרמאָניע. פאַר דידאָזיקע לעצטע פופציק יאָר האָבן מיר באמת אין מאַטעריעלער הינזיכט געמאַכט אזאַ טריט. וואָס האָט נויטווענדיקערווייז געדינט פאַר אונזערע קינדער אַלס א שטאַרקער אָנשפּאָרנונג צום גייסטיקן לעבן, יאָ, וואָס האָט שוין היינט ביי אונדזער צעדרייטער יונגער גענעראַציע אַרויסגערופן געוויסע שטרעבונגען, אַזוי גרויסאַרטיק און מוטפול, ווי זייער יוגנט גופא.

געפערלעך? יאָ, געפאַר איז א באַגלייט-דערשיינונג פון

אַלע אַנטדעקונגען, פֿון אַלץ, וואָס איז ניי. ס'איז אָבער בעסער דרייסט און מוטיק צו פֿאָרן מיטן זונען-וואָגן דורך די הימלען און מיטאַגצייט זיך צעראַפּצוניזוקן, איידער צו זיצן פּויל אונטן אין לאַנד, ווי אַלץ בלייבט אַזוי, ווי ס'איז געווען...

און אָט זענען מיר צוריק אויפֿן אָרט, פֿון וואַנען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. מיין ווערק מוז גיין ווייטער. איך קאָן נאָר האָפֿן, אַז מיט דער צייט וועלן זיך אַ סך דערין באַטייליקן, ווייל די וועלט איז היינט רייף פֿאַר אַ נייעם באַרוף, פֿאַרן באַרוף פֿון קינסטלערישער השלמה פֿון מענטשן, אַ קיניגלעכער פּריסטערטום, אויב מ'וויל, צו וועלכן ס'קאָנען געהערן אַלע, וואָס האָבן אויג און האַנט ווי אַ קינסטלער פֿאַר דער אַרבעט אַרום מענטשן, כּדי אויסצובעסערן פֿעלערן און אויסצוגלייכן קרומע ליניעס. אפֿשר וועט דאָסדאָזיקע בוך צוהעלפֿן דערצו, אויסצולייזן געדאַנקען און איבערצייגונגען, וואָס האָבן שוין ביי אַנדערע לעזער גאַנץ לאַנג מער אָדער ווייניקער געלעבט און זיך געניטיקט בלויז אין לעצטן שטויס, כּדי זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין ווירקן, אין מעשׂים. באַזונדערס האָף איך, אַז דידאָזיקע בלעטער וועלן נישט איין יונגען מענטשן פֿאַרשאַפֿן אַ בעסערע פֿאַרשטענדעניש וועגן זיך גופֿא, מער האָפֿענונג און מוט צום לעבן. זיי אַלע וואָלט איך וועלן זאָגן נאָכאַמאָל:

„וואַרפֿט אַוועק אונטער זיך דאָס באַוווסטזיין פֿון זינד און שולדיק זיין! אָרדנט איין אייער לעבן ביי און געזונט און האָט נישט קיין מורא. זייט פֿול מיט מוט! און פּרוווט אייערע קינדער גלייך מיטצוגעבן די מתּנה פֿון שכלדיקער פֿרייהייט, וואָס קאָן אירע אייגענע אינערלעכע ווערטן, וואָס האָט איר ריינעם געבילדעטן געשמאַק און רעכטמעסיקן געזונטן שטרעבן.

איך האָב געטראַכט צו זיין ערלעך און טאַקע דערווייזן דעם אמת פֿון נעשעענע פֿאַקטן, אויף אַזאַ אופֿן, וואָס ווירקט נישט אַזוי אָפּשרעקנדיק אויף מענטשן, וועלכע עס באַאומרויקט יעדע אָפּווייכונג פֿון זייער געוויינטן געדאַנקען-גאַנג, וועלכע גלויבן, אַז אין דער געוווינהייט און דער אַלטער טראַדיציע קאָן מען געפֿינען אַ טרייסט, און זעען אין ראַדיקאַליזם, וואָס פֿאָרשט און

גראָבט אונטער די וואָרצלען פון אַלע זאַכן, נישט מער ווי אומשכל און אומנוצלעכע געמאַר. פון די וואָרצלען אויס מוז אָבער קומען דאָס בייזע לעבן, און עס אַנטוויקלט זיך פראַכטפול און מערט זיך אין דער זון. און עס טרוימט, בעת עס מערט זיך און טרוימט וועגן די אַלע אומענדלעכע זאַכן, צו וועלכע עס ציט זיך אַזוי מעכטיק, אַזוי סודותפול. דאָס איז פאַר מיר די באַדייטונג פון ראַדיקאַליזם און די אויפפאַסונג, וואָס זעט אים נאָר אַלס איבערפלעכלעכן, ריקזיכטלאָזן עקסטרעמיזם, איז אַליין אַזוי איבערפלעכלעך, ווי עס איז ס'רוב דאָס קאָנסערוואַטיווע דענקן. קאָנסערוואַטיוו דענקן האָט בלויז צו טאָן מיט דער אויבערפלאַך פון זאַכן, נישט מיט זייער אינערלעכקייט, ווייל עס שטרעבט צו דערהאַלטן די וועלט, אַזוי ווי זי איז.

מיר אָבער און דער גאַנצער מענטשהייט אינטערעסירן די וואָרצלען פון מענטשלעכן לעבן, דאָרט ווו זיי צווייגן זיך פאַנאַנדער און פאַרלירן זיך אין דער אומענדלעכער פינצטערניש, אין די שטומע ווינקלען פון ערדישן קיניגרייך. מיר שעצן צו גרינג די פרייַנטלעכע ערד, פון וועלכער די הימלגרייכנדיקע בוימער ציען זייער יניקה. מיר רופן זי „שמוץ"; מיר טרעטן אויף אונדזער ברודער. דעם וואָרם; מיר געפינען אין דעמדאָזיקן פאַרבאָרגענעם, צאַרטן טייך פון לעבן קיין דעמערנדיקס, טרוימערישס, ליבלעכס, נאָר בלויז פרימיטיווע ליחה און נאַסע ערד. מיר מיידן אויס צו חלומען און צו האָבן חזיונות. און אין דעם שטעקט אונדזער טויט... אָבער ניין! אין אונדזערע טעג האָבן די מענטשן-קינדער דאָך אָנגעהויבן צו טרוימען און ווילן דאָס פייערלעך צוגעזאָגטע לאַנד, וואָס אפילו משה האָט אַליין נישט דערגרייכט, ווייניקסטנס פאַר זייערע יורשים געווונען—דאָס פייערלעך צוגעזאָגטע לאַנד. אַ חלום, וואָס ווערט וואָר.

סוף

פאַרלאַג י. א. צוקער, וואַרשע, דזשעלנע 18

ל ו ד ו י ג ר ע ן

מ ל ח מ ה

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון עלים באָרנשטיין

וואס שרייבט די גרויסע וועלט-פּרעסע איבער דעמדאָזיקן בוך?

„פאָרווערטס", בערלין:

„רענס בוך באַטייט אַ סך מער, ווי רעמאַרק. ביי רענען געפינט דער לעזער דאָס רוימאַטעריאַל, פון וועלכן מען קאָן אויפבויען אַ סך אַזעלכע ביכער, ווי „אויפן מערב-פראָנט קיין נייעס".

„דער מייסטער", בערלין:

„...אָבער רענס „מלחמה" שטייט מיט אַ טורעם העכער פון רעמאַרק. רען האָט בשלימות אויסגעפירט די אויפגאַבע פונם דיכטער, צו איבערגעבן די מלחמה-איבערלעבענישן אין זייער גאַנצער ברייטקייט און טיף".

„דייטשע פירערבריוו":

„...זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן: רענס ראָמאַן איז אַ סך ווערטפולער ווי רעמאַרקס... עס איז באמת דאָס בוך פון דעם פּשוטן פראָנטזעלנער".

„בלעטער פאַר ביכערפריינד":

„...רען האָט אין זיין „מלחמה" געגעבן די פּשוטסטע, איינדרוקפולסטע באַשרייבונג"...

„די קונסטוואַרט", מינכען:

„...עס איז דאָס לעבן אַליין, דער פרישער אויגנבליק, דאָס כסדרדיקע זעען, הערן, פאַרשטיין, טון — אין יעדער שורה"...

408 זייטן אין צוויי גרויסע בענד, פרייז 10.50 זל.

יעדע טייל באַזונדער 5.50 זל.